STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01820

# YUDISHE KSOVIM FUN A VAYTEN KOREV

Micah Joseph Berdichevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יודישע כתבים

פון א ווייטען קרוב.

עדשטער באנד:

## פון היינט און פון אמאל.

פיעראונצוואנציג געשיכטען צום לייענען.

געדרוקט

על ידי

מיכה יוסף ברדיצבסקי.

פערלאג „ליטעראטור“, ווארשא.

Тип· Пименть и Швабе ВАРШАВА Сѣраковская № 4

# אינהאַלט:

## אַלטע מעשיות.

1 דער עונש אָדער אַ נייַע חולדה ובור.
2 גדי (אַ מעשה מיט אַ מוסר).
3 טרערען (אַ מעשה פונ'ם חורבן).
4 שולמית (אַ צווייטער מעשה פונ'ם חורבן).
5 חתן-כלה (אַ מעשה).
6 צוויי ברידער (אַ מעשה פונ'ם מדרש).

## נייע מעשיות.

7 דבורה אָדער דער הספד (אַ בלעטיל געשיכטע).
8 דער נסיון (אַ דאָרפס-געשיכטע).
9 אַ וועלט מיט וועלטעליך!
10 די געפלאַצטע סטרונע (אַ מעשה פון צוויי כלי-זמר).
11 דער אורח (אַ מעשה נורא פון אַ אומגליקליכען, וואָס האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין זיין פאָטער).
12 דער קאָוואל (ווידער אַ מעשה נורא).

## פערשיעדענע געשיכטען.

13 דער בן יחיד [א מעשה פונ'ם לעבען].
14 פסול געוואָרען [א מעשה פון א שוחט].
15 פון דער סלוושבע [א אמת'ע מעשה].
16 די פיער שטעקענס.
17 וואָס ס'טרעפט זיך.
18 די געשיכטע פונ'ם אומגעקערטען פאנטאָפעל.

## בילדער.

19 די התחלה פון ראוב'לע נאַטאַנזאָהן.
20 זיידע.
21 די בני שמעון און די בני לוי.
22 לייבוש מאיר דער קאָלעלעפעל.
23 דער ליגנער.
24 אין דער וועלט אריין.

# אלטע מעשיות.

# דער עונש

## אָדער אַ נייע חולדה ובור.

# דער עונש

אָדער

# א נייע חולדה ובור.

---

## א

געווידמעט דעם נודר-נצחי.

— יאָ, ס'איז דאָ אַ גאָט, ס'איז דאָ גערעכטיגקייט און מען משפּט אויבען, און אַלץ וואָס דער מענש טהוט דאָ אונטען, ווערט איבען פערשריבען אין ספר הזכרונות. סיי גוטעס סיי בייז, ווערט דאָרט פערצייכענט און פערשריבען אין ספר הזכרונות, און אַז ס'קומט די צייט צו בעצאָהלען, בעצאָהלט מען. מילא, אַז אַ מענש זינדיגט לשמים, דאַווענט נישט צו דער צייט, צו עס פערוקט זיך איהם דער תפילין של ראש, צו ער טהוט טאַקע אַ אמת'ע עבירה, ווי חלול שבת, שטראָפט מען אודאי. דערפאַר אָבער, אַז מען טהוט תשובה, מען פאַסט, מען צעוויינט זיך ביי דער שמונה עשרה, צי ביי אַ קאַפּיטעל תהלים, איז גאָט מוחל. ווי זאָגען די חכמים: גדולה תשובה; תשובה איז אַ גרויסע זאַך: מען בעט זיך איבער מיט דעם אייבערשטען, און פערשטאָפּט ווערט אויף איינמאָל דאָס מויל פון אַלע מקטרגים, וואָס האָבען גאָרנישט צו טהון אויף יענער וועלט, ווי נאָר אַרויסצוזוכען כל עוונות ופשעים פון אַ מענשען און אויף איהם מקטרג צו זיין. קעגען תשובה האָט אפילו דער שטן קיין שליטה נישט; און אַז גאָט זאָגט: איך בין מוחל פלוני בן פלוני אויף יענע און יענע זינד, וואָס ער האָט געטהון, דערפאַר ווייל ער

האָט זיך צוריקגעקעהרט צו מיר און האָט אין האַרצען דרשה, מוזען זיין, די מקטרגים, שווייגען און נאָכגעגעבען. אַזוי איז דאָס זינט גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען, און אַזוי שטעהט עס געשריבען אין די ספרים הקדושים... און אַפילו אַז עס וואָלט נישט געשטאַנען אַזוי געשריבען, וואָלט דער שכל אַליין געקאָנט מחייב זיין, אַז אַזוי בעדאַרף עס זיין, אַז מען מוז קאָנען נישט גוטעס צוריק גוט מאַכען, וואָרום ווען חלילה נישט, וואָלט די וועלט נישט געקאָנט קיין שום קיום האָבען. דער מענש האָט אַ יצר הרע און עס ליעגט שוין אַזוי אין דער טבע אַמאָל אַראָבצוגעהן פון דעם דרך הטוב והישר. וואָלט דאָס געווען אויף תמיד פערפאַלען, וואָלט מען נישט גע־געקאָנט דאָס שלעכטס צוריק פערריכטען; איך פרעג אייך, וואָס וואָלט פון אונז אַלע געוואָרען, בעונותינו הרבים?

דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט געוואָרען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, אין עבירות לשמים. גאָט וואָס האָט אַליין בעפוילען אָט די אַלע מצות, קאָן אויף זיין קרויוודע מותר זיין. דערפאַר אַליין איז ער טאַקע דער אל רחום וחנון. איז אָבער אַ מענש עובר אויף אַן עבירה בין אדם לחברו, טהוט עמיצען שלעכטס, האָט נישט רחמנות, וואו מען בעדאַרף האָבען רחמנות, רעדט רכילות און לשון הרע, בארגט ביי אַנאַנדערען געלד און וויל נישט בעצאָהלען, אָדער איז עמיצען מבזה און איז איהם שופך דם, צו גאָר חלילה זיך טשעפּען מיט אַ אַלמנה, צו מיט אַ יתום — דאָס איז, רבותי, קיין קאַטאָוועס נישט; אין די זאַכען איז גאָט אַ מהמיר מורא׳דיג, און דאָ איז נישט פאַרהאַן ביי איהם קיין סליחה און קיין מחילה נישט, ביז מען האָט יענעם נישט איבערגעבעטען און נישט אָבגעווישט די עולה. איהר מעגט צוויי פּאָר תפילין לעגען, דאַווענען ווי אַ יוד, און מקיים זיין אַלע מצות, העלפט דאָס אַלץ נישט; אויב אַ מענש האָט עפּעס אין האַרצען קעגען אייך. ווי זאָגט דער נביא: למה לי רוב זבחיכם? וואָס טויג מיר אייער פרומקייט און אייער לערנערין, אַז נאָר איין מענש האָט זיך אויף אייך צו בעקלאָגען.

רעכענט דער מענש זיין חשיבות קעגען דעם הימעל און וויל זיין אַ מיוחס און זיך נאָר איבערנעהמען אויף אַ ווייל, האָבט מען

איהם באַלד אָב די פליגעל: ווער ביזטו און וואָס ביזטו מיט דיין גדלות? יסודך מעפר וסופך לעפר! פון שטויב ביזטו און שטויב וועסטו ווערען. טהוט אָבער אַ מענש שלעכטס קעגען אַנאַנדערען מענשען, איז דאָס גאָר אַנאַנדערע חשבון. איטליכער מענש אפילו דער מינדעסטער, יאָ דער פחות שבפחותים איז ביי גאָט אַזוי חשוב, אַז ער קאָן, אויב מ'האָט איהם שלעכטס געטהון, אַ גאַנצע שטאָדט חרוב מאַכען זיינעטוועגען און אַז די גאולה קומט און משיח שטעהט שוין פאַר דער טהיר און אָט, אָט, דאַרפען אַלע יודען דערלייזט ווערען און איין אַלמנה לאָזט אַ טרער, דערפאַר וואָס מען האָט איהר געטהון אַן עולה, קומט די איין טרער פאַרן כסא הכבוד, און גאָט הויבט זי אויף צו זיך און קוקט אויף איהר און זאָגט, משיח זאָל זיך אומקעהרען אין מקום אַריין, דער דור איז נישט זוכה, מ'זאָל אין נאָך לאַנג, לאַנג בלייבען אין גלות...

---

## ב.

פאַר צייטען האָט געלעבט אין אַ שטאָדט אַן אַלמנה מיט דריי מיידלעך, און אַלע זענען זיי געווען שען. נאָר געלד האָט זי צו זיי נישט געהאַט. גאַנץ אָרים איז זי אפילו נישט געווען, וואָרום זי האָט האָט געהאַט אַ קליינע שטוב מיט דעם רעשט פון אַ מעמד, אָבער דאָס איז נאָך ווייט פון אַ קליין זעקעל גאָלדענע רענדלעך, און אויך יענע יאָהרען האָט מען נישט געקאָנט אַוועקגעבען אַ מיידעל אומזיסט, נישט אָבצוצעהלען אויפ'ן טיש הונדערט רענדלעך, צו האָטשי פופציג. — אָט דאָ איז איהר אָבער באַשערט געווען אַ גליק, צו טהון אַ שדוך מיט דעם עלטערען מיידעל, און אַ גוטען שדוך. דער חתן איז געווען אַ יונגעל פון לערנען און פון אַ גוט הויז און וויל זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבען, איז ער מיט אַכצעהן יאָהר שוין געווען פאַר זיך אַליין אַ בעל-הבית. אַדאי האָט זיך די אַלמנה זעהר געפרעהט און דאָס מיידעל אויך. און הארצען — יונגער; אַז זי האָט אויף איינמאָל וועמען צו טראַכטען און

װעמען זיך אויסמאָלען...

ס'איז שוין געװען אװעקגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים נאָך די תּנאים. מיט איינמאָל האָט זיך דער חתן מישב געװען און אָבגעלאָזט דעם שדוך. פאַר װאָס האָט ער דאָס געטהון? האָט זיך איהם געטראָפען אַנ'אַנדערע שדוך, צי אַ קרובים אַ מיידעל? װער קאָן דאָס װיסען, און װער קאָן זיך געהן אָנגעדענקען אַלץ, װאָס מען האָט געטהון יונגערהייט? —

די ביידע כלה איז אויך געװען אַ װאויל מיידעל און אַ שטילע, און נאָך דער חתונה איז ער מצליח געװען מיט איהר, און האָט גאָר פערגעסען אָן יענער אַלמנה, אַז זי האָט געהאַט אַ טאָכטער... און דער חדוש איז, אַז זרח — אַזוי האָט ער געהייסען, איז געװען אַ מענש מיט אַ האַרץ און אַנ'עהרליכער, װאָס האָט קיינעם נישט געקרימט אַ האָר צי גאָר געטהון עמיצען אַנ'עולה. און ער איז טאַקע געװאָרען דער איש חשוב ונכבד בין הבריות, און מיט צירלען זיין װייב האָט ער געלעבט בנעימות גוט און פיין. אין אַלעם, װאָס זרח האָט געטהון, איז ער מצליח געװען, ער איז געװאָרען אין אַ קורצער צייט אַנ'עושר און האָט זיך אויפגעבויט אַ הויז. צירעל זיין װייב האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ דימענט, און זי האָט טאַקע נישט אַװעקגעלאָזט קיין אָרימאַן און קיין הונגעריגען, איידער זי האָט איהם נישט געגעבען צו עסען און צו טרינקען. אַזוי האָבען זיי ביידע געלעבט גליקליך, און ס'איז געװען אַ פּאַר גאָט און פּאַר לייט. װאָס װאָלט זיי ביידען געפעהלט? אָבער װי זאָגט דער פּסוק: ויהי ערב ויהי בקר! דאָרט װאו ס'איז דאָ ליכט, איז דאָ פינסטערניש. ס'איז שוין אַזוי אין דער װעלט, אַז גאָלע גוטס איז נישטאָ, אַזוי האָט אויך ביי זרח'ן און ביי צירלען געמוזט זיין אַ שטן אין זייער לעבען.

אַז ס'איז אַװעק געגאַנגען דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה, איז זיי געבוירען דאָס ערשטע קינד, אַ יונגעל. און ס'איז געװען ששון ושמחה. מיט אַ קריאת־שמע־לייענען פאַר קינד און קייט, אויפ'ן ברית האָט מען גערופען די גאַנצע שטאָדט און מען האָט אַראָבגעבראַכט כלי־זמר, װי אויף אַ חתונה, און דאָ אינמיטען דער סעודה, אַז דער עולם האָט געהאַלטען אין איין עסען און טרינקען און זרחס פּנים האָט געלויכט קוקענדיג אויף זיינע געסט, װאָס האָבען איהם אַלע

געווינשט גליק, איהם און זיין ווהן, לויטט אריין די באבע מיט א געשריי: קומט אהער צום קינד, מיט דעם קינד איז אויס!. און אז זרח איז אריינגעפאלען אין שטוב, וואו דאס קינד איז געלעגען, האט ער עס געפונען טויט. גארנישט, ווי א אויסהאפּענעש!...

אין א יאהר ארום איז זיי געבוירען געווארען דאס צווייטע יונגעל, און זרח און צירעל האבען געדאנקט גאט, וואס האט זיי אזוי גיך בעצאהלט דעם טויט פונ'ם ערשטען קינד. ווידער האט מען געמאכט גרויסע הכנות צום ברית. און אינמיטען סעודה האט מען ווידער דערהערט א געשריי, און אין א שעה ארום איז שוין דא דער קברות־יוד... און אז דאס דריטע קינד איז געקומען אין א יאהר ארום, האט מען אבגעלעגט דעם ברית, טאמער מתו אחיו מחמת מילה, אבער דאס האט גאר נישט געהאלפען און אויך דאס קינד איז געשטארבען אויף דער נאכט, אז די מוטער איז שוין געווען אנטשלאפען געווארען, און געחייגט האט מען דאסמאל, ווי נאך א גרויסען. —

און עס האט געזאלט קומען דאס פירטע קינד, איז מען שוין געווען א חודש פריהער מרה־שחורה'דיג. און צירלען האבען זיך אלץ געחלומ'ט חלומות. אמאל האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי איז פערבלאנדזשעט געווארען און האט געהערט, ווי די טויטע קינדער שרייען נאך דער מוטער.. זי האט זיך אויסגעהאפּט און איז געווען ווי צוטישט. זרח האט געמוזט אראבגעהן פון זיין בעט און אנצינדען א ליכט. וואס מען האט איבערגעטהון, קאנט איהר אייך אויסמאלען: וואו א מזוזה, האט מען דורכגעזעהן און אלץ בודק געווען די איזוועגס, די שוועלען, און תשובה געטהון און זיך אויסגעוויינט פאר גאט, און צדקה געטהון און נדרים, געגעבען ליכט אין שוהל אריין און געלאזט מאכען א נייעם פלויט ארום דעם פעלד, כדי גוט צו מאכען די מתים — עפּיס ביי יודען פארהאן קארג עצות?

און דער סוף איז געווען, אז אויך דעם האט גאט צוגענומען. א פנים מען האט דארט זיך איינגעשפארט... זרח און צירעל געהען ארום מרויערינ, צו דעם קלאגען איז מען שוין געוועהנט. און אז מען האט זיך אנידערגעזעצט צום טיש, האט זיך קיינער נישט דערוועגט אויפצוהויבען דעם קאפּ, אזוי איז געווען דער וועדהאג גרויס.

צירעל האט זיך געטראכט, אז ס'וואלט געווען בעסער, אז זי וואלט גאר קיין קינדער ניט געהאט, און זרח האט אפילו נישט געהאט אזוינע געדאנקען, אבער עס האט איהם געריסען דאס הארץ קוקענדיג אויף זיין ווייב, ווי אזוי זי איז זיך מצער. דערווייל איז מען א טרוד מען מוז אין זין האבען אנדערע זאכען מיט אנדערעס מיט קוויטעס; יענע יאהרען ביי די מלכי רוסיה ופולין! און אזוי איז צירעל ווידער פאר־געגאנגען אין טראגען, און אז זרח האט זי א פרעג געטהון, לאזט זי ארויס א געוויין. זאגט איהר נישט דאס הארץ, אז דאסמאל ווערט ווידער אלין זיין לבטלה. וואס מוטשעט מען זי אומזיסט? א לעבען! געהן ארום ניין הדשים אין זיך זאגען: דאס קינד, וואס דו וועסט האבען, וועסט נישט דער'עבען אויפצוציהען, מען נעהמט עס אוועק ביי נאכט צו ניין טעג, און דו שטעהסט און קאנסט נישט העלפען. וואלט עס האטשי געווען קראנק, איך וויים מען טהוט עפעס, מען רופט דאקטוירים. אבער אזוי געבען א מאמען א קינד אויף דער דעה עס אוועקצונעהמען, וואס פאר א הארץ מוז מען דערצו האבען? און דער אויבערשטער איז דאך א רחמן! דורך די נעכט איז זי נישט געשלאפען און האט אלין געטראכט, ווי וועט דאס זיין מיט ן פ נפטען קינד, דאסמאל מוז דאס לעבען, זי וועט נעהמען דאס קינד און וועט קומען פארן רבונו של עולם אליין...

און אז זי איז געלעגען געווארען, האט מען אלע פענסטער פערהאנגען, נישט צוגעלאזט קיין דעך, וואו א ווינקעל האט מען צוגעקלעבט שיר המעלות'ן און צעטלעך און קמעות. פרומע יודען זענען געזעסען און האבען געלערנט דורך די נעכט משניות, מקבלים האבען געזאגט תהלים שטילערהייד און דאסמאל שלא על מנת לקבל פרס; איטליכען האט וועה געטהון דאס הארץ, קוקענדיג אויף דער אומגליקליכער מוטער.

און טויט, טויט, טויט! אויפ'ן ניינטען טאג! נאך פאר א שעה האט איהם די מוטער גענומען צו דער ברוסט, עס ליעגט דא איינגעוויקעלט אין ווייסען קישעלע און קוקט מיט די אויגעלעך. און פלוצים א רעכעל, און זיי זענען געשלאפען אויף אייביג. דער מלאך המות מוז האבען א הארץ ווי א שטיין!

אז נבהלו זרח וצירעל אשתו, דאסמאל האט זיך זרח און זין

ווייב צירעל שטארק דערשראקען און האבען אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז דאס איז א עונש מן השמים, אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו געפינען דעם חטא. פארלאזט האט זרח זיינע עסקים. צו וואס טויג איהם דאס גאנצע עשירות, אז גאט האט איהם אזוי געשטראפט? און צירעל האט שוין גארנישט געוואוסט וואס צו טראכטען, קיין טרעהר איז נישט ארויס מעהר פון אויג, ווי פעק זעגען זיי געלעגען די אויסגעוויינטע תחנות פון פריהער — וואס האבען זיי איהר געהאלפען? וואלט ביי איהר געוועזן דער צער פון טראגען גרוים, צו וואלט איהר דאס האבען אנגעקומען שווער, ניין, מוז איהר אלץ זיין לייכט און גרינג, כדי צו דערלעבען שפעטער אזא צער... אז דו האסט שוין צוגענומען דאס ערשטע, האט זי גערופען צו גאט, וואס טויג דיר נאך דאס צווייטע און אלע זיינע ברידער?

און ווי איך שרייב אט די שורות, ווייס איך, אז עס וועלען קומען מענשען און וועלען דאס לייענען און וועלען פרעגען: אלה הצאן מה חטאו? וואס זענען שולדיג די קליינע נפשות'לעך, אז גאט זאל זיי צונעהמען אזוי גיך פון דער וועלט? און איך אליין פרעג דאס אויך בשעת מעשה. אבער תיכף גיב איך מיר צוריק א פרעגע: וכי חשוד קודשא בריך הוא לעבד דינא בלא דיינא? איז דען גאט דער שופט רמים, וואס קוקט אויף צדק ומשפט, חשוד צו נעהמען מענשען און זיי שטראפען אומזיסט און אומנישט? איך בעט אייך לייענט ווייטער. —

ג.

צו דער צייט האט אנגעהויבען נתפרסם צו ווערען ביי יודען דער חוזה, רבי יצחק'ל לובלינער, איינער פון יענע גרויסע לייט, וואס איז אפילו געוועזן א חידוש ביי צדיקים מיט זיין צדקות, און מיט זיין עבודה און מיט זיין נאהענטקייט צו גאט. און געזעהן האט ער וואס עס טוהט זיך אויף הונדערטער מייל ווי א אמת'ער נביא, און

אַז ער האָט אויפגעהויבען די ברעמען און האָט אַ קוק געטהון אויף אַ מענשען, האָט ער געוואוסט וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטהון און וואָס עס וועט מיט איהם זיין, און דערפאַר האָט מען איהם טאַקע גערופען דער חוזה, דער זעהער...

ווי זרח האָט דערהערט פון איהם דערצעהלען די נסים ונפלאות, איז ער געטרעטען פאַר זיין ווייב צירלען און האָט צו איהר געזאָגט: צירעל־לעב, הער אויף צו וויינען, איך וועל אריבערפאָהרען קיין לובלין צום חוזה, און ער וועט גאָט בעטען פאַר אונז און וועט אונז העלפען. עס שטעהט דאָך געשריעבען: היד אלהים תקצר? גאָט וועט אונז ניט פאַרלאָזען און וועט זיך סוף כל סוף אויף אונז מרחם זיין. אַדאַי האָט איהם צירעל געגעבען רשות, און אַז עס איז געגאַנגען די ערשטע בויד קיין לובלין, האָט ער זיך אַריינגעזעצט און איז געפאָהרען.

דעם גאַנצען וועג איז זרח געווען אומעטיג און האָט אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי טרעט מען פאַר אַזאַ צדיק, און ווי הויבט מען אָן איהם אַלץ צו דערצעהלען פון אָנהויב אָן, אָבער דער בטחון האָט איהם מחזק געווען. אין אַ פרייטאָג אין דער פריה האָט זיך בעוויזען פון וויטען די שטאָדט לובלין. זרח'ס האַרץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען און ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך געפינען אַן ענטפער אויף מיינע שאלות וספקות. אָנגעקומען אויף דער אַכסניה, האָט ער זיך גלייך איבערגעטהון, געגאַנגען אין וואַסער אַריין און זיך געשטעלט דאַוועגען: ער האָט געבעטען צו גאָט, ער זאָל איהם העלפען אויסגלייכען אין זיך איטליכם קנייטשעל און האָט זיך שטאַרק מכין געווען צו קבלת־פנים פונ'ם גרויסען רבי'ן. עפּעס איז איהם אויסגעקומען אויפ'ן וועג צום חוזה, אַז ער קומט איצט פאַר'ן כהן גדול, און טאָמער גיט ער איהם גאָר אַ פרעג, פאַרוואָס ער האָט ניט געבראַכט קיין קרבן...

ויהי בצעדו על סף משכן בית הצדיק, און ווי ער האָט בעטרעטען די שוועל פון רבי יצחק'ל און האָט געזעהן דעם רבי'ן זיצען אויפ'ן שטוהל מיט דער לאַנגער זילבערנער באָרד און אָנגעטהון אין ווייס, ותארו כתואר פני אלהים, און דאָס פנים האָט געשיינט, ווי אַ מלכות, אַז מען האָט געזעהן בחוש, אַז די שכינה רוהט אויף

אִיהם, אִיז אוֹיף אִיהם גֶעפַאלֶען אַ אֵימה וּפחד, עֶר אִיז גֶעבּלִיבֶּען שְׁטֶעהן אוֹיף דֶער שְׁוועֶל אוּן הָאט נִיט גֶעקָאנט אַ טְרֶעט טְהוּן ווייטֶער. דֶער הוזה הָאט זִיךְ אָבֶּער אוֹיפגֶעהוֹיבֶּען פוּן שְׁטוּהל, אִיז צוּגֶעגַאנגֶען צוּ'ם אוֹרח, הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען שלום אוּן הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט: אִיךְ ווייס, דוּ הייסט זרח אוּן דוּ קוּמסט צוּ מִיר ווענֶען אַ שְׁווערֶע הַארְץ פוּן קִינְדֶער. פָאהר אַהיים תיכף נָאךְ שבּת אוּן צֶעטייל הַיינְ גֶעלד אִין דְרייא חלקים, אֵיין טייל גִיבּ אַוועֶק פַאר אָרִימֶע לייט, דֶעם אַנדֶערֶען טייל לָאז אִיבֶּער דיין ווייבּ אוּן דֶעם דְרִיטֶען טייל בּייט אוֹיס אִין רֶענדלֶעךְ אוּן נֶעהם דָאס מִיט מִיט דִיר אִין ווענ אַריין. אוּן דוּ אַליין לָאז זִיךְ אַוועֶק אִין דֶער וועֶלט, גִיבּ לעת עתה פוּנ'ם גֶעלד נִיט אוֹיס, גֶעה פוּן אֵיין שְׁטָאדט אִין דִי אַנדֶערֶע, אוּן זוּךְ אוּן פְרֶעג, בִּיז דוּ ווֶעסְט עֶמִיצֶען גֶעפִינֶען, וואָס ווֶעט דִיר זָאגֶען דִי סבה פוּן דיין עוֹנש; אוּן אַז גָאט ווֶעט דִיר דֶערהֶערֶען, אוּן דֶער ווֶעט דִיר מוֹחל זיין, וּנסלה לך, ווֶעט פוּן דִיר אַראָבּגֶענוּמֶען ווערֶען דֶער גזר־דין, אוּן דוּ ווֶעסְט הָאבֶּען אַ זרע של קימא.״

ויהי כשמוע זרח את הדברים האלה, אוּן אַז זרח הָאט דֶערהֶערט דִי דָאזִיגֶע ווערטֶער, אִיז עֶר גֶעפַאלֶען דֶעם הוזה צוּ דִי פִּיס, אוּן הָאט אָנגֶעהוֹיבֶּען צוּ ווֵיינֶען: „רבי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, טְהוּט מִיר אַלִיךְ, וואָס אִיהר ווילט, גִיט מִיר אַרוֹיס אַ תשובה, אָבֶּער זָאגְט מִיר נָאר אֵיינְס: וואָס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינדִיגְט, אַז גָאט הָאט מִיךְ אַזוֹי גֶעשְׁטְרָאפְט?״

רבי יצחק'ל הָאט אָבֶּער אוֹיפגֶעהוֹיבֶּען נָאךְ אַמָאל זיינֶע בְּרֶעמֶען אוּן אַ קוּק גֶעטְהוּן אוֹיף זרח'ן אוּן גֶעזָאגְט: „אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט, וואָס דוּ הָאסט צוּ טְהוּן, פָאהר אַהיים אוּן פָאלְג מִיךְ, גזרה היא מלפני! אַזוֹי אִיז אוֹיף דִיר נגזר גֶעוואָרֶען.״

וישב זרח בפחי נפש, אוּן זרח אִיז צוּרִיקְגֶעפָאהרֶען אַהיים מִיט אַ שְׁווערֶער הַארְץ. עֶר הָאט פֶערשְׁטַאנֶען, אַז דֶער הוזה הָאט נִיט גֶעמֵיינְט אַ זוּכֶען אוֹיף אַ פָּאר הדשים; ווֶער ווייס, ווִי לַאנְג דָאס קָאן גֶעדוֹיערֶען, דֶער גַאנצֶער ענין אִיז אִיהם אוֹיסגֶעקוּמֶען, ווִי אַ שְׁווערֶע הָלוֹם. הָאט עֶר חס וחלילה נושא ונותן גֶעווען שלא באמונה? הָאט בּיי אִיהם אִיבֶּערגֶענעֶכטִיגְט יֶענֶעמ'ס אַ פקדון אִיבֶּער דֶער צייט? הָאט עֶר אַמָאל מפסיק גֶעווען בּיים דַאווֶנֶען, וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט מפסיק זיין? הָאט עֶר הס־ושלום פוגע גֶעווען אִין עונות, וואָס עֶר הִיט זִיךְ

פאר זיי דיי פאר פייער? וואו ער זוכט, זעהט ער ניט, פארוואס עס קומט איהם דער גלות?

ויהי כבואו לביתו, און אז זרח איז געקומען אהיים און האט אלץ דערצעהלט צירלען, וואס דער חוזה האט איהם געזאגט, האט צירל זיך אבער גארנישט דערשראקען און ערשט אצונד האט ער געזעהן, אז זי האט די אמת'ע אמונת־חכמים און דעם גרויסען בטחון, דאנק דאך גאט, זרח־לעב, האט זי געזאגט, אז ער האט דיר צוגעשיקט דעם געדאנק צו פאהרען צום נביא. טהו, וואס דער צדיק האט דיר געזאגט, גרייט זיך צו אין וועג אריין, און אז עס וועלען אפילו אוועקגעהן ימים ושנים, וועל איך נישט קלאגען ביי גאט; איך וועל זיצען און ווארטען און וועל איהם בעטען ער זאל דיר שיקען אט דעם, וואס דו בעדארפסט איהם געפינען. ווי שטעהט עס אין טייטש חומש: קוינו להי'! מיר מוזען האפען צו גאט און זיך פערלאזען אויף איהם.

צירעלי'ס רייד האבען זרח'ן מחזק געווען, ער האט געזעהן, אז זי איז גערעכט און אז זי הייסט איהם אצונד געהן, האט ער אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז די אמהות שרה רבקה רחל ולאה זענען נישט געווען קטלי קניא באגמא, און אז זייער צדקית און צניעות האט די אבות אסך געהאלפען. ער האט זיך גענומען איינשטעלען די מסחרים, האט בעצאהלט די חובות, צוריק געגעבען די פקדונות און אלעס, וואס איהם איז געבליבען —, האט ער צונויפגעלעגט אין איינעם און האט דאס צעטיילט אין דריי גלייכע חלקים, איין חלק האט ער אוועקגעגעבען אויף ארימע לייט און אויף כלל־זאכען, איין חלק האט ער געלאזט צירלען לצרכה, און דעם דריטען חלק האט ער אויסגעביטען אויף גאלדענע רענדלעך און מיטגענומען מיט זיך אין וועג אריין. —

---

## ד.

ס'איז געווען תהלת זומער, ס'האט נאר אנגעהויבען שארען אויף טאג, איז זרח אויפגעשטאנען, האט זיך געוואשען, אנגעטהון

אָנ'אַלט בגד, געמאַכט די ברכות פֿון השכמת הבוקר און שטילערהייד, כדי נישט צו וועקען צירלען און איהר נישט אָנטהון דעם צער פֿון פרידה, האָט ער גענומען דעם שטעקען אין האַנד אַריין און דאָס קלימעקיל אויף די פּלייצעס, אַ קוש געטהון די מזוזה און וישם לדרך פעמיו, און זיך גענומען געהן אין וועג אַריין. אין שטאָדט האָט מען נאָך ס'רוב געשלאָפֿען, נאָר איינצעלנע משכימים, וואָס האָבען בעדאַרפֿט מעלקען די קיה און זיי צו טרייבען אין טשערעדע אַריין זענען געשטאַנען פֿאַר די הייזער, אשה ובהמתה, ווי ס'וואָלט שוין מקוים געוואָרען ישעיה הנביא'ס רייד, אַז מענשען וועלען דיענען אינאיינעם דעם בורא גלייך מיט די בעשעפֿענישען, וואָס זיי איז נישט געגעבען דער כח הדבור....

צוויי וועגען זענען געגאַנגען צום טויער פֿון שטאָדט, איינער קיין צפֿון און איינער קיין דרום. זרח האָט אָבער געוואוסט, אַז פֿון איצט אָן איז גלייך וואָהין ער געהט. און אַזוי איז ער געגאַנגען, וואו די פֿיס האָבען איהם געטראָגען. עפּעס גאָר ווי אַנ'אַנדער מענש האָט זיך זרח געפֿיהלט; ער איז נישט מעהר דער גרויסער סוחר, וואָס נאָך מיט עטליכע טעג צוריק איז ער געווען אַריינגעטהון אין מסחרים. ער געהט ערשט אַ האַלבע שעה צו אַ שעה, טאָמער איז ער אָבגעגאַנגען אַ מייל, אָבער ס'קומט איהם אויס, אַז די שטאָדט איז מורא'דיג ווייט פֿון איהם, ער זעהט נאָר פֿעלדער, וואָס זענען געאַקערט אויף תבואות און ס'הויבט אָן צו וואַקסען, און זיי ציהען זיך גאָר אָהן אַ סוף.

אָנגעקומען צו דער ערשטער קרעטשמע, האָט זיך זרח אַנידערגעשטעלט דאַווענען אָן הייות, ווי אַ פּשוט'ער יוד, זיך געוואַשען גענומען צו זיך אַ שטיקעל פּיסנע ברויט און געגאַנגען ווייטער, זיך נישט מעהר אָבגערוהט; די זון האָט אָנגעהויבען צו בראָטען, טראָפּען שווייס האָבען זיך געגאָסען פֿון זרח'ס שטערן און ער איז אַלץ געגאַנגען, נישט געטראַכט פֿון דעם וואָס איז געווען און פֿון דעם וואָס וועט זיין, גאָרנישט, אַ יוד מיט אַ קלימעקיל, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם עול. —

ויהי לפנות ערב, אַז ס'איז געוואָרען פֿאַרנאַכט, איז ער אָנגעקומען אין די ערשטע שטאָדט, גאָרנישט קענטליך איז זי איהם

געוועזען, האטשי זי האט געמוזט ליעגען אין דער סביבה... אין פאליש פון א בית-מדרש האט ער געדאוונט מנחה ומעריב; און אז דער עולם האט אנגעהויבען זיך צו צוגעהן, האט ער זיך בעהאלטען אין א ווינקעלע, געשלאפען איז ער אויף א באנק, דעם קלימיק צו קאפענס.

און דאסמאל האט זיך נאך געטראפען גוט, ווארום אויף דער אנדערער נאכט, שוין אין א צווייטער שטאדט ווייט פון יענער, אז ער איז געוועזען טויט מיעה און האט זיך געוואלט אנידערלעגען אבּרוהען, איז געקומען אנ'אנדערער אָרימאן און האט איהם אוועקגעשטויסען, ווארום ס'איז זיין פלאץ... אמאל איז טאקע דער שמש אליין געוועזען דער רשע, וואס האט נישט געלאזט א יודען נעכטיגען אין בית-מדרש... און אז ער האט שוין יא גענעכטיגט, האט זיך נישט איינמאל געטראפען, אז אנ'אנדערער האט גע'גנב'עט א לייכטערעל פונ'ם הענגלייכטער, און אויף איהם האט מען אויסגעטראכט דעם בלבול; און ווייסע חברה האבען איהם געמוטשעט און געשלאגען, ער זאל זיך מודה זיין אויף דאס, וואס ער האט נישט געטהון. זרח האט אבער אויף זיך מקבל געוועזען די יסורים באהבה, ויתן אח להיי למורטים, און האט זיך געלאזט וועהטהון און מכניע זיין...

און אזוי געהט מען פון שטאדט צו שטאדט, פון איין מקום צום אנדערען, דער זומער איז אוועקגעגאנגען און ס'איז געקומען דער ווינטער מיט זיינע קעלט און נעץ, אבער ולא עצרהו השלג. עס האט איהם נישט אויפגעהאלטען; א יוד געוועהנט זיך צו אלעמען... נישט איינמאל איז איהם אויסגעקומען נעכטיגען אויפ'ן פרייען פעלד; נישט איינמאל האט זיך געטראפען, אז ער איז דורכגעגאנגען א דארף, וועגען איהם בעפאלען הינד, און האבען איהם אבגעריסען א פאלע, צי שקצים האבען איהם נאכגעווארפען שטיינער און להפך, האט זיך איהם גאר בעגעגענט א דיאק און האט איהם אנגעהויבען צו צורעדען, ער זאל זיך שמד'ן אין איהם צוגעזאגט גאלדענע בערג, — איהם איז אלץ געוועזען איינס; ולא פנה ימין ושמאל, ער האט זיך נישט אבגעקעהרט פון זיין רצון אויף א האר. געגאנגען איז ער אלץ ווייטער, וואס איז איהם א מניעה, וואס איז איהם, אז ער קומט אן אין אנ'ארט, וואס מען דארף די מענשען נישט

גלייבען אויף כשר, און ער מוז זיך בעגניגען מיט א שטיקעל טרוקען ברויט, וואס זענען איהם אלע עכו״ם פון דער וועלט? זרח אין דער היים איז, דאכט זיך געווען אנ׳אפגעהיטער און ביי זיין צירלען א שטיק בן־יהוד, אבער אז ער האט גענומען די טארבע אויף די פלייצעס און דעם שטעקען אין האנד אריין, איז אין איהם אריינ־געקומען א נייער כח. ווי זאגט דער פסוק: ואפיצכם בגוים. און איך וועל אייך צושפרייטען אונטער די פעלקער, ועברתם מגוי אל גוי וממלכה אל ממלכה, און איהר וועט געהן פון איין פאלק צום אנדערן און פון מדינה צו מדינה, זאגט איהר גלות אבריכטען, מוז מען אבריכטען; מוז מען אבקומען פאר א זאך, זאל מען אבקומען, א יוד איז קיין שני־למלך ניט, האטשי ער קומט ארויס פון אברהם׳ען.

---

## ה.

אזוי איז ער אויסגעוועזן אלע גרויסע מקומות, און אלע גרויסע ירידים, און אין איטליכער שטאדט וואוהין ער איז געקומען, האט ער אלץ געזוכט און געפארשט, טאמער טרעפט זיך עפעס, טאמער בעגעגענט ער א מענשען, וואס וועט איהם זאגען, וואס ער זאל טהון. אבער עס פארגעהט איין יאהר, דאס צווייטע, דאס דריטע, און ער געפינט אלץ ניט וואס ער זוכט. מען ווערט אביסעל גראה פון נע ונד זיין, און מען געדענקט אלץ ווייטער. לא כהתה עינו ולא נס ליחה, ניט א פיפס האט ער געטהון, אז דער וועג ווערט אלץ שווערער און אמאל, אז ס׳קומט דאך אנ׳אנדערע געדאנק, מען טהוט אבענק אהיים... בעדארף ער זיך נאר דערמאנען דעם הוזה׳ס צורה, ווי אזוי ער שטעהט און הויבט אויף די ברעמען און קוקט איהם אן, אז עס געדעט ביז אין הארצען אריין. און אמאל גיט מען גאר א טראכט פון כלל ישראל, — פון משיח׳ן און פון די צדיקי הדור. א קליין „היכל״ האט זיך זרח מיטגענומען אין וועג אריין, און האט דאס געהאלטען אין איינעם מיט׳ן טלית און תפילין, און אז ער וועט מיעד אין מיטען וועג, זעצט ער זיך אנידער אויף א שטיין, נעהמט ארויס דאס ספר׳ל,

וואָס פון דער גאַנצער תורה און די חכמים ביז צו רמב״ם און שפּעטער איז אַלץ פאַרהאַן אין איהם, אַלץ צו שטיקלעך און אַלץ אויף דער פּרשה, און הייבט אָן צו קוקען אין איהם; און וואָס דאָ שטעהט געשריבען, איז פאַר אַלע מענשען, וואָס זיי זענען דאָ אויף דער וועלט און צו אַלע צייטען, און אַמאָל רעדט דאָס ספר׳ל טאַקע צו איהם אַליין... צו זרח׳ן... עס רעדט פון מוסר און עבודת הבורא, און פון מצות און עברות, און פון דעם, אַז דער מענש איז נידריג און אַז ער וויל, קאָן ער זיך דערהויבען....

דאָ לויפט אַ טשערעדע קיה איבער׳ן וועג און זיי שלאָגען מיט די פּיס, אַז ס׳געהט אַ פּאַרעך. זרח הויבט זיך אויף, געהט צו צו אַ קרעניצע, וואַשט זיך די הענד און שטעלט זיך אַנידער דאַווענען מנחה.

אַזוי זענען געוועזען פערגאַנגען זעכס יאָהר!

אָבער לא לעולם חוסן, אויך די פרומסטע נשמה איז נישט פון אַייזען, און ס׳איז געקומען דאָס זיבעטע יאָהר און זרח געהט אַלץ און געהט, און נאָך איז קיין עק נישט, ער איז אָבגעגאַנגען הונדערטער מיילען ולא מצא כלום, און אין קיין שום אָרט האָט זיך נישט בעוויזען אַ מענש, וואָס זאָל איהם זאָגען דעם טעם פון זיין געהן... דאָס הקי״ל האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק אָבצונוצען, אַז זרח האָט אין איהם געקוקט, זענען פון איהם געפאַלען די בלעטער... זרח האָט דאָס געהאַלטען צוגעבונדען מיט אַ שטריקעל... אַז ער פלעגט איצט מיעד ווערען, האָט ער שוין מורא געהאַט אָבצורוהען, טאָמער וועט ער נישט קאָנען געהן ווייטער. די כח״ות האָבען אָנגעהויבען נאָכצולאָזען, און אַזוי האָט אויך אָנגעהויבען נאָכצולאָזען דער בטחון... האָט איהר געזעהן אַ דיישקע, אַז זי טריקענט, תהלת ווערט אַ קליין שפּעלטעל, דערנאָך אַ גרעסערער שפּאַלט ביז עס פאַלט אַרויס אַ קלעפּקע... די גאַנצע צייט אַז מען האָט זרח׳ן געהאַלטען פאַר אַנ׳אָרימאַן און מען האָט איהם געבעטען צו זיך אויף שבת און איהם געזעצט אונטען ביי טיש, האָט ער געהאַט הנאה, אַז מען ברעכט זיין טבע; אַצונד אָבער איז איהם ווידער אָנגעקומען שווערער אָנצונעהמען הילף.... זרח האָט שוין נאָר געשלעפּט די פיס, דאָס אַלטע צעריסענע און אָבגעמיעדטע הקל׳,

האָט נישט מעהר געהאַט דעם כח פון אַמאָל. — — —

ס'איז געווען אַ זומערדיגער טאָג. זרח'ן האָט זיך אַלץ אין מוח געפּלאָנטעט און געפּלאָנטעט, מיעד איז ער געווען, ווי איהר קאָנט אייך אויסמאָלען; און אַז ער האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויף אַ בערגיל אין מיטען וועג, אָפּרוהען אַביסעל, איז איהם פּלוצים אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, ווי עס גיט אַ בליץ. פאַר וואָס האָסטו זרח, דאָס אַלץ געטהון און דיך אַוועקגעלאָזט אויף אַזאַ ספק? וואָס טויג די דאָס פרום זיין און מוטשען זיך., אַז דו קומסט פאָרט נישט צו אַ תכלית? און אַז ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז דאָס הייסט האָבען הרטה, פאַר וואָס ער האָט געפּאָלגט דעם חוזה'ן, איז ער אויפגעשפּרונגען פאַר שרעק און האָט אָנגעהויבען צו לויפען, ווי איינער וויל אַנטלויפען פאַר אַ מחשבה זרה... די מחשבה האָט איהם אָבער נישט געלאָזט רוהען, און אַזוי איז ער געגאַנגען דריי טאָג כסדר און האָט אַלץ געטראַכט, פאַר וואָס ער איז אַוועק פון דערהיים? פאַר וואָס מוטשעט ער זיך און אַז ער איז געקומען צו אַ וואַסער איז אין איהם אַריין אַ הרהור, צוריק אומצוקעהרען זיך... האָט ער אָנגעהויבען זיך אַרומצוקוקען, ווי ווייט ער איז אַראָבגעבלאָנזעט פון גלייכען וועג און האָט פערלוירען די אמונה, און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד...

אל תביאני לידי נסיון! האָט ער אָנגעהויבען בעטען גאָט. אָ, גאָט! נעהם פון מיר אַוועק דעם נסיון און מאַך אין מיר ווידער שטאַרק דעם בטחון. דו ביזט אַיין עדות, ווי אַזוי איך האָב די אַלע יאָהר דיר געטריי געדיענט און געגלויבט אין די רייד פון דיין קנעכט דעם חוזה'ן, והראני את הדרך, פיהר מיך ווידער אויף'י גלייכען וועג! און לאָז מיך זיין דיין זוהן.

עס איז פאָרט נישט מעגליך, האָט ער ווידער געטראַכט נאָכדעם, אַז ער איז ווידער אַביסעל געקומען צו זיך, אַז דער חוזה זאָל זיך טועה זיין; ער האָט מסתמא געהאַט דעם ריכטיגען קוק, נאָר ער, זרח, איז נאָך נישט זוכה, כדי צו קומען צו דער גאולה, און האָטשי ער האָט דאָס געזאָגט אין האַרצען, האָט דאָס איהם נישט גאַנץ געדאָלפען. געגאַנגען איז ער אַפילו ווייטער, אָבער די מנוחה פון פריהער האָט ער ניט מעהר געהאַט. איז דאָס אַ וואונדער, אַז מען הייבט

אין אַביסעל הרטה האָבען, אז מען דערמאָהנט זיך, וויפיעל יאָהר מען האָט צוגעבראַכט אין דער פרעמד, און ווי עס איז גאָרנישט געוואָרען פון דעם. אַי פאָהר צוריק אַהיים, — ווי לאָזט מען אָבער די מיה און טרחה פון אַזוי פיעל יאָהר? טאָמער טרעפט זיך פאָרט אַ נס, און דו געפינסט נאָך וואָס דו זוכסט, האָסט אַזוי פיעל געוואַרט, וואַרט נאָך... אַזעלכע געדאַנקען קאָנען מיר אַלע.

---

## ו.

אָט דאָ האָט זרח געהערט, אַז אין קורצען וועט זיין אין אַ גרויסער שטאָדט אַ גרויסער יריד, וואָס אויף איהם קומען צוזאַמען דער ועד ד׳ ארצות. זרח האָט בעשלאָסען דאָרטען צו געהן. טאָמער וועט גאָט דאָסמאָל אויף איהם רחמנות האָבען און וועט איהם העלפען. אָבער אין האַרצען האָט ער זיך געזאָגט: דאָס איז זיין לעצטער גאַנג און אויב חס וחלילה, גאָט וועט איהם דאָ אויך נישט צושיקען, וואָס ער זוכט, פאָהרט ער אַהיים. מעג קומען, וואָס ס׳קומט.

אַזוי האָט זרח דערגרייכט דעם יריד. און האָט באַלד געפונען אַ סטאַנציע. אין שטאָדט האָט זיך שוין אַלץ געגרייט פאַר׳ן מאָרגענדיגען טאָג. טויזענדער מענשען מכמה לשונות געהען אין די גאַסען: יודען, רוסען, פויליען, גריעקען, טאָטערען. טויזענדער וואָגענס אין פיהרען זענען שוין געשטאַנען; אומעטום זענען געווען אויפגעשטעלט פאַלאַטקעס און די גרויסע סוחרים האָבען אָנגעהויבען אויסצילעגען די סחורות: וואָלענס, זיידענס, קאָרט, סאַמעט, טייערע טיכער אין גרויסע געשטיקטע קאָלדרעס. וואו מען האָט געטהון אַ קוק, איז געווען איין עשירות. דאָ האָט מען געזעהן אַרויסנעהמען פעלצען, דאָ שמויסען, דאָ לעדער, דאָ גרייטע שטיוועל. אויף אַנ׳אַנדער אָרט האָט מען געזעהן אויספאַקען עלפענביין, בערנשטיין, קאָרעלען, פערל, גאָלד און זילבער. נאָך אויף אַ פלאַץ האָט מען געזעהן צוזאַמענטרייבען פערד און רינדער, שאָף און ציגען.

דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה, ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבען

טאגען, האט זיך אנגעהויבען דער יריד. און די גאנצע שטאדט האט אנגעהויבען קאכען ווי מיט טויזענד קעסלען, טויזענדער קולות האבען זיך צוזאמענגעמישט אין איין קול: מען לויפט! מען האנדעלט, מען שרייט. טשערקעסען געהען ארום און האלטען אויפ'ן קאפ סחורות, בעטלער זינגען און שפיעלען אויף לירעס, און די זון בראט. תקופת תמוז איז דאס געווען. זרח געהט פון אין דער פריה אן ארום און זוכט. וואו א לאדען, וואו א פוהר שטעלט ער זיך אניעדער און הארכט. ער פערליערט נישט קיין מינוט, ער לאזט נישט צו קיין שום גע-דאנקען אין קאפ אריין. ווי א וואלף געהט אום אויף יאגד און האט נאר אין זין צו שטילען זיין הונגער, אזוי האט זרח נאר געהאט די איינע מחשבה: צו געפינען דעם מענשען, וואס זאל איהם אויס-זאגען דעם ענין פון זיין גזר-דין. יעצט מוז ער איהם געפינען, און ער וועט איהם געפינען... עפעס האט ער דאך געהערט פון בעל-שם און פון אליהו הנביא, וואס זיי ראטעווען מענשען אין נויט. ווי איז שייך, זאל אויף אזא יריד ניט קומען איינער פון די גדולים, צי זאלען דא ניט זיין למד-ואוניקעס, וואס זיי וויסען פון אלעמען און קאנען אלץ דערגעהן. די פיס שלעפען זיך שוין קוים, דער הונגער קלעמט איהם דאס הארץ און דער האלז איז אויסגעטריקענט פאר דורשט; אבער ער זעצט זיך ניט א ניעדער אויף איין מינוט, ער קאן גאר א דרימעל טהון און גראד אין דער מינוט געהט פארביי דער, וואס ער זוכט איהם שוין אזוי לאנג, און אזוי איז אוועקגעגאנגען דער גאנצער טאג. אויסגעגאנגען איז ער אין דעם איינעם טאג וואס ער איז פריהער געגאנגען א יאהר, אבער לשוא עמלו! זיין מיה איז געווען אומזיסט, צעשלאגען און מיעד אין אלע אברים איז ער גע-קומען אויף דער אכסניא און איז איינגעשלאפען א שווערען שלאף.

און אויפ'ן מארגענדיגען טאג איז ער אויפגעשטאנען כאור הבקר און מארש! מיט א נייעם כח האט ער אנגעהויבען צו געהן און צו זוכען. דאס מאל האט ער ניט דערלאזען אפיצעל געדאנק זאל איהם מבטל זיין. אוועק! אוועק! האט ער זיך געטרייסעלט, איך מוז היינט אט דעם געפינען, וואס דער הוזה האט געזאגט. און צו גאט האט ער גערופען: דו מוזט מיר העלפען, היינט, היינט, היינט!

האלט ער אצונד געוועזען אויפ'ן הימעל, וואלט ער געמאכט א געשריי און א געפילדער: זיבען יאהר האט איהר מיך געמאטערט און אויסגעשיקט שטערט, געגאנגען ווינטער און זומער, אין די גרעסטע היצען און די גרעסטע קעלטען, וואס האט איהר פון מיר געוואלט! העלפט מיר, מלאכים! העלפט מיר אלע צדיקים פון דער וועלט: בעט פאר מיר! וואו איז דער צדק און משפט? וואו זענען אלע הבטחות?! וואס וויל מען פון מיר? ער שרייט מיט א משונה'דיג קול, ער וויל לויפען. שפרינגט איבער אלע פיהרען, גארניט מעהר דער זרח....

און דערנאך, אז ער איז געקומען אויף דער נאכט אין דער אכסניה, טויט מיעד האט ער זיך אנידערגעזעצט אין א ווינקעל, ווי א שטומער. איז געקומען דער שטן און האט געהאט דאס חציפות און האט געזאגט: ווי קאנסטו נאך האבען אמונה? דאווען ניט קיין מעריב און זיי מפקיר יענע וועלט! און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז זרח זאל איהם דערהערען.... אט, אט! דא האט ער א געשריי געטהון, ווי א לייב, אז אלע מענשען האבען זיך דערשראקען און האבען געמיינט, אז ער איז אראב פון דעם זינען...

און אויפ'ן דריטען טאג פון דעם גרויסען יריד, וואס איז שוין געוועזען דער לעצטער טאג איז זרח נאר ארומגעגאנגען ווי אויפ'ן עולם התהו... וואס האט ער געזוכט אזוי פיעל יאהר? עפיס איז איהם אויסגעקומען דאס גאנצע לעבען, ווי א לאנגער חלום, און אין מיטען געדען שטעלט ער זיך אב און טאפט זיך ביי דער בעקעשע, אויב ער איז באמת דא. דער קאפ איז איהם געוועזען ווי צומישט און אין הארצען איז שוין נישט געוועזען קיין האפנונג און קיין בטחון. געגאנגען איז ער, ווארום די פיס האבען זיך נאך געשלעפט. —

און פארנאכט האט זיך אנגעהויבען דער יריד אוועקצופאהרען. די ביידלעך ווערען אראבגעריסען, די סחורות פערפאקט מען אין גרויסע פעק און מ'לעגט זיי אויף די וואגענס און מ'דעקט זיי צו מיט רעדנעס. אויף דער ערד וואלגערט זיך ארום שטרוי און פאפיער, שאלעכץ פון אייער און שטיקלעך ארבוז, אבגעריסענע יונגלעך קלויבען אויף פון דער ערד און שלאגען זיך. עס ווערט אלץ שיטערער

און לײדיגער אין די גאַסען. זרח געהט אַרום װי אַ יוד איז שבעה־עשר בתמוז אין אַ דאָרף.

---

## ז.

עס איז געװאָרען המאַרנע. דער הימעל האָט זיך פערפינסטערט און עס האָט זיך צולאָזט אַ טוטשע רעגען, װי אַנ׳אמת׳ער מבול איז עס געקומען פון אױבען כדי אָבצושװענקען אַלע זינד.... זרח לױפט פאַר׳ן רעגען, װי װײט ער האָט נאָר כח צו לױפען, ביז ער קומט אין אַ טױער פון אַ שטוב און שטעלט זיך דאָרט אַניעדער. עטליכע מײדלעך און װײבלעך זענען דאָרט אױך געשטאַנען, װאָס האָבען זיך אױך בעהאַלטען פאַר׳ן רעגען, אײנע פון זײ אַ מײדעל פון אַ יאָהר צװאַנציג, האָט געהאַלטען אױפגעשטעלט אַ שירם און האָט נישט געלאָזט דעם רעגען פאַטשען אין פנים אַרײן, זי איז צוגעגאַנגען צו אַ בערעגנעטען יודען און האָט איהם געװאָלט בעדעקען דעם קאָפּ מיט׳ן זאָנטיק,, האָט זיך זרח אָבגערוקט, װי איטליכער פרומער יוד ריקט זיך אָב פון אַ נקבה... האָט דאָס מײדעל זיך אָנגערופען צו די איבעריגע: קוקט איהם אָן, װי ער ריקט זיך אַװעק. שױן אײנמאָל איז ער געװעזען מײן התן, האָט ער זיך פון מיר אָבגעריקט און איצט אױך... און װי זרח האָט אױפגעהױבען די אױגען און האָט געװאָלט זעהן װער דאָס רעדט, איז זי נישט געסטײעט.... ער פרעגט זיך בײ די װײבלעך און די מײדלעך: איז דאָ נישט געשטאַנען אַ מײדעל מיט אַ זאָנטיק? זײ קוקען איהם אָן װי אַ משוג׳ענעם.

דער רעגען האָט אױפגעהערט צו געהן, דער הימעל איז געװאָרען העלער. פּאַמעליך און פערטראַכט איז זרח געגאַנגען אױף דער אַכסניה, איצט האָט ער זיך ערשט אָנגעהױבען צו דערמאָהנען פון דער גאַנצער מעשה, װי ער איז נאָך געװען אַ יונגעל און איז געװען אַ התן מיט דער ערשטער כלה, און דערנאָך אַז ער האָט אָבגעלאָזט דעם שדוך. און דעמאָלט איז געקומען צו איהם די מוטער און האָט געװײנט, אַװדאי האָט ער מיט איהר רחמנות געהאַט אָבער

וואָס האָט ער געקאָנט טהון, אז דער שידוך איז פאָרט אָבגעלאָזט, מסתמא איז אזוי געווען באַשערט. געשאָלטען האָט זי איהם נישט, טאָמער יאָ? עס איז איהם אַליין געווען אַ הדוש, ווי ער האָט דאָס אַליץ פערגעסען ביז אַצונד און ווי ער האָט זיך קיינמאָל נישט דער־מאָהנט פון דעם. —

אויף דער סטאַנציע אָנגעקומען, האָט ער איבערגעביטען די קליידער און האָט זיך אַניעדערגעשטעלט מעריב דאַווענען. ווי אַ נייער מענש האָט ער זיך געפיהלט אויף איינמאָל, ווי איינער וואָס האָט אַראָבגעוואָרפען פון אַקסעל שווערע שטיינער. אַדאי איז אין האַר־צען נאָך געלעגען דער עון, דער גרויסער עון, אָבער אַצונד זעהט ער איהם, אַצונד ווייסט ער, פאַר וואָס גאָט האָט איהם געשטראָפט...

שטילערהייט האָט ער געדאַווענט מנחה און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען ברכו. ער איז געשטאַנען אין ווינקעלע און האָט גע־צעהלט די ווערטער, איטליכס וואָרט אַזוי פריש און פאַוואָליע, ווי אַ יונגעל וואָס הויבט אָן צו פערשטעהן פירוש המלות. השם נפשנו בחיים ולא נתן למוט רגלינו, דו גאָט, וואָס דו האָסט אונז געגעבען דאָס לעבען און אונזערע פיס לאָזט דו נישט שטרויכלען. מי כמוך באלים! וואו איז דען דאָ אַזא גאָט, ווי אונזער גאָט? כי בידך נפשות החיים והמתים, אין דיין האַנד איז טויט און לעבעדיג — דאָ גיט עס אַ פיק אין האַרצען און אַ ציה ווי מיט אַ אָבצוועגעניש — פדית אותי ה'. דו גאָט האָסט אונז דערלייזט — אַ רוהיג ווינטעל בלאָזט, — אלהינו שבשמים יחד שמך וקיים מלכותך, גאָט אין הימעל דו ביזט איין גאָט אין דער גאַנצער וועלט — די טרעהרען גיסען זיך ווי פלאַכעס....

## ח.

און אויב'ן מאָרגענדיגען טאָג איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אַרויסגענומען דאָס געלד בּעצאָהלט אויף דער סטאַנציע און האָט זיך גענומען פאָהרען אין שטעדטעל אַריין. וואו ער איז אַמאָל געוועזען אַ חתן. אַצונד איז ער נישט מעהר געגאַנגען נאָר געפאָהרען: ווי אַ מענש, און אַזוי לאַנג, בּיז ער איז אין אַ פרייטאָג אין דער פריה אָנגעקומען אַהין, אין שטאָדט אַריין. ער האָט זיך גענומען גלייך פרעגען נאָך יענער אַלמנה, אָבער קיינער האָט זי נישט געקענט און נישט געוואוסט פון אַזאַ נאָמען. אַזוי האָט ער צוגעבּראַכט דעם שבת און האָט אַלץ געפרעגט, בּיז ער האָט געפונען אַ אַלטען יודען, וואָס ער האָט איהם געזאָגט, אַז ס'האָט טאַקי געוואוינט אַמאָל אַזאַ אַלמנה, זי איז אָבער שוין לאַנג געשטאָרבען, זי האָט געהאַט דריי מיידלעך, די צוויי יונגערע האָבען ערגיץ התונה גע-האַט פון ווייטען, די עלטערע איז אויך געווען אַ כלה. מען האָט אָבער מיט איהר אָבגעלאָזט דעם שדוך, און זי איז שוין אויך גע-שטאָרבען... זרח האָט אויפגעשנירט דאָס טיכעל און האָט געגעבּען דעם יודען אַ רענדיל, און איז דערנאָך אַריבּערגעגאַנגען אויפ'ן היי-ליגען אָרט פון דער שטאָדט, האָט געבּעטען דעם קברות־יוד ער זאָל מיטקומען און האָט זיך גענומען זוכען דאָס קבר פון זיין כלה, און אין אַ פאָר שעה אַרום אַז מען האָט שוין געהאַט אויסגעזוכט דאָס גאַנצע פעלד, האָט מען געפונען אין אַן עק דעם קבר גאַנץ פערוואַקסען מיט גראָז און מיט אַנ' אַנגעלעגטער צעבּראָכענע מצבה: פה נקברה הנערה המשכלת ויעלת חן... מתה בת עשרים בשברון לב בשנת.... לפ"ק ת'נ'צבה.

זרח האָט געהייסען דעם קברות־יוד ער זאָל געהן רופען דעם חזן. דער חזן איז געקומען און האָט געמאַכט אַ „אל מלא רחמים“, זרח האָט איהם אויך געגעבּען אַ רענדיל און ער איז אַוועקגעגאַנגען. דעם קברות־יוד האָט דאָס חייב גערופען און זרח איז געבּליבּען אַליין. ער האָט זיך אָנגעבּויגען אויפ'ן קבר און האָט אָנגעהויבּען בּעטען מחילה, ס'איז געווען ערב ראש חודש.

„זיי מיר מוחל, רחל לעב, האט ער אנגעהויבען, לך חטאתי. צו דיר האב איך געזינדיגט, ולבבי אשפך כמים, און מיין הארץ פערגיס איך פאר דיר און אויב איך האב דיר שלעכטס געטהון, האב רחמנות אויף מיינע נייגעבוירענע קינדער און לאזען זיי נישט שטארבען בעזן אבות, זאג מיר וואס דו ווילסט פון מיר און מיט וואס קאן איך אבוואשען דעם צארן פון אבי יתומים ודיין אלמנות“.

ער זאגט און שלאגט זיך אשמנו!

און ווי ער איז אזוי געשטאנען פאר'ן קבר איינגעבויגען, איז ער אנטשלאפען געווארען שטעהענדיג; און ווי ער דרימעלט אזוי, איז איהם געקומען די כלה אין חלום און האט צו איהם געזאגט: „איך בין דיר מוחל, זרח, במחילה גמורה, וואס דו האסט מיר געטהון, איך האב אויך אין קבר קיין מנוחה נישט.... נאר איין זאך וויל איך דיך בעטען: דו ווייסט איך האב נאך צווי שוועסטער און זיי וואוינען אין שעפעטיווקע, דארט האבען זיי חתונה געהאט, אבער זיי זענען ארים און האבען קינדער חתונה צו מאכען. פאהר אהין און העלף זיי“.

זרח האט זיך אויפגעהאפט פון שלאף, האט אויפגעהויבען זיינע הענד און האט געזאגט: אודך ה' כי פריתני, א דאנק דיר, גאט, פאר וואס דו האסט מיך דערלייזט!

* *
*

אזוי איז זרח געפאהרען קיין שעפעטווקע און האט געלאזט אנזאגען זיין כלה'ס שוועסטער, אז עס איז געקומען צו זיי זייער א רייכער פעטער פון וויטען, וואס האט זיך דערוואוסט, אז עס איז זיי שלעכט און ער וויל חתונה מאכען זייערע קינדער און זיי געבען נדן אונז יי אויסקליידען. גערעדט — געטהון. שעפעטיווקע האט זיך גע'חדוש'ט אויפ'ן גרויסען עושר, וואס האט געגעבען תקון אין ביידע בתי־מדרשים און נדבות, ווער עס האט נאר געבעטען. מיט צוויי מיידלעך האט מען באלד געטהון א שדוך. ווער האט זיך נישט געווינשט צו נעהמען א מיידעל, וואס האט אזא רייכען פעטער? פאר די

אַנדערע קינדער האָט ער אויך איינגעלעגט געלד און די מוטער אויך געלאָזט אַ סך געלד און זיך געזעגענט מיט טויזענד ברכות.

אַזוי איז זרח געקומען נאָך יאָהרען אַהיים צו זיין ווייב צירלען צוריק, וימצאה בריאה ושלמה, און האָט זי געפּונען גע־זונד און פריש, וואָרום זי האָט די גאַנצע צאָהל יאָהר נישט איין מינוט פערלוירען דעם בטחון, און האָט יעדען טאָג געהאָפּט צו גאָט, אַז זרח איהר מאַן וועט קומען אַהיים און אַלץ וועט נאָך ווערען גוט. ויפקד ה׳ את אשתו, און גאָט האָט ווידער געעפענט דעם טראַכט פון צירלען און אין ניין חדשים אַרום האָט זי געהאַט אַ זוהן, און ער איז אויפגעוואַקסען געזונד, און איז געווען וואויל און גע־ראָטען און האָט התונה געהאַט פון יחוס, און האָט געהאַט קינדער און קינדס קינדער, און אַ טייל לעבען נאָך היינט אין עושר און אין כבוד. אַזוי זאָלען מיר אַלע יודען זוכה זיין צו ישועות [illegible] ובא לציון גואל!

# גדי

(א מעשה מיט א מוסר)

# גדי

אַ מעשה מיט אַ מוסר.

---

אל תהי בז לכל אדם! זײַ ניט מבזה דעם אָרימאַן, קוק ניט אַ״ועק פֿון אַ מענשען, וואָס האָט ניט אַזאַ שעהן פּנים און איז ניט שעהן אָנ־געטהון, קרים דיך ניט קוקענדיג אויף אַ בעל־מום און אויף אַניאַב־געריסענעם, וואָס וואוינט הינטער דער באָד. אַז יענער האָט אַ שוואַרצע פֿערהאָרעוועטע האַנד, די נעגעל זענען פֿערגעלבט און קיינמאָל ניט גערייניגט און די הויט איז האַרט און געדראָלען ווי אַ ריב־אײַזען, און דו האָסט, ברוך־השם, אַ ווייך ווײַס הענטדיל, ווי יעדער אײדעם וואָס זיצט נאָך אויף קעסט און טהוט גאָרנישט, מאוס זיך ניט אידם צו געבען די האַנד. פֿין אַ טרעגער אין מיהל, וואָס זײַן פּנים און זײַן קאַפּאָטע און זײַנע שטיוועל און אַלץ אין איהם איז לויטער מעהל, רוק דיך ניט אָב, טאָמער וועט ער חס ושלום דיר אויס־שמירען דעם נײַעם סורדוט דײַנעם. מיין ניט, אַז די נשמה פֿון איינעם, וואָס שטעהט ווײַט הינטער דיר, איז פֿון קליאַטשע; מיין ניט, אַז אַ יוד, וואָס זיצט אין בית־מדרש פֿון תמיד־אָן אויף דער הינטערש טער באַנק און זײַנע אבות אבותיו זענען ניט געזעסען אין באַנק העכער, איז אַ מענש פֿון אַ נידעריגערן סאָרט פֿון דיר, וואָס דו זיצט כל ימיך אין מזרח און ביזט געוועהנט צו זיצען אויבען־אָן. דער איינענער גאָט, וואָס האָט דיר בעשאַפֿען, האָט איהם בעשאַ־פֿען, און ער איז אַזוי גוט זײַן פֿאָטער ווי דײַן פֿאָטער. איך וויל אײַך דערצעהלען אַ מעשה, איך בעט אײַך, הערט צו.

---

די מעשה איז פון אַ שמש׳ם אַ זוהן, גדי מיט׳ן נאָמען, אַנ׳אומגליקליך בעשעפעניש ק—, קיין מענש האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, ווי אַלט ער איז געווען, — מיט אַ פערוואַקסענער ווילדער באָרד, דאָס פּנים שוואַרץ, די האָהר קיינמאָל ניט געקעמט און אָנגעטהון אין אַ מין אַלטען וואַטאָווען בגד, אויסגעשמירט און בעפלעקט און מיט טויזענד לעכער און מיט צוריסענע קעשענעם. דאָס היטעל איז געווען אַ גלגול פון אַ קאַשקעט מיט אַ צובראָכענעם דאַשעק און שוין אודאי אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג. אויף די פיס האָט ער געטראָגען אויסגעדרעהטע שטיוועל, וואָס זענען קיינמאָל נישט געשווירט געוואָרען, און די האָלעוועס זענען געווען צוגעבונדען מיט שטריקלעך... וואָס פאַר אַ לייבעל און וואָס פאַר אַ העמד ער האָט געטראָגען אונטער דער קאַפּאָטע, וויל איך שוין גאָרניט זאָגען. דאָס האַרץ זיינס איז שטענדיג געווען אָפען און פערוואַקסען מיט האָהר ווי ביי אַ ווילדער חיה. געפעהלט האָבען איהם אַלע ציינער אין מויל, און אַז ער האָט אַמאָל געגעבען אַ שמייכעל אין ס׳איז איהם געראָנען דאָס שפּייעכץ—, דאָס איז געווען פון איהם אַ חולשה—, האָט געקאָנט, מען זאָל ניט זינדיגען מיט די ריד, ניט גוט ווערען...

ווי עס שטעהט אויבען, האָט קיינער ניט געוואוסט, ווי אַלט ער איז און ווען ער איז געבאָרען געוואָרען. אַזוי ווי ער איז, געדענקט מען איהם שוין פון תמיד־אָן. זיין מוטער איז געווען אַנ׳אַלטע און אַנ׳עדעלליכע יודינע, קליין און איינגעצויגען און אויסגעדאַרט ווי אַ שפּאָן. זיין פאָטער ראובן דער שמש איז געווען אַ גרויסער מגושם׳דיגער יוד און לא עליכם אַ שטיק שכור. וואָס ס׳איז געווען צו טהון אין קלויז, איז אַלץ געווען אויף גדי׳ן און אַלע עבודות קשות זענען געווען הל אויף זיין קאָפּ. אפילו וואַשען די פּאָדלאָגע אין קלויז אַלע ערב שבת, וואָס אין אַנ׳אַנדער שטאָדט דינגט מען דערצו אַ גויה, האָט גדי אַליין געטהון; ער האָט געקעהרט, געשאָבען די בלאָטע פון די טרעפּ, גערייניגט די פענסטער, געפּוצט די הענגלייכטער און אַרויסגענומען דעם פערגרינטען הלב. דאָס פאַס וואַסער צום וואַשען זיך די הענד האָט ער תמיד געפּילט, אַרויסגעטראָגען דעם צובער און געטריקענט די האַנטטיכער. ווינ־

טער האט ער געהייצט בײדע הרובעס און טאקע אליין געהאקט דאס האלץ, געקליבען שפענער, געגאנגען נאך נאפט, ארויסגעטראגען דאס אש. איז אבגעפאלען א וואנד, האט גדי זי פערשמירט מיט ליים; זענען ארײן ציגען אין דער ווייבערשער שוהל, — דארט זענען נאך דעמאלט ניט געווען קיין פאדלאגעס, — און האבען צישארט די ערד, האט גדי געטראגען פרישע ערד און זאמד און האט אויסגעגלייכט די ערד; האט א שטארקער רעגען אויסגעשווענקט די שוועל פון קלויז, האט גדי זי ווידער אויפגעמויערט מיט שטיינער. אין קוימען איז גדי געקראכען, אז ס'האט גערויכערט, נאכגעקוקט אויפ'ן דאך ווען ס'האט גערונען. הכלל, ס'איז ניט געווען קיין עבודה, וואס גדי האט זי ניט געטהון, אין גארניט איז געווען פאר איהם צו-שווער. צו וואס זאל אזוינס רוהען? וואס דען זאל אזוינס טהין, ווען ניט ארבייטען?

און איז ניט געווען אין קלויז וואס צו טהון, האבען אנדערע מיט איהם געארבייט. פון די גבאים אין דעם רב און די שוחטים און די הזנים איז גארניט צו רײדען, אבער איטליכער אין שטאדט, פון גרעסטען ביז צום קלענסטען, האט געהערשט אויף גדי'ן און זיך מיט איהם געשפאסט. וואו עס איז געווען א לאך צו פערשטאפען, האט מען פערשטאפט מיט גדי'ן. גדי איז געגאנגען רופען די בעלי־דינים צום רב, דעם שוחט צום קצב קוילען, דעם כהן אויף א פדיון הבן, די לײט פון דער חברה־קדישא אויף אן אסיפה. נגידות'טעס האבען איהם מיטגענומען אין מארק ארײן, ער זאל זיי נאכטראגען די גענז און די היהנער. ביי די גבאי'טעס האט ער געהאלפען שטעלען בארשטש, ביי דער רבי'צין האט ער איינגעזייערט די אוגערקעס. דא האט ער געמישט קלייען פאר א קיה און דא האט ער געקליבען שפענער. קינדער, וואס האבען ניט געוואלט געהן אין חדר ארײן, — און דער בעהעלפער האט זיך צוקריגט מיט'ן רבי'ן, — האט גדי געמוזט טראגען אויף די פלייצעס. ביי א גט און אין ביי א חליצה איז זיך גדי אבגעלאפען די פיס. ביי א ברית איז ער געווען דער ערשטער און דער לעצטער. ביים בעל-ברית איז ער געווען זיין משרת און ביי דער באבען איז ער געווען איהר משרת, און אפילו יעדע דינסט האט איהם בעהאנדעלט, ווי איהרען

אַ דינער... ווער שמועסט אויף אַ קנס־מאָל, צי גאָר אויף אַ תּחינה, האָט גדי געאַרבייט עבודת פּרך. ווער האָט געטראָגען די ברעטער צום שאַלאַש און די רערנעס? גדי. ווער האָט געשלעפּט פון דער קלויז די טישען און די ביינק? גדי. נאָך געשיר צים קרעמער ווער איז געלאָפען? גדי. נאָך פיש, נאָך פלייש, נאָך צוקער און נאָך מאַנד־לען האָט מען געשיקט גדי׳ן. גדי׳ן האָט מען געשיקט נאָך בראָנפען, נאָך וויין. אַודאי איז ער אַרומגעלאָפען אויף אַלע סטאַנציעס, וואו די מהותנים זענען געשטאַנען, דעם עולם געגאַנגען רופען צום אויפ־רופען, צי דער וועטשערע. עס איז גאָרניט געווען איין גדי, נאָר צעהן גדים האָבען געאַרבייט און זענען געלאָפען אין פערשידענע ערטער, און פון אַלע איז געוונען דער שוויים. און טאָמער מיינט איהר, ער האָט דערפאַר עפּיס בעקומען? צי וואָס בעדאַרף אַזא בריה האָבען געלד? —

און וואָס האָט ער ניט איבערגעטהין, אַז ס׳האָט זיך אָנגע־הויבען אלול מיט אַלע ימים נוראים מיט דעם ריין מאַכען די קלויז און מיט די דאָרפס־יידען, וואָס זענען געקומען אין שטאָדט אַריין און איטליכער פון זיי האָט באַלה געהאַט זיין משרת אין שמש, און ער האָט געהייסען גדי. און פאַר פּסח האָט גדי געמוזט לויפען אין די גרעסטע בלאָטעס צו די בעקערס העלפען טראָגען די מצות. ער האָט געבונדען די גענז צים קוילען און זיי געטראָגען צום שוחט, געפּליקט די פעדערן און געשלעפּט די אָבדירקעס אין מאַרק אַריין. און איך בעדאַרף דעם לעזער ניט זאָגען, אַז גדי האָט קיינמאָל ניט טועם געווען דעם טעם פון אַ גריב...

און וואָס האָט ער געוואיסט פון אַ שבת צי פון אַ יום־טוב, צי פון אָבריהען, צי גאָר פון דאַוונען, אַז אין מיטען דאַוונען קאָן מען איהם שיקען טויזענד געגנג, אַז ער איז גאָרניט בגדר מענש, דאָטש ער קומט שטאַרק צי־נוץ און איז אַנ׳עבד כנעני פון איט־ליכען. אַ מצוה טהון איז אַודאי אַ גוטע זאַך, אָבער איז דען גדי, וואָס אין קלויז טרייבט מען מיט איהם לצנות, בגדר מצוה? מיינט מען דאָס איהם, אַז ס׳איז אַ מצוה צו געבען אַנ׳אָרימאַן אַנ׳אָבגע־לעגטען בגד? פרעגט איהם, צי עס האָט איהם איינמאָל אין זיין לעבען צוגערופען אַ יודינע אין ווינטער און איהם געזאָגט: גדי,

עס איז דיר קאַלט, דאָ האָסטו אַנ'אַלט לייבעל פון מיין מאַן. געלאָפען איז ער פאַר איטליכען און האָט געטהון אַלע שליחות. האָט איהם עמיצער געגעבען זומער אַ פּאָר שיך, אַז עס זענען געוועזן היצען, און די שטיוועל האָבען איהם אָבגעברענט די פיס? וואָס הייסט, פיהלט ער דען? פערשטעהט דען אַזוינס, אַז נידריגע שיך אין זומער זענען בעסער ווי אויסגעדרעהטע שטיוועל? זעהט איהר, געהן אָבזוכען די קוה ביי אַ בעל־הבית, אַז זי איז זיך פערגאַנגען אין פרעמדע גערטנער, און די הינד ביי די גוים האָבען איהם אָבגעריסען די פּאָלעס, דערצו איז גדי ווי געשאַפען. געהן רייסען גריגם אויף שבועות, צי אויף הושענות, און זיך לאָזען שלאָגען פון די שקצים מכות־רצח, אָדער גאָר נעכטיגען אויפ'ן הייליגען אָרט, אַז מען האָט געבראַכט אַ מת פון דאָרף און ס'איז שוין געוועזן צו שפּעט איהם צו בעגראָבען, — דערצו איז גדי גוט. גדי האָט גאָר געמוזט אַליין גראָבען דעם קבר, אַז עס איז געוועזן קאַלט און נאַס, און דער קברות־יוד האָט זיך געפוילט צו גראָבען...

וואָס האָט גדי ניט געטהון און צו וואָס איז ער ניט געוועזן נוצליך? האָט איינער בעדאַרפט אָבהיטען אַ משוגע'נעם, וואָס האָט אַקט, האָט מען געדונגען גדי'ן פאַר אַ מזומנ'עם זעקסער, און ער איז געזעסען. האָט מען בעדאַרפט אָבהיטען אַ משוגע'נעם, וואָס האָט געשלאָגען און גע'הרג'עט, האָט גדי איהם אָבגעהיט, און יענער האָט איהם צודראַפּעט דאָס פנים און שיער אויסגעזעצט די אויגען. דער פּריסטאַוו האָט אויך געאַרבייט מיט גדי'ן און דער סעקרעטאַר און דער שרייבער ביז צום סאָטסקי. גדי איז געוועזן דער אמת'ער שעיר המשתלח, נאָר יענער איז האָטש אָבגעקומען מיט איין מאָל, אַראָבגעוואָרפען פון באַרג עזאזל מיט די עונות פון כל ישראל און פּטור, און גדי האָט געמוזט אויף זיך טראָגען אַלע פגעים און עבודות אויף זיינע פּלייצעס, וואָס וואָלטען געקלעקט פאַר כמה דורות.

און ווי אַזוי ער האָט דאָס אויסגעהאַלטען, איז נאָר עד היום אַ חדוש. אַ מענש, וואָס האָט קיינמאָל ניט געגעסען רעכטס, קיינמאָל ניט גערוהט, און זיין לעב־טאָג קיין קישען צו־קאָפּען ניט געזעהן. זומער איז ער געשלאָפען אין דער ווייבערשער שיהל אויפ'ן בוי-

דעם און ווינטער אויף דער הוילער באַנק נעבען דער הריבע, ווען עס איז נאָר ניט געווען אַן־אורח אַ תקיף, וואָס האָט איהם אַוועקגעטריבען. ווער האָט זיך אָנגענומען פאַר איהם? ווער האָט דאָס געאַרט, אַז ער איז געשלאָפען אויף דער ערד? פערקעהרט, האָט אַ יונגעל אַ שייגעץ איהם געפינען שלאָפען, האָט ער איהם אַ טראָט געטהון מיט'ן פיס, אָדער אַרויסגעגאָסען אויף איהם אַ קוואָרט וואַסער.

אַפילו גיטע און פרומע לייט מיט אַ האַרץ האָבען ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז ער איז אויך אַ מענש; אין למשל אַז מען וואַרפט איהם אַ שטיין אין קאָפּ אַריין, קאָן איהם דאָס וועה טהון. יינגלעך און ווייסע־חברה האָבען זיך תמיד צו איהם געטשעפּעט; דער האָט איהם געצופּט בייא דער נאָז, דער בייא דער באָרד, דער האָט איהם אַראָבגעוואָרפען דאָס היטעל. און אַפילו די סטאַטעטשנע בחורים, וואָס זענען געזעסען אין קלויז און האָבען געלערנט, האָבען געהאַט גרויס תענוג צו נעהמען גדי'ן נאָכמיטאָג, איהם אַרויפלעגען אויפ'ן טיש, אויף וועלכען עס איז קריאת־התורה, און איהם שמייסען. און ער זאָל דאָס געבען אַ שעלט, זאָל זיך ניט לאָזען, זאָל שלאָגען מיט די פיס, אָדער בייסען, ווי דער שטייגער איז. און דערנאָך, אַז מען האָט איהם שוין גיט אָבגעשמיסען, האָט מען זיך צונויפגעלעגט צעהן קאָפּיקעס און מען האָט איהם געשיקט קויפען עפּעל אין מאַרק אַריין. זיי האָבען געביסען די שענע, רויטע עפּעל, וואָס פון זיי האָט געשפּריצט דער זאַפט, און גדי האָט געמוזט קוקען און קלויבען די קערנער, און אַז ס'איז שוין געווען בייא זיי אַ נדבן, האָט ער איהם געקאָנט געבען דאָס אָבגעביסענע האַרץ פונ'ם עפּעל... וואָס זאָל אַזוינס זיין אַ מפונק און ועדהלעריש? ס'מוז דאָך זיין איינער אין שטאָדט, וואָס זאָל אויפעסען דאָס טרוקענע פערשימעלטע ברויט בייא דער בעל־הבית'טע. און ווער דען זאָל אויסטרינקען די געריננענע מילך, אָדער אויפעסען די שלעכטע צוקראָכענע אייערקעס, ווען ניט גדי?

יאַ, ווען איך וואָלט ליעב געהאַט צו רייַדען אין גלייכעניסען, וואָלט איך געזאָגט, אַז גדי איז געווען אין שטעדטיל דאָס מיסט פון בהינת מענש. וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ מין בריה אויף דער וועלט?

וואָס ווייסט אַזוינס פון פרייה אין לייד, וואָס געהט אַרום, דאַכט זיך, מיט טויבע קושיות? אין דאָך איז דאָס געווען אַ בעשעפעניש. אפילו אַ וואָרעם און אַ זשיק, וואָס איהר מאוס'ט אייך פאַר דעם, קימט אויך פון גאָט'ס האַנד. ווער קאָן אַריינקריכען אין האַרץ פון אַזאַ גדי, צו וויסען, וואָס ער טראַכט און צי אויב ער טראַכט. האָט ער שוין גאָר קיין השגה ניט פון אַ מענשען? ציהט איהם ניט צו איינעם און צו דעם אַנדערן ניט? האָט ער להלכה גאָר קיין חלוק ניט געוואוסט צווישען דעם, אַז דער ווינד האָט איהם געפּאַטשט דעם רעגען אין פנים אַריין און די נאַסקייט האָט איהם דירכגענומען, און צווישען דעם, אַז ס'איז געווען זומער און די זון האָט געלייכט? ווי געזאָגט, ווער קאָן אַריינקריכען אין אַ האַרץ פון אַזאַ מענשען אין ווער קאָן דאָס וויסען אויף דעם עולם?

ויהי היום איז זיך גדי מישב און גיט אַ שטאַרב. צי איז ער געלעגען שלאַף, צי גלאַט אַזוי די ערד האָט איהם צוגענימען, — וואָס איז די נפקא־מינה, געשטאָרבען, בעגראָבען! ניט אַ האָהן האָט אין שטעדטיל נאָך איהם געקרעהט, און קיינער האָט ניט נאָכגעזאָגט נאָך איהם אַ גוט וואָרט. ער האָט דאָך פאָרט געדיענט דעם כלל און דעם פרט אַלע זיינע יאָהר, — גאָרנישט, אַליי אַ בהמה. טאָמער האָט די גבאי'טע געדאגה'ט, אַז היינט איז ניטאָ, ווער עס זאָל איהר מעלקען די ציג, צי אַנ'אַנדערער, וואָס ס'איז איהם דעמאָלט איינגעפאַלען דער אייוועק, און ס'איז ניט געווען, ווער עס זאָל שלעפען די ציגעל אומזיסט. אין איהר מיינט, אַז באַלד אַז גדי איז געשטאָרבען, איז געקומען דער מלאך דומה אין האָט געגעבען די פיער שמיין אויפ'ן קבר און איהם געריפען צום בית־דין של מעלה, ווי איטליכען מענשען, — פרעגט מיך, לאָמיך הערען. אפילו אַזוינער האָט אויך אין זינען נאָר בכבוד'יגע יודען, צי אפילו אמת'ע רשעים, וואָס האָבען שטאַרק הנאה גע־האַט פון דער וועלט, בעת זיי האָבען געלעבט... ניין, גדי'ן האָט האָט מען אין דער ערד טיעף בעגראָבען, אָהן שערבלעך אויף די

אויגען און אהן א טלית, — ער איז דאך געשטארבען א בחור, און אפילו אין ספר הזכרונות אליין אויפ'ן הימעל, וואס דער מינדעסטער האט דארט א בלאט, און זיין נאמען אין זיינע מעשים שטעהען דארט פערשריבען, האט אויך געפעהלט גדי'ס נאמען. איהר קאנט זוכען דארט א גאנצען טאג אין אות גימל, — די שרייבער'ס דארט האבען ביליכערס צו טהון, ווי אין זינען צו האבען אזא מין בריה משונה בצורת מענש, א פערוואלגערט און אימגליקליך בעשעפעניש אהן א טראפען ליכט אין גאנצען לעבען... און אז דאס שטעדטיל, וואס גדי האט דארט געלעבט, האט איהם קיין מצבה נישט געשטעלט, בעדארף איך אייך ניט זאגען, און אז קיין קדיש האט מען נאך איהם ניט געזאגט, בעדארף איך אייך א ודאי ניט זאגען. גארניט, מען מיינט אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. גדי איז געקומען פון שטויב און וועט ווערען שטויב... אפילו א ווערעמיל וועט פון איהם הנאה ניט האבען, ווארום ער איז געוועזען אויסגעטריקענט ווי א שפאן, און אויב כ'איז אזוי — וואס־זשע האב איך בעדארפט קומען אין דאס אלץ דערצעהלען? און צו וואס בעדארף דער לעזער וויסען, אז ס'איז אמאל געוועזען א שמש'ס א זוהן, וואס האט געהייסען גדי אין האט אזא מין לעבען געלעבט, וואס מען קאן דאס גאר ניט רופען לעבען? יא, וועט ער פרעגען, וואס לאזט מיך דען דער דערצעהלער מיט דעם הערען? אט דא הויבט זיך אן דער צווייטער טייל פון מיין ספור...

---

דריי טעג נאכדעם, ווי גדי איז געשטארבען, איז גאט געזעסען אויפ'ן הימעל, און עס זענען געזעסען די גאנצע פמליה של מעלה, און עס זענען געזעסען די שבעה רועים, און די זקנים און א סך צדיקים און מלאכים זענען געשטאנען, און עס איז געווען דער שמועס מכח דעם עולם התחתון, און ווי אזוי די מענשען האבען זיך ליעב צו פערשטעלען, און ווי אזוי מען ווייסט גארניט, ווער דער אמת'ער צדיק איז און ווער דער אמת'ער רשע... האט זיך גאט אנגערופען צו א קליין מלאכ'ל: קענסט דו דעם וועג צו יענעם שטעדטיל? געה אויפ'ן בית־עולם און זוך אין עק נעבען דעם צוים, וועסט געפינען א־קבר אויפגעשאטען ווי א

קליין בערגעל, עפֿען דעם קבר און ברייננ אַהער צוטראָגען אָט דעם, וואָס ליגט דאָרט בעגראָבען. געה אָבער גיך, רוה זיך ניט אָב. ויעש המלאך כן, האָט דער מלאך אַזוי געטהון, איז אַראָבגעשטיגען פֿון עולם העליון אין יענעם שטערטיל אַריין און האָט געשפּאָלטען דעם קבר, גענומען נדיין אויף זיינע פֿליגלען און איהם געבראַכט צוטראָגען אויפֿ'ן הימעל. און ווי דער מלאך איז מיט נדיין אָנגעקומען אויבען, האָט גאָט בעפֿוילען, מען זאָל נעהמען נדיין אין גן-עדן אין אַ באָד אַריין און איהם ערשט ריינינגען דעם גוף און איהם שטאַרקען, און איהם צוריק געבען דעם צלם פֿון אַ מענש, וואָס מען האָט דאָרט אונטען אין איהם צוטרעטען... באלה האָט מען זיך גענומען אין גן-עדן איהם וואַשען און ריינינגען און שמירען זיין לייב מיט סמים און מרקחת. איין מלאך האָט איהם אָבגעשניטען די פֿערווילדעטע האָהר, אַן'אַנדערער האָט איהם אָבגעשניטען די פֿערוואַקסענע נעגעל פֿון די הענד און די פֿיס. גראָזען און קרייטעכצער האָט מען געבראַכט מיט די טייערסטע ריחות, און מען האָט מיט זיי געריבען זיין גוף, און געוואַשען האָט מען איהם מיט ווייַן און מיט מילך און מען האָט איהם דערנאָך געלעגט אייַנגעוויקעלט אין אַ ווייכע קאָלדרע אָברוהען, ביז דער לייב האָט זיך אַ ביסעל געלייטערט און די הויט איז געוואָרען ווי פֿון אַ מענשען. איהם אַליין האָט מען געגעבען כל מיני דערקוויקעניץ, און אַלע שמשים אין גן-עדן האָבען זיך מיט איהם אָבגעגעבען, און גאָט איז ער געוואָרען אַזוי טייער, ווי דער גרעסטער צדיק.

אַזוי איז געווען אַזעקגעגאַנגען אַנ'ערך צוויי חדשים. און אַז עס איז געקומען דער דריטער חדש, האָט נדי אויפֿגעעפֿענט די אויגען און זיך אָנגעהויבען פֿיהלען ווי אַ מענש. עס איז געווען צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, אַז מען האָט מיט איהם ניט געאַרבייט, און געדען געדעט ער אָנגעטהין אין ריינע קליידער און ער הערט ניט זיין נאָמען פֿערדרעהען, און ניט יעדעס יונגעל טרעט איהם מיט די פֿיס. פֿערקעהרט, ער איז אַ מענש ווי אַלע מענשען, און האָטש ער קאָן קוים עברי, — וואָרים קיינמאָל האָט מען איהם ניט געלאָזען דאַוונען, — דאַנקט ער גאָט, ווי עס קומט איהם פֿאַר אויף זיין אופֿן, און ער איז אַ שטילער, רוהיגער מענש, וואָס

משעפּעט אַפילו ניט אַ פּליג אויף דער וואַנד. אַי, וואָס ער האָט ניט די גרויסע השגות און קאָן ניט תופס זיין ענינים, — האָבען דאָך אַ סך בריות, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, קיין השגה ניט פון דער וועלט, אין פונדעסטוועגען האָט גאָט פון זיי נחת־רוח. דערפאַר, וואָס איך האָב מעהר שכל פון מיין חבר אין פערשטעה אַזאַך מעהר ווי ער, בין איך נאָך ניט זיין אָדון, און דער בורא עולם איז אַזוי גוט זיין שעפער ווי מיין שעפער. און טאָמער נאָך, פערקעהרט, איך בענריץ דעם שכל, וואָס גאָט האָט אין מיר געפלאַנצט, כדי צו טהון גוטס — צו שלעכטס און צו פאַלשקייט. ער אָבער איז אַ פּשוט'ער מענש אָהן חכמות, אָהן הויות און אָהן העזה אַלץ וועלען צו הערקלערען און צו דערפאָרשען, און אַפילו אין גן־עדן אַליין זיצט ער זיך שטיל און זאָגט ניט קיין וואָרט. עס איז ניטאָ קיין פּיצעל קנייטש אין זיין נשמה און קיין פערקרימעניץ אין איהם, וואָס קומט אַלץ דערפון, וואָס מען וויל איינעדהמען די וועלט און מען פערגעסט דעם גבול, וואָס גאָט האָט געזעצט דעם מענשען... אויסגעגליכען איז אַלץ אין גדי'ן געוואָרען, זינט מען האָט פון איהם אַראָבגענומען דעם שווערען עול אין די קנעכטשאַפט...

און פאַר דעם שכר, דערפאַר וואָס גדי איז געוועזען אויף דער וועלט איטליכען אַ עבה נכנע, און זיין אַרבייטען אין טהון האָבען אין זיך געהאַט ריינע קנעכטשאַפט, טאַקע ווי דער אָקס אין אַקער און ווי דער אייזעל, וואָס געהט אין די לאַנגע מדבריות אין רוהט ניט אַ ווייַלע, אָט דערפאַר האָט גאָט אַריינגעגעבען גדי'ן אין דעם נייַען לבוש פון מענש, און ווי ער האָט זיך אויפגעריכט, צו דוד המלך'ן אין הויף אַריין.

אין די הונדערטער פּאַלאַצען אין גערטנער פון גן־עדן, וואו עס וואוינען דוד המלך וכל מלכי בית דוד הטובים און אַלע מלכי צדק, וואָס קומען אַרויס פון דוד'ן, איז זיך גדי אַרומגעגאַנגען און האָט געהערט אַלע אין דער־פריה דעם תהלים זינגען אין גרויסען כאָר און האָט געזעהן די מלאכים אין שרפים און האָט זיך ניט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך ניט געשטופּט דאָרט וואו מען טאָר ניט. ווי געפרעדט האָט ער זיך, אַז מען האָט איהם געמאַכט פאַר אַ וועכטער ביי איינעם אַ טויער און אַז ער האָט בעקומען אַנ־אַר־

ביט. געשטאנען איז ער אויף זיין פלאץ און האט שומר געווען באמונה, און פונדעסטוועגן, אז ס'איז געקומען א נשמה און האט געבעטען, מען זאל זי אריינלאזען צו דוד המלך'ן, ווארום זי וויל האבען א תקון, האט ער איהר ניט געענטפערט גראב. איהם איז געווען די פערוואגעלטע נשמה אזוי חשוב, ווי דוד המלך אליין, און זיין הארץ האט ניט געוואיסט פון דעם, וואס מיר רופען דאס געהויבענע און ניט-געהויבענע, אין דעם חלוק צווישען דעם מלך און זיינע עבדים. און אז דוד המלך איז געגאנגען שפאצירען אין יענעם גארטען, וואו גדי איז געשטאנען, אין האט איהם דער-זעהן און איז צו איהם צוגעגאנגען און האט געזאגט צו איהם: וואס מאכסט דו, גדי? — האט זיך גדי ניט דערשראקען און איז ניט געפאלען צו די פיס, ווי ער האט דאס געזעהן טהין אפילו גרויסע שרים; ער פיהלט זיך ריין און טהוט זיך זיינס. פארוואס זאל ער דען האבען אימה און פחד? אזוי איז גדי געווארען אנאנדער מענש, זינט גאט האט זיך אנגענומען זיין קריוודע און איהם ארויסגעצויגען מעבדות מצרים, פון דער אמת'ער קנעכטשאפט און האט איהם דערלייזט.

און דאך איז ער טאקע הודך געפעלען מעהר ווי אלץ, און ער האט פון איהם א סך מעהר געהאלטען, ווי פון אלע עבדים ושרים, און ס'איז א סברא, אז זינט דוד המלך האט איהם דערקענט אין ס'איז איהם דורכגעבליצט דער מין מענש גדי, האט ער געמאכט א ניי קאפיטעל תהלים אויף איהם, דאס הונדערט אין איין-און-פופ-ציגסטע קאפיטעל. דאס איז אבער איך אונזער תהלים'ל ניט דא און דאס וועט ערשט אויפגענומען ווערען, ווען ס'וועלען קומען די צייטען פון תחית המתים...

* *

*

יא, מקימי מעפר דל, מאשפות ידים אביון, גאט דערהויבט דעם ארימאן פון שטויב, פון מיסט קלויבט ער איהם אויף דעם נידריגען

און מאַכט איהם גרויס, איז אַ שׂען ליעד, אָבער דאָס איז נאָך ניט דער גאַנצער זמר גדי און די בהינה פֿין אַזאַ מין מענשען. אין דער גמרא און אין די שפּעטערדיגע ספרים איז אויך דאָ פֿין דעם אַ ביסעל. לײגט אײך אַנידער פֿאַר דער שוועל אין בית־המדרש, — זאָגט אײנער, — כדי די, וואָס געהען דאַוונען מיט די גרויסע טלית און תפלין'ס אין מיט די ברײטע גאַרטלען זאָלען אויף אײך טרעטען, און איהר זענט מעהר פֿין זײ אַלע...

# טרעהרען

א מעשה פון חורבן.

# טרעהרען

## א מעשה פון חורבן.

— צו יענער צייט, ווען דאס בית־המקדש איז נאך געשטאנען, און ירושלים איז געווען גרויס און די יודען זענען נאך געווען א מלוכה, טאקי א נאמת'ע מלוכה מיט מלכים ושרים, און מ'איז געזעסען ביי זיך אין דער היים, איש תחת גפנו, איטליכער האט זיך געהאט זיין שטיקעל ערד, און גלות איז גאר ניט געווען, ווי היינט, — האט געוואוינט אין א דארף אין גליל א יוד, וואס האט געהייסען טוביה בן אליעזר, אין ער האט געהאט א ווייןגארטען און האט געמאכט וויין, און זיין וויין איז געווען גוט און בעקאנט און האט געהאט א שם. אזוי איז איהם געגאנגען גיט, און ווען ניט דאס, וואס ער האט ניט געהאט קיין קינדער, וואלט ער קיינמאל קיין זארגען ניט געהאט, און חנה זיין ווייב איז געווען גוט און פרום און האט ניט מהדר געווען אויף השי"ת. אלע יאהר פלעגען זיי געהן עולה־רגל זיין קיין ירושלים, צי צו פסח, צי צו שבועות, צי צו סוכות און ברענגען א קרבן, אמאל טאקי בכורים און גוטע וויינטרויבען פון איינענעם ווייןגארטען. חנה, אז זי איז געקומען אין די גרויסע שטאדט, וואס די כהנים אין די שרים און טאקי דער מלך אליין האבען דארט געוואוינט, און ס'געווען א פראכט און ס'געווען אויף וואס צו קוקען, איז זי זיך ניט פארגעקומען קליין אין אידרע הארפסקליידער, און פון די בנות ירושלים מיט זייער רייכטום און ציערונג און זיידענע קליידער, טאקי פשוט פערפוצט, ווי היינט אין די גרויסע שטאדט מיט מאדעס, אי זי להלעיטין ניט נתפעל געווארען, און ס'איז איהר ניט געקומען אויף די מחשבה זיך וועלען אויך אזוי אנטהון. — זי איז געווען א כשרע הארפס־נשמה.

*) ארויסגענומען פון דער גמרא.

זיך וועלען אויך אַזוי אָנטהון. — זי איז געוועזען אַ כשר'ע דאָרפס־נשמה ווי זי איז אויפגעוואַקסען ריין, אַזוי איז זי געבליבען ריין. טוביה'ן אָבער, איהר מאַן, חאָטש ער איז געוועזען אַ ערהרליכער און אַ איש ישר, אָבער אַ מאַנס־פּערשוין, האָט ירושלים מיט זיינע סאָלדאַטען מיט די הצוצרות און מיט די טראָמפּעטען און דעם גאַנצען טאַראַראַם פון אַזאַ שטאָדט מריבה באוכלסין, מיט אַזוי פיעל מענשען, פאָרט בעסער געפעלען, ווי דאָס לעבען אין דאָרף. דאָס הייסט, זאָגען האָט ער דאָס ניט געזאָגט: איך וויל בעסער וואָהנען אין ירושלים, איידער אין גליל אין אַ דאָרף, און קיינמאָל האָט ער דערפון ניט גערעדט מיט זיין ווייב הנה'ן, אָבער אַ הרהור איז איהם אַמאָל אַזוינער געקומען, ווי זאָגט מען אַ מחשבה; ס'איז פאָרט אַ מענש און אַז מ'זעהט ירושלים אַלע יאָהר בתפארתה, קאָן זי שוין געפעלען!

פון דעסטוועגען איז ער זיך ווייטער געזעסען אין גליל אויף זיין וויינגאָרטען, האָט געאַרבייט און השגחה געגעבען אויף דעם ווין און נאָר געפלאַנצטע נייע וויינשטאָקען; און ווער ווייסט, אויב ער וואָלט דאָרט ניט אָבגעלעבט די גאַנצע יאָהרען און וואָלט אויך געשטאָרבען און צו קבורה געקומען דאָרט נעבען זיין וויינגאָרטען, ער און זיין ווייב הנה. וואָס זשע טהוט גאָט? מוז זיך הנה אַמאָל פערקיהלען אויף אַזאַ וועג קיין ירושלים, קראַנק ווערען אין דעה אמת'ן און שטאַרבען, קוים דערלעבט פיערציג יאָהר. דאָס האָט טוביה'ן שטאַרק געטראָפען, און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען אַליין צו זיין וויינגאָרטען אין גליל, איז איהם געוועזען שרעקליך אומעטיג, ער האָט שוין מעהר נישט געפיהלט אויף זיך דעם עול אויפצושטעהן צו זיין אַרבייט, אַכטונג געבען אויף די קנעכט, און אַז די קנעכט האָבען געזעהען, דאָס קיינער קוקט ניט, האָבען זיי טאַקי געאַרבייט אַבי ווי. אַזוי איז דער וויינגאָרטען צוריקגעגאַנגען און טוביה האָט אַ קוק געטהון, אַז ס'איז קיין תכלית ניט, און מרה־שחורה'דיג איז איהם געוועזען אַזש צום משוגע ווערען, האָט ער זיך מישב געוועזען און האָט פערקויפט דעם גאַנצען וויינגאָרטען מיט דעם הויז, מיט דעם וויין־קעלער. און האָטש ער האָט בעקומען דערפאַר אַ שטיק געלד,

האָט ער דאָס געטהון מיט אַ שוהער הארץ, וואָרים ס'איז געווען נחלת אַבותיו. געטרייסט האָט ער זיך, אַז ער וועט אַצינד קאָנען ציהען קיין ירושלים און דאָרט וועט איהם ניט זיין אַזוי אומעטיג.

אָנגעקומען קיין ירושלים מיט אַסך געלד, האָט זיך טוביה געקויפט אַ הויז און שענערעס מעבעל, ווי ער האָט געהאַט דאָרט אין גליל, און האָט פערזוכט זיך איינצולעבען. און אַזוי ווי ער איז געווען געניט אין וויין, האָט ער אָנגעהויבען צו מאַכען מסחרים מיט וויין און פלעגט קומען אויף דעם גרויסען מאַרק, וואָס איז געווען אין ירושלים, און איז דאָרט זיך צונויפגעקומען מיט מענשען און מיט גרויסע סוחרים.

און האָטש ס'איז אַ ווערהטאָג צו זאָגען, מוז איך אייך מודה זיין, אַז ירושלים פון דעמאָלט איז ניט געווען אַזוי פול מיט יושר און צדקה. אמת שמעיה ואבטליון זענען טאַקע געזעסען און האָבען געלערנט און געפלאַנצט יודישקייט אין בית־המדרש. אָבער אויף די גאַסען האָט עס אויסגעזעהן גאָר אַנדערש. די צדוקים, די דעמאָלטיגע אינטעליגענציע, און די גבירים האָבען שטאַרק אין זין געהאַט די וועלט, און האָבען געמאַכט גרויסע נסיעות קיין גריכענלאַנד און רוים אין דאָרט האָבען זיי זיך אָבגעלערענט נייע מנהגים... אַסך האָבען פערביטען די יודישע בגדים אין בײַ זיך אין דער היים געקלעדט גריכיש און רוימיש. דער הויף מיט דער קעניגליכער פאַמיליע פון הירדוס האָבען זיך אויפגעפיהרט גאָר ניט ווי יודען, און געבויט האָט מען גימנאַזיעס אין טעמפלען מיט זיילען, ווי מען איז דאָס גאָרניט געווען געוואוהנט אין דער הייליגער שטאָדט. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס. צו אַזאַ לעבען אין וואוילטאָג, מוז מען האָבען אַסך געלד, און אַז מ'האָט דאָס ניט, מוז מען עס פאָרט קריגען, און דעמאָלט נעהמט מען עס צו בײַ אַנדערע... אַזוי איז געקומען, אַז די רייכע האָבען אַוועקגענומען בײַ די ווענינער רייכע דאָס זייערע, די שטאַרקע און די תקיפים, וואָס זענען געווען חשוב אין הויף אין האָבען ניט געהאַט פאַר וועמען מורא צו האָבען, האָבען אַוועקגענומען בײַ די שוואַכע זייער אייגענטום און קיינער האָט זיי ניט געקאָנט קומען אין געפענגניש אַריין. יאָ, ס'געווען אַ חזר...

איהר קאָנט פֿערשטעהן, אַז בײַ אַזאַ לעבען זענען די בנות ציון אויך ניט מעהר געווען דאָס וואָס אַמאָל, שען זענען זײ געװען, אָבער ס'איז ניט געווען די לויטערקײַט פֿון אַמאָל און ניט די ריינקײַט פֿון אַמאָל.. נײַן, פֿערשײַטע נקבות זענען דאָס געװען, געוואוהנט צו פוץ און צו לוקסוס, אָנגעטהון אין די טײַערסטע קלײדער פֿון דער וועלט מיט אַלע קונסטען... און אַז ישעיה און אַלע נביאים, וואָס האָבען געלעבט פֿאַר'ן ערשטען חורבן אין האָבען אויך ניט בעסערס געזעהן פֿאַר די אויגען, וואָלטען דעמאָלט אויפֿגעשטאַנען, וואָלטען זײ זײערע שטראָפֿרעד געקאָנט זאָגען אַ סך שאַרפֿער ווי דעמאָלט, און אַ סך ברענענדיגער. אַזאַ לעבען איז געווען דעמאָלט אין ירושלים!

און צו אַזאַ צײַט, ווען גאָט איז שוין דערצאָרנט געווען אויף אַלע די, וואָס לעבען אַזוי, און ס'האָט איהם שטאַרק פֿערדראָסען אויף זײַן פֿאָלק, וואָס געהט ניט אין זײַנע וועגען און איז גאָרניט מעהר דאָס הײליגע פֿאָלק, ווי ס'שטעהט אין קדושים, פֿונקט פֿערקעהרט: מותרות אויף שריט און טריט, צונעהמען דעם בעל־חוב דאָס לעצטע און אַפֿילו דעם יתום ואלמנה אויסצוזויגען, אַבי זיך אַלײן צו בערײַכערן, און צניעות שוין גאָר ניט, גאָר להפך ולהפך, יאָ, אין אַזאַ צײַט קומט טוביה בן אליעזר אין די אויסגעלאַסענע שטאָדט ירושלים פֿון זײַן שטילען ווײַנגאָרטען און ווערט אַ סוחר. אַזאַ סביבה איז ניט געווען פֿאַר איהם און ער האָט ניט געדאַרפֿט אַהין ציהען.

אין אַ יאָהר אַרום, ווי טוביה איז געזעסען אין ירושלים, און האָט זיך שוין בעקענט מיט פֿיעל מענשען און געזעהן האָט ער נאָר דאָס, וואָס ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגען און האָט ניט פֿערשטאַנען פֿונ'ם תוך, האָט ער חתונה געהאַט און גענומען אײנע פֿון די בנות ירושלים פֿון אַ גוטער משפּחה און אַ גרויסע יפת תואר. איך וויל ניט זאָגען, אַז הנה איז שוין גאָר אויסגעלעשט געוואָרען פֿון זײַן האַרצען, אָבער ס'ליגט שוין אַזוי אין דער טבע פֿון מענשען זיך צו טרײסטען. אין דאָס אַלײן, אַז אַ איד פֿון אַ דאָרף איז זוכה צו נעהמען אײנע פֿון ירושלים פֿון דער הויפּטשטאָדט אַלײן, דאָס האָט טאַקע טוביה'ן געצויגען צו דער נײַער פֿרוי און אַביסעל האָט עס זי צו איהם אויך צוגעצויגען: פֿאַר איהר, וואָס זי איז אויפֿגע-

װאַקסען אין װאוהלשטאַנד און אין לאַרם איז געװעזען אַ מענש פון דעם מין, װי טוביה בן אליעזר, אַ נײַעס. און תחלת האָט איהר טאַקי גוט געפעלען בײַ איהם, און ער האָט זי ליעב געהאַט און האָט זי מכבד געװעזען און זי חשוב געהאַלטען און איהר גע־קראָכען אונטער די נעגעל און ניט פערגעסען קײן אײן טאָג, אַז זי איז אַ ירושלימ'ער. ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהרען העכער איהר עטװעגען, און זי האָט דאָס אַודאי געװאָלט. אַלע װאָך האָט זי זיך גע־מאַכט נײַע קלײדער פון טײַערע שטאָף און טאַקי זיך אָנגעטהון תענוגים, און אַזױ האָט זי געצװאוּנגען טוביה'ן צו לעבען איבער'ן כח. טוביה האָט זי שטאַרק ליעב געהאַט און האָט איהר ניט געקאָנט אָב־זאָגען. ער האָט איהר נאָכגעגעבען אַלע איהרע פערלאַנגען, און זי אָבער ניט אַ פיצעל דאַנקבאַר, פערקעהרט זי האָט זיך גאָר אָנגע־הויבען אָבצװענדען פון איהם...

נײן, דאָ איז ניט געװען די ריכטיגע, און טוביה איז געװעזען פערנאַרט אין איהר, און ער האָט ניט געזעהן, װאָס ער האָט בײַ זיך אין שטוב. זײַן האַרץ איז איהר בלינד נאָכגעגאַנגען. מען פערשטעהט, אַז פון אַזאַ פיהרונג האָט זיך באַלד אויסגעלאָזט דאָס געלד, און מען הויבט זיך שוין אָן צו פערדרעהען אין אָנצוקומען צו אַ מלוה. דעמאָלט איז דאָס פונקט אַזױ צוגעגאַנגען װי היינט.

און יענער מלוה, װאָס טוביה האָט מיט איהם געהאַט צו טהון, איז געװעזען אַ גרויסער עושר און איז געזעסען אין בית לחם נעבען ירושלים. דאָס איז געװעזען אַ ריכטיגער בלוטזויגער, אַ שלעכטער מענש ביז אין האַרצען אַרײַן, אַלץ װאָס ער האָט פערמאָגט, איז געװעזען געװעזען גזלה און גנבה, און בטבע איז ער גאָר קײן פרומער ניט געװעזען, אויך װאָס איז שייך צום זעקסטען געבאָט פון די עשרת הדברות... יאָ. דאָס איז געװעזען אַ אמת'ער רשע, ער האָט געקענט טוביה'ס װײַב נאָך פון פריהער, וישא עיניו אליה, און האָט דערהויבען זײַנע אויגען צו איהר.

און אָט דער בית־לחם'ער האָט טוביה'ן פערנאַרט פון אַלע זײַטען, האָט איהם געליהען געלד און זיך געלאָזט אַלץ איבערשרײַבען אויף זײַן נאָמען: אין יענע יאָהרען האָט מען אַזעלכע זאַכען אויך גוט פערשטאַנען. דערצו האָט ער נאָך אונטערגעשיקט רכילות־טרײַ־

בּעָה צו טוּביה'ן אָנצוּרעדען אוֹיף זיין ווייבּ, און אַליין האָט ער זיך כּלומרשט געשטעלט פאַר זיין פריינד און איהם געראָטען, אַז מיט אַזוינער מוז מען זיך גט'ען. אוֹיסמעקען פּינ'ם הארצען האָט טוביה זי ניט געקאָנט, פערקעהרט אין תּוך אַריין האָט ער זי ליעב געהאַט ווי פריהער, איהר געשטאַלט האָט איהם געצויגען צו זיך מיט אַ משונה'דיגען כּח. אָבער על פּי דין און אַז מען האָט שוין אַזוי געערעדט און ס'איז גאָר געווען גבית עדות, וישלחה מעל פּניו, און ער האָט זי אַוועקגעשיקט פון זיין הויז און זיך געמוטשט מיט איהר גט'ן.

אָהן געלד און אַ בּעל-הוב איבּער די אויערן איז ער אין דער גרויסער פרעמדער שטאָדט ירושלים אַליין געבּליבּען. — אויך מיט דער ירושלים'ער האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט — טוביה'ן איז אומעטיג, גאַנץ אַליין זיצט ער אין שטוּבּ, און דאָס פּנים פון זיין געשיעדענער פרוי קאָן ער פאָרט נישט פערגעסען, זי איז איהם תמיד געשטאַנען פאַר די אויגען, ווי אַ אָבּטהויעניש. איהר ווייסט ניט, ווי גרוים דער כּח פין דער שענקייט פון אַ ווייבּ איז אויף אַ מענשען! מעג ער אַפילו זיין אַזאַ ערהליכער און ריינער מענש, ווי טוביה בּן אליעזר.

און דאָ געדענקט טוביה אַרוּם אין גאַס אין הערט, אַז יענער, זיין מלוה פון בּית לחם, וואָס האָט איהם אַליין געראָטען זיך צו גט'ען, האָט טאַקי חתונה געהאַט מיט זיין ווייבּ די גרושה. נבלה בּישראל! אַזוינס האָט מען נאָך ניט געהערט בּיי יודען אַפילו צווישען גרויסע רשעים; און ווי אַזוי טוביה האָט די בּשורה אויפגענומען, זאָל מיר שוין זיין פערשפּאָרט צו דערצעהלען. עס האָט איהם געווייגט אינ'ם הארצען...

דער נבל פון בּית לחם איז אָבער דערמיט ניט יוצא געווען, ניין, ער האָט זיך גענומען אָן טוביה'ן נוקם צו זיין. איהר הערט אַ מעשה! איהם האָט פערדראָסען, פאַר וואָס טוביה האָט איבּערהויפּט חתונה געהאַט מיט זיין איצטיג ווייבּ, און ער האָט איהם גענומען קוועטשען און דריקען, אַז ער זאָל איהם בּעצאָהלען די הובות. טוביה האָט אָבער ניט געהאַט קיין פּרוטה, און דער בּית-לחם'ער האָט צוגענומען בּיי איהם דאָס הויז און דאָס גאַנצע כּלי בּית און איהם אַפילו ניט געלאָזען אַ בּענקעל. אין אַ הויז דעם, ווייל דאָס אַלץ האָט ניט אויסגערייכט צו דעקען אַלעס, האָט ער גענומען טוביה'ן

צו זיך פאַר אַ קנעכט, ער זאָל איהם אָבדיענען דעם חוב. אָזעלכע הארטע דינים זענען דעמאָלט געווען, דער בעל חוב איז געווען גלייך ווי אַ גנב, און עס שטעהט געשריבען ונמכר בגנבתו, מען זאָל איהם פאַרקויפען פאַר דער גנבה.

טוביה׳ס לעבען אין בית־לחם איז געווען דער ריינער גיהנם פאַר איהם, האָטש מען האָט מיט איהם ניט שווער געאַרבייט און ער האָט נאָר געדאַרפט צו טהון אַ קליינעם שמוש, דערלאַנגען דעם אָדון און דער אדונית דעם בעכער ווייַן צום טיש.

אין דעם שטילען בית־לחם נעבען דער קאָכענדיגער שטאָדט ירושלים איז געזעסען דער מלוה מיט זיין נייעם שענעם ווייב אין דעם שענעם הויז מיט׳ן גרויסען גאָרטען, און ווען טוביה פלעגט ברענגען דעם בעכער ווייַן צו טראָגען אין האָט געזעהן פון וויטען ווי זיי ביידע זיצען אַרומגענומען האַנד אין האַנד, פלעגען איהם די טרעהרען אַריין אין די אויגען און פון די אויגען פלעגען זיי פליסען אין בעכער אַריין... און אָט די טרעהרען — זאָגען די חכמים, — האָבען פול געמאַכט די מאָס פון די זינד פון די יודען, און גאָט האָט ניט מעהר צוריקגעהאַלטען זיין צאָרן אין האָט גוזר געווען, אַז דאָס בית־המקדש זאָל חרב ווערען און די שטאָדט ירושלים זאָל פון פיינד איינגענומען ווערען. אין דורך דעם עון האָט טיטוס גובר געווען, ניט דורך זיינע לעגיאָנען.

# שולמית

(א צווייטע מעשה פונ'ם חורבן)

# שולמית

(אַ צווייטע מעשה פון חורבן) *).

נעבען די דריי גרויסע גבירים פון ירושלים, וואָס מיט זיי האָט געקלונגען די וועלט, נקדימון בן גוריון, וואָס פון זיינטוועגען האָט געשיינט די זון, בן ציצת הכסת, דעם פרומען גביר, וואָס אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָבען זיך איהם נאָכגעשלעפּט די ציצות פון זיין טלית, און בן כלבא שבוע דעם גרויסען מכניס אורח, וואָס איטליכער הונגעריגער איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען זאַט, — נעבען אָט די אַדירים, וואָס אַז טיטוס האָט בעלאַגערט די שטאָדט ירושלים און מען האָט ניט געקאָנט צופיהרען קיין פּראָוויאַנט, האָבען זיי גענומען אויף זיך צוויי און צוואַנציג יאָהר כסדר אויסצוהאַלטען די שטאָדט מיט עסען און טרינקען און הייצונג, כדי מען זאָל זיך ניט אונטערגעבען דעם פיינד, — נעבען די דריי גבירים, זאָגט די מעשה, האָט צו יענער צייט געלעבט נאָך איין גרויסער גביר מיט'ן נאָמען מתתיהו איש זרחיה. דאָס איז אויך געווען איינער פון די גדולי האומה, אָבער וואוינען האָט ער געוואוינט ניט אין ירושלים, נאָר ניט ווייט פון יריחו, אין אַ גרויסען פּאַלמען־גאָרטען, וואָרים ער האָט ליעב געהאַט שטילקייט און ניט דאָס רוישען פון אַ גרויסער שטאָדט, און דערפאַר איז ער ניט געווען אַזוי בעקאַנט ווי זיי. די זרחיה'ס זענען געווען אַן אַלטע משפחה, איינע פון יענע משפחות, וואָס זענען געקומען מיט עזרא'ן פון בבל און האָבען מיטגעבראַכט אַ סך קנעכט און דינער און האָבען אָבגעקויפט פיעל ערד און געבויט דאָס הייליגע לאַנד. אין די ענינים פון דער מדינה און לעבען פון די פּאַרטייען האָבען זיי זיך קיינמאָל ניט געמישט. פון אין דער צייט, וואָס די מלכים פון פרס האָבען נאָך געהאַט די ממשלה

*) אַרויסגענומען פון אבות דרבי נתן.

איבער ארץ ישראל, און די כהנים האבען געפיהרט דעם בית־המקדש און די מדינה ציגלייך, סיי נאכדעם, אז די גריכען האבען זיך אנגעהויבען אריינמישען און האבען געוואלט, אז יודען זאלען אוועקווארפען זייער אמונה, אין עס זענען געקומען די חשמונאים און האבען זיי מיט זייער גבורה ניט אנגעלערענט און געמאכט ארץ־ישראל פאר א מלוכה, און זענען אליין געווארען פירסטען און מלכים; און סיי נאכדעם, אז הורדוס פון ארום, טאקע אנאידעם ביי זיי, האט זיי אלע די חשמונאים אויסגעהרג׳עט און געזעצט זיך אליין אויפ׳ן טראן און איז געווארען א גיטער פריינד פון די רוימער, וואס פון זיי איז דערנאך ארויסגעקומען צו פערברענען די הייליגע שטאדט און צו מאכען א תל פון יודען און זייער לאנד — אין די אלע צייטען האבען די זרהוי׳ם געלעבט שטיל, אבגעהיט דאס יודישקייט און געהאלפען דעם פאלק אין זיין אימגליק. אז דער בית המקדש איז נאך געשטאנען, האבען זיי געגעבען האלץ און שטיינער צו בעפעסטיגען די מויערען פון ירושלים, גאלד און זילבער צום פוץ פון קדשי הקדשים. יעדען טאג האט מען מקריב געווען פין זיי א קרבן. זיי האבען אויסגעהאלטען ישיבות, וואו מ׳איז געזעסען און האט אנגעהויבען טראכטען מאכען די גמרא. זיי האבען געזארגט, עס זאלען זיין גוטע וועגען פאר די, וואס געהען עולה רגל זיין קיין ירושלים, זיי האבען געלאזט מאכען נאכט־הייזער פאר די, וואס מוזען נעכטיגען אין וועג. אין אלץ האבען זיי געטהון שטילערהייד, אהן ליארעם און אהן גערודער, אפילו מענשען, וואס האבען פון זיי געלעבט אין זענען פון זיי געהאלפען געווארען, האבען אפטמאל ניט געוואוסט, פין וואנען עס קומט די הילף. יא, די זרהוי׳ם זענען געווען די בעסטע מענשען אין ארץ ישראל, וואס אזוינע זעהט מען ניט מעהר.

דער פאלמען־גארטען, אין וועלכען זיי האבען געוואוינט, איז געווען א גן־עדן זומער אין ווינטער, איטליכער פון דער פאמיליע האט זיך געהאט זיין קליין פליגעל פון מארמאר, וועלכען זיי האבען געלאזט ברייגען פון ווייטע לענדער. זיי האבען ניט ליעב געהאט קיין גרויסע זאלען, קיין הויכע טורעמס, אבער אלץ האט געמיזט זיין שען און אנציהענד פאר׳ן אויג. עפּיס איז געווען אין דער גאנצער

זרחיה׳ס משפחה דאָס צניעות פון אַ פרוי, וואָס האָט ליעב צו געהן פערשלייערט, צו פערדעקען איהר שענקייט. ווי זאָגט דער פסוק: כל כבודה בת מלך פנימה — עס זענען פאַראַן מענשען, וואָס האָבען ליעב צו לעבען אין שטילקייט אין פערבאָרגענהייט, צעהן טויערען מוז מען עפענען, ביז מען קומט צו זיי, און דאָרט זיצען זיי אין שאָטען פון בוימער, אין פאַר זיי שפּרינגט דער שפּרינג־ברונען, וואָס קיהלט די לופט...

יאָ, אַז מען לייענט די ספרים פון אַמאָל, איז דאָס רוב נאָר די רייד פון די גרויסע גבירים, די גרויסע צדיקים און לערנער און חכמים, וואָס זענען געווען ביי יודען, אָבער פון די, וואָס האָבען ליעב געהאַט שענקייט און זענען טאַקע אין דעם גרויס, שטעהט ווייניג געשריבען. און פון אַזאַ מין מענשען זענען געווען די זרחיה׳ס.

מתתיהו איז געווען דער יונגסטער פון זיינע ברידער, און ער איז געווען דער שענסטער און דער בעסטער פון זיי. געגעבען האָט ער אהן אַ שעור, און אויף דעם טויער פון זיין הויז איז געשטאַנען אויפגעשריבען: כל דכפין ייתי ויכול! איטליכער הונגעריגער זאָל אַריינגעהן און זאָל עסען! רבקה, זיין ווייב, אַ יפת תואר, אַ נאַמת׳ע בת מלכה און אַ גרויסע מיוחסת, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ כהן גדול, איז נאָר געווען דער מזג טוב און די גוטסקייט אַליין. אַז איינער האָט נאָר געמאַכט אַ רחמנות פנים, האָט זי איהם געקאָנט אַוועקגעבען אַלץ. נאָר האָט מען צו זיי אַליין ווייניג געקאָנט צו־קומען; די גרויסע נדבות און מתנות זענען אַלץ געגאַנגען דורך די גבאים, און זיי אַליין האָבען זיך געלעבט שטיל פאַר זיך, ווי היינט ביי אַ גרויסען רבי׳ן. איין איינציגע טאָכטער האָבען זיי געהאַט, זי האָט געהייסען שולמית. די שענקייט פון שולמית איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט ניט געקאָנט קוקען אין איהר פנים. — אַזוי האָט עס געלויכטען ווי די זון. איהר אידעלער גוף, איהר שענער וואוקס און גאַנג האָבען ניט געהאַט צו זיך איהר גלייכען אויף דער וועלט. ווער עס האָט געהאַט די זכיה זי צו זעהן, האָט געמיינט, אַז ער זעהט אַ מלאך פאַר זיך. אָבגעהיט האָט מען זי אַ סך מעהר ווי הורדס טאָכטער, און איהר שטאָלץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז

קיין ילודה אשה וואלט ניט געקאנט קומען אויף די דעה זי אנצורירען מיט׳ן מינדעסטען פינגער. שולמית איז געווען געגליכען צו דער לבנה, וואס איז געוועהנט, אז ארום איהר זענען תמיד דא שטערען, און זי אליין שיינט פון וויטען.

הונדערט דיענסטען האט מען צו איהר געהאלטען, אלע שען אנגעטהון אין אליין שען און ריין, וואס זיי האבען זי שטענדיג בעגלייט. איטליכען טאג האט זי זיך געבאדען אין מילך און אין וויין, און וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט, איז געווען פאר איהר גרייט. מתתיהו אין זיין ווייב האבען זעהר געהאלטען פון יודישקייט און ביי זיי אין שטוב האט מען נאר גערעדט אויף לשון קודש. פאר זי אבער, פאר שולמית׳ן, האבען זיי געלאזט בריינגען לעהרער פון גריכענלאנד. שולמית האט געקענט גריכיש און רוימיש און איז געווען געניט אין אלע איידעלע הכמות. איהר טאנצען איז געווען א פלא, איהר זינגען איז געווען אזוי זיס, אז די פויגלען האבען איהר מקנא געווען. ווער עס האט זי געזעהן און געהערט איהר קול זינגען, איז געווען ווי פערכשופ׳ט פון איהר. עס איז געווען אזוי, אז מען האט ניט געטארט זי מיטנעהמען אין שטאדט אריין קיין ירושלים, ווארום די בני־ציון זענען געשטארבען פון ליעבע, אז זיי האבען זי דערזעהן. מתתיהו האט ניט געהאלטען פון די בני הורדס אין פאר זיי האט ער געהיט זיין טאכטער, ווי פאר פייער.

וואס זאל איך נעהמען אבמאלען שולמית — מיין פען איז צו־שוואך דערצו, און די, וואס ווילען מעהר וויסען פון איהר, היים איך א קוק טהון אין שיר־השירים....

---

עס זענען אבער געקומען גאר אנדערע צייטען אויף יודען. יענע אוצרות פון ברויט אין אייל און וויין, וואס נקדימון בן גוריון, ציצת הכסת און בן כלבא שבוע האבען אנגעקליבען אין ירושלים, זענען פון די בריוני אין פון די אלע, וואס עס איז זיי נמאס געווארען צו זיצען אין די איינגעשלאסענע, בעלאגערטע מויערן, אנגעצונדען און פערברענט געווארען. די מויערען פון ירושלים זענען

זענען געפאַלען און דאָס בלוט פון די גבורי ישראל, וואָס האָבען געהאַלטען מלחמה, ווי לייבען און לעמפּערטען, האָט געררונען מיילען ווייט, פערברענט איז געוואָרען די בערימטע הייליגע שטאָדט, פערברענט איז געוואָרען דער בית המקדש און דער פּאַלאַץ פון די מלכי הורדס, וואָס האָט בעשיינט די שטאָדט. פערוויסט איז געוואָרען דאָס לאַנד ארץ ישראל, וואָס דאָרט האָט געררונען מילך און האָניג. פון אַלע דערפער אין שטעדט איז געוואָרען אַ תל, און די מענשען, וואָס זענען נאָך געבליבען בייס לעבען, זענען פערקויפט געוואָרען אויף די מערק פאַר קנעכט און פאַר דיענסטען אין פרעמדע לענדער. נפלה עטרת ישראל: דאָס יודישע פאָלק האָט אויסגעטהון די קרוין.

מתתיהו אין זיין גאַנצע פאַמיליע זענען אין מלחמה דערהרג'עט געוואָרען. אָנגעצונדען האָט מען אַלע זיינע פּאַלאַצען, די פּאַלמען פון גאָרטען האָט מען אויסגעריסען אין פערברענט, און די ברינעמער וואַסער, וואָס פון זיי האָט געשפּריצט דאָס קלאָרע וואַסער, ווי קריסטאַל האָט מען פערשאָטען מיט ערד און מיט שטיינער.

נאָר שולמית, וואָס אַ טרייער קנעכט האָט זי מציל געווען פון פייער, איז מיט אידם געפאַנגען געוואָרען פון אַ רוימער, און ער האָט זיי ביידען פערקויפט קיין דמשק צו אַ גריכען אַפּאָלאָניוס אין שטוב אַריין. אַפּאָלאָניוס האָט פערשטאַנען צו שעצען די שוועה געפרובטע שולמית, און זי איז געווען אין זיינע אויגען ווי אַ געפאַלענער שטערן. ער און זיין ווייב האָבען זי ליעב געהאַט ווי זייער אַ קינד און זי ניט גענויט צו אַרבייטען. שטיל און שטאַלץ און אין זיך פערטראָגען האָט שולמית דאָרט געלעבט ביים גריכען. זי האָט ניט ליעב געהאַט צו קלאָגען אין ניט ליעב געהאַט צו דערצעהלען פון אַמאָליגע צייטען. זי האָט ניט געוואָלט געהאַלטען ווערען פאַר אַ פּריצ'טע, און אַז אידה הערין, די גריכין, איז געגאַנגען אין גאָרטען פלעגט זי האַפּען אַ קרוג וואַסער אין געוואָלט אידה העלפען בעגיסען. די גריכין האָט זי אָבער ניט געלאָזט זיך צורידרען צו אַן אַרבייט, — עס איז אידה אויסגעקומען ווי אַ חלול־הקודש זיך לאָזען בעדיענען פון דער שענער שולמית. אַזוי האָט שולמית געפונען בעשיצער אין דער־פרעמד, און אַז מען טהוט אַ קוק, ווי

אַנדערע אידרע שוועסטער האָבען געהאַט צו ליידען אין ווי זייער שענקייט איז געטרעטען געוואָרען מיט די פיס, וואָלט מען איהר געקאָנט מקנא זיין. זי האָט געטראָפען אויף מענשען, וואָס האָבען פערשטאַנען, ווער שולמית איז אין וואָס איהר קומט. די אמת'ע שענקייט און ריינקייט פון אַ מענשען איז גובר אפילו דעם שונא.

אַל תגעו במשיחי! רידרט ניט אָן די געזאַלבטע פין מיין פאָלק! אַזוי האָט גאָט אַמאָל געזאָגט, אָבער דערנאָך האָט גאָט עפּיס אַנדערש געזאָגט און זיין כעס איז געווען גרויס, מורא'דיג גרויס..

ויהי הלילה איז געקומען דער בעל החלומות צו אַפּאָלאָניוס'ן און זאָגט צו איהם: דו אַפּאָלאָניוס, הער מיין בעפעהל, האַלט ניט מעהר די בת ציון שולמית ביי דיר און שיק זי אַהעק פון דיין הויז. אַפּאָלאָניוס האָט דאָס געהאַלטען פאַר אַ איינבעדייטענדען חלום און האָט ניט געהערט אויף די ווערטער פין מלאך. דער בעל החלומות איז אָבער געקומען די צווייטע נאַכט אין האָט געזאָגט דאָס איינענע. און אַזוי פלעגט ער קימען אַלע נאַכט און האָט אַלץ דערמאָהנט אַפּאָלאָניוס'ן, ער זאָל אַוועקשיקען שילמית'ן פון זיין הויז, ביז אַפּאָלאָניוס אין זיין ווייב האָבען בעקומען מורא און האָבען געמוזט מיט אַ שווערע האַרץ נאָכגעבען.

איין מינוט האָט זיך אַפּאָלאָניוס געפּרובט טרייסטען: ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס צום גוטען; אָבער זיין האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז ניט צום גוטען. ער האָט פערשטאַנען, אַז די איידעלע פלאַנצונג וועט אומקומען און צובראָכען ווערען דרויסען אין דער ביטערער קעלט; שולמית, וועט ניט קאָנען לעבען, אַז זי וועט ניט האָבען עמיצען, ווער עס זאָל זיך פאַר איהר אָננעהמען און זי בעשיצען. איהר קענט ניט די גריכען אין ווייסט ניט, וואָס זיי קאָנען. זיי זענען ניט געוועהנט צו וויינען פין איטליכער סבה; די פרוי פון אַפּאָלאָניוס איז געווען שטאַרק, און אַז צוויי קינדער זענען ביי איהר געשטאָרבען אין איין טאָג, האָט זי דאָס נעקאָנט דערטראָגען; אָבער אַצונד, אַז ס'איז געקומען דער טאָג, וואָס זי האָט זיך געמוזט אָבגעזעגענען אויף אייביג מיט שילמית'ן, האָט זי זיך ניט געקאָנט האַלטען פאַר וועהטאָג.

אַפּאָלאָניוס האָט אַליין גענימען צונויפבינדען שולמית'ן דאָס

קליינע פעקעל מיט זאכען און האט צו איהר געזאגט די ווערטער: מיר קאנען דיך ניט האלטען מעהר ביי אונז, שולמית. מ׳ר גיעבען דיר פרייהייט צו געהן וואוהין דו ווילסט, אזוי ויל דיין גאט״. שולמית האט גענומען א שאהל אויפ׳ן האלז און אין האנד א קרוג אויף וואסער — און די אנדערע — א שטעקען צום געהן.

---

מ׳איז געווען א שטילער זומער-מארגען. א קליין ווינדטעל, וואס האט געבלאזען אין דער נאכט, האט אבגעקיהלט די לופט. שולמית האט פאוואלע פערלאזען דאס דארף און איז געקומען אויפ׳ן פרייען פעלד. צו דער שעה איז ניט געווען צו זעהן קיין מענשען אויפ׳ן וועג, און שולמית אין ווייסען טוניק מיט פע־קעל אויפ׳ן אקסעל האט אויסגעזעהן, ווי א חלום אין העלען טאג... אפאלאניוס איז איהר נאכגעגאנגען פון ווייטען; ער האט געזאלט ויסען, וואס איז געווען די כונה פון בעל-החלומות, וואס ער האט זי פערטריבען פון זיין הויז. דא זענען זיי אנגעקומען צו א וועלדעל, און שולמית האט זיך פערלוירען הינטער די בוימער, אפאלאניוס האט זי ניט געקאנט מעהר זעהן...

שולמית איז געגאנגען אין געגאנגען ביז זי איז געקומען צו א קלאר וואסער, און ווי זי האט דערזעהן דאס וואסער, האט זי זיך אנידערגעזעצט אויף א שטיין און האט אנגעהויבען צו וואשען די פים אין וואסער. איז דאס אויסצומאלען דאס בילד, ווי די לעצטע בת ציון, וואס איז איבערגעבליבען פון א געשטראפט פאלק, זיצט אליין אין אנאבגעלעגען, שטיל וועלדיל? וויט פון איהר הערט מען ניט קיין קול פון א מענשען. עס וויזט זיך ניט קיין הילף, עס קומט ניט קיין גואל...

און ווי שולמית איז אזוי געזעסען, איז צוגעקראכען א גרי־נע שלאנג, וואס האט געשפירט פון ווייטען דעם ריינעם גוף פון א מענשען; און ווי זי האט דערזעהן שולמית׳ן זיצענדיג ביים וואסער, האט זי איהר געגעבען א ביס אין די פים. שולמית פאלט אריין אין וואסער און איז טויט, טויט.

אין אַ שעה אַרום איז אָנגעקומען אַפּאָלאָניוס צום האַסעה און האָט געפֿינען דעם טויטען מת בײַם וואַסער. די פּיס זײַנען נאָך געווען בלוי פֿונ'ם גיפֿט. ער איז אַראָבגעשטיגען צום טײַך. אַרויסגעצויגען דעם מת, האָט גענומען די טויטע שולמית אויפ'ן פּלייצע, און האָט זי געבראַכט צוטראָגען אַהיים צו זײַן ווײַב. שטום פֿאַר שמערץ האָבען זיי ביידע אויסגעגראָבען אַ קבר אין זייער גאָרטען און האָבען זי דאָרט בעגראָבען. עס איז אונטערגעגאַנגען די זון.

„זעהסט דו, האָט אַפּאָלאָניוס געזאָגט צו זײַן ווײַב, אימקערערענדיג זיך פֿון פֿרישען קבר, אַט דאָס הייסט, ווען גאָט גיסט אויס זײַן כעס אויף זײַן פֿאָלק".

בלע ה' ולא חמל. — — —

# חתן כלה

(א מעשה)

# חתן כלה.

(א מעשה.) *)

---

דאָס האָט זיך געטראָפֿען צו די צײַטען פֿון דער גמרא, צו די צײַטען, וואָס די מענשען זענען געווען פֿרום און ריין.

שווער האָט זיך געלעגט די האַנד פֿון די רעמער אויף די יודען, נאָך חורבן ביתר. פֿערוויסט איז געוואָרען א האַלב לאַנד, חרוב זענען געוואָרען א סך שטעדט. די גבורי ישראל זענען דערטרונקען געוואָרען אין בלוט און די שענסטע בנות ציון זענען פֿערשלעפּט געוואָרען ווײַט פֿון דער היים און פֿער־קױפֿט געוואָרען — פֿונדעסטוועגען איז דער איידלער זין פֿון די מענשען נישט פֿערלוירען געגאַנגען, פֿערקעהרט מ׳האָט נאָך געקענט זעהען גבורת הנפש און „ואהבת לרעך כמוך״ איז נישט געווען א בלויזער פּסוק, וואָס מען זאָגט דאָס שנים מקרא ואחד תרגום און מ׳טוט פּונקט פֿערקעהרט... ניין! איין מענש האָט טאַקי ליעב געהאַט דעם אַנדערן און האָט זיך געקענט מפקיר זיין פֿאַר׳ן אַנדערן און איינער האָט געקענט איבערטרעטען דעם אַנדערן זיין גליק...

---

ס׳איז געווען אין דער גרויסער שטאָדט טיבעראַס, אויף א גרויסען שקלאַפֿען־מאַרק, א מאַרק, וואָס מען פֿערקויפֿט קנעכט און דינסטען, וואָס דינען אייביג, און נישט נאָר שוואַרצע מענשען, נעגערס, וואָס מען מיינט, אז זיי זענען געבוירען געוואָרען לשם קנעכט, נאָר טאַקי לײַטיש קינדער, יונגלעך און

---

*) אַרויסגענומען פֿון די מעשיות פֿון רבינו נסים גאון.

מיידלעך, וואָס זענען געבוירען אין רייכטום און וואָס מען האָט צו זיי אליין געהאַלטען קנעכט, ווערען אַצינד פערקויפט. דאָס זענען געוועזען אַלע שבויי-מלחמה, אַלע, וואָס דער מנצח פון דער מלחמה האָט זיי געפאַנגען צו נעהמען, דאָס זענען געוועזען מעהרסטענטיילס הנשים וטף, פרויען און קינדער, וואָס בלייבען אין דער היים, אַלע זענען זיי אויסגעשטעלט אין בלויסע העמדער אויפ'ן מאַרק און אַרום זיי איז געצויגען אַ קייט. אַזוי שטעהען זיי פלאַטערנד; און די קויפער, טאַקי אַנדערע רעמער, גריעקען און פערזער גערהען אַרום און קוקען און מוטשען די אומגליקליכע, אויב זיי זענען געזונד, אויב זיי זענען שען, איך וויל דאָס נישט ווייטער אויסמאָהלען, אַזוי נידריג איז היינטיגע צייטען דער צלם-אלהים פון אַ מענש פאַרט נישט מעהר, לכל הפחות נישט אויף אַזאַ אופן.

אויף אָט דעם שקלאַפען-מאַרק האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ יודיש מיידעל פון צוועלף יאָהר, וואָס איז אויסגעשטעלט געווארען פערקויפט צו ווערען, זי איז געוועזען פון אַ משפחה מיוחסת און פון גרויסער שענקייט און איידעלקייט; זי איז אפילו געוועזען נישט מעהר ווי אַ קינד, אָבער ס'איז שוין אין איהר געווען אַ רגש פון עמה ומולדתה, און אַז זי האָט שוין געמוזט פערקויפט ווערען, האָט זי האָטש געוואָלט פערקויפט ווערען צו אַ יודען. און דאָ העלפט גאָט, ס'נעהט פאַרביי אַ רייכער יוד, וואָס איז נישט אַזוי געטראָפען געוואָרען פונ'ם חורבן, דערזעהט דאָס קינד, זי גיט זיך אידם צו דערקענען און ער טראַכט נישט לאַנג און קויפט זי אויף אָרט און שטעלע. מען האָט פאַר איהר פערלאַנגט אַ שטיק געלד, אָבער וואָס טהוט נישט אַ יוד פאַר פדיון-שבוים.

דער דאָזיגער יוד האָט געהייסען יחזקאל און איז געוועזען אמאָל אַ קצב, וואָס פלעגט אָרימע לייט געבען פלייש אויף שבת, ויהי ה' עמו, און גאָט איז געוועזען מיט אידם און ער איז מצליח געוועזען אין אַ לאַנד, וואָס איז חרוב געווען, און קוים זענען געוואָרען צוגעניטט די גאַרבען. לערנען האָט ער נישט געקענט אָבער ער איז געוועזען אַ מוקיר תלמידי-חכמים, און ס'איז ביי אידם געוועזען איין אפענע שטוב און ער איז געווען אַ גרויסער בעל-צדקה.

דאָס מיידעל, וואָס ער האָט זי געקויפט אויפ'ן שקלאַפען-

מאַרק, האָט געהייסען אביגיל. יחזקאל האָט איהר באַלד געגעבען די פרייהייט, אָבער זי, אַ קינד אָהן אַ פאָטער און אָהן אַ מוטער איז ווייטער געבליבען בּיי יחזקאל׳ן. און יחזקאל און זיין ווייב נחמה, אַ יודענע מיט אַ גוט האַרץ, האָבען זי בּיי זיך אויפגעצויגען און האָבען פאַר איהר אַלץ געטהון. וואָס ווען איהר פאָטער און מוטער וואָלטען געלעבט און געבליבען בּיי זייער מעמד, וואָלטען זיי פאַר איהר נישט געקענט מעהר טהון. זי איז בּיי זיי געווען ווי אַיין אייגען קינד, און מען האָט זי אָבגעהיט ווי דאָס אויג.

און אביגיל איז געוואַקסען און איז געוואָרען אַלע טאָג שענער און קליגער. מען האָט מאַקי צו איהר געהאַלטען לערערס און זי האָט געלערנט אַלע איידעלע מלאכות. זאָל איך אויסמאָלען, ווי אַזוי זי האָט אויסגעזעהען מיט פוערצעהן יאָהר, מיט פופצעהן, מיט זעכצעהן און ווייטער? ווייס מען ניט, ווי אַזוי אַרויז, אַז זי וואַקסט און בליהט און ווערט אַלץ שענער, זעהט אויס? אַז יחזקאל און זיין ווייב האָבען גאָרניט געקענט לעבען אָהן איהר, איז דבר שפתים אך למחסור!

און דאָ מוז איך דעם לעזער מגלה זיין אַ סוד, אַז יחזקאל׳ן און נחמה האָבען געהאַט אַ שטיקעל פניה אין האַרצען, אַפילו אַ ריינע פניה, אָבער פאָרט אַ פניה. זיי האָבען געהאַט אַ זוהן, אַן איינציגען, אַ גערעכטען אין אַלע מעלות, וואָס איז געווען זייער איינציגער יורש פון זייער גרויסער רייכטים. און די מחשבה האָט זיך בּיי זיי איינגעוואַקסען, אַז זייער אלימלך, אַזוי האָט געהייסען זייער זוהן, אין אַביגיל דאַרפען ווערען אַ פּאָר. קיינעם האָבען זיי נישט געזאָגט פון דער מחשבה, און מיט די קינדער האָבען זיי אונזאי נישט גערעדט דערפון. אָבער אַז אביגיל איז אַלט געוואָרען אַכצעהן יאָהר, און ס׳איז פאַר זיי בּיידע צייט געוואָרען תתונה צו האָבען, האָט יחזקאל גענומען זיין זוהן אויף אַ זייט און האָט צו איהם געזאָגט:
„וואָס טויג דיר מיין זוהן צו זוכען אַ ווייב אין דער פרעמד, נעהם אביגיל׳ן, וואָס איז בּיי אונז אין וואָס איז אַזוי ווי אונזער אייגען קינד, ופרשת כנפיך עליה, און שפּרייט אויס דיינע פליגעל אויף „איהר" דאָס האַרץ פון אלימלך׳ן האָט געשלאָגען פאַר פרייד...

און ס׳איז געווען אַ סעודת-אירוסין כיד-המלך, און דערנאָך

האָט מען געמאַכט די חתונה מיט גרויסער פּראַכט אין מיט די מנהגים פון יענע צייטען. פאַר אָרימע לייט האָט מען געמאַכט אַ סעודה כּסעודת־שלמה בשעתו, אַליין דאָס לאַנד איז געגאָרנישט אונטער־יאָכט... איטליכען אָרימאַן האָט מען געדעקט אויף אַ קליין טישעל, כּדי איטליכער זאָל זיך משמח זיין און זאָל זיך נישט שעמען פאַר'ן אַנדערן צו עסען וויפיעל ער וויל. יחזקאל דער בעל שמחה איז געווען פול גדילה, וואָס ער האָט דאָס אַליין, דערלעבט, ער איז אַליין אַרומגעגאַנגען פון טיש צו טיש, מיט איטליכען גערעדט אַ גוט וואָרט אין געפרעגט, וואָס ער ווינשט זיך, כּדי גלייך ממלא זיין, זיין רצון. אלימלך און אביגיל זענען געזעסען אויבען אָן, ווי אַ בן מלך און אַ בת מלכה. מען האָט אַ רגע געקענט פערגעסען אין געקענט מיינען, אַז מען איז נאָך אין בעזיץ אין ירושלים און איז נאָך בתפארתה — —

דאָ דערזעהט אויף איינמאָל יחזקאל אַרומגעהענדיג, אַן אָרימאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, וואָס זיצט שטיל און מרה־שחורה'דיג ביי אַ טישעל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ עק. די מאכלים און די משקאות שטעהען נאָך פאַר איהם, ווי מען האָט זי איהם אַנידערגעשטעלט.

„וואָס איז אייך, זאָגט יחזקאל צו איהם, פאַרוואָס עסט איהר נישט און טרינקט נישט. איך זעה אין אייך, אַז איהר האָט אַ גרויסען צער. זאָגט מיר, וואָס איז אייך, טאָמער קען איך אייך העלפען. אויף מיין שמחה דאַרף קיינער נישט האָבען קיין צער אין האַרצען, און ווען איז המאַרנע, פאַר דעם מוז אויפגעהן די זון“.

„מיין זון וועט קיינמאָל נישט אויפגעהן, זאָגט דער פרעמדער אָרימאַן, זי איז אויף אייביג אונטערגעגאַנגען. דאָס טייערסטע, וואָס איך האָב פערמאָגט, האָב איך פערלוירען, פערלוירען אויף אייביג“.

„ביי מיר אין שטוב — האָט זיך ווידער יחזקאל אָנגערופען — מוז אייער זון ווידער אויפגעהן, דערפאַר איז דאָך ביי מיר אַזאַ שמחה, איהר מוזט זיך משמח זיין מיט אונז אַלע“.

„אייער שמחה איז נישט מיין שמחה, פערקעהרט...“

יחזקאל שלאָגט איהם איבער מיט כּעס, אָבער ער זעהט אין די אויגען פון יונגען מאַן אַ גרויסען טרעהר, דאָס ערווייכט איהם זיין האַרץ: „טאָמער קענט איהר מיר פאָרט זאָגען, וואָס אייך איז,

איך בעט אייך."

„אויב איהר ווילט באמת וויסען, דייבט אן דער יונגערמאן, וואס מיר איז, אזוי קומט מיט מיר אין איין אנדער חדר, וועל איך אייך זאגען, איך מוז אייך שוין זאגען, הארום ווען נישט איז דאס מיין טויט."

---

דאס איז געוועזען א לאנגע מעשה, וואס דער יונגערמאן האט דערצעהלט יחזקאל'ן. ער האט איהם דערצעהלט, ווי מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער געוואהנט מיט זיינע עלטערן אין דעם אייגענעם דארף, וואס דארט האט געוואהנט דער פאטער פון אביגיל, ווי זיי זענען נאך ביידע געוועזען במעמד העושר און האבען געהאט רייכע פעלדער און ווייגערטנער און ער האט אמאל געראטעוועט אביגל'ן פון טויט, אז זי איז אריינגעפאלען אין א טייך אריין און האט גע-קענט דערטרינקען ווערען און ווי דער פאטער פון אביגיל'ן האט איהם צוגעזאגט, זי איהם צו געבען פאר א ווייב, אז זי וועט אויסוואקסען... דערנאך איז געקומען דער שונא און האט געמאכט פון אלץ א תל...

און כדי צו בעווייזען, אז דאס איז אמת, וואס ער זאגט, האט ער זיך אויסגעוויזען מיט א סימן, וואס זיין כלה האט גע-האט אויף דער לינקער האנד.

מיט א שווער הארץ האט יחזקאל אויסגעהערט די ווערטער פון דעם פרעמדען יונגענמאן. אבער ער האט פערשטאנען דעם טיע-פען שמערץ, וואס האט געמוזט זיין אין זיין הארצען און ער האט איהם מגלה געווען די מעשה.

באלד געוואוסט, וואס ער וועט טהון.

* *
*

מ'האָט גענומען דעם יונגעמאַן אין אַ באָד אַריין און מ'האָט איהם אָנגעטהון ריינע זאַכען. ווי זאָגט מען ויגלח ויחלף שמלותיו. אלימלך האָט אויסגעטהון זיינע טייערע קליידער און מ'האָט זיי אָנגעטהון דעם אָרימאַן, וואָס האָט נאָר בעקומען אַ נייַ פּנים.

און ווער איז געגאַנגען צו דער חופּה? נישט אלימלך, נאָר דער אמת'ער חתן. יחזקאל און זיין ווייב נחמה זענען געווען די שושבינים. חוץ התונה איז טאַקי געווען די אייגענע, נאָר מיט דעם הלוק, אַז דער חתן איז נישט מעהר זי יעה זוהן, נאָר דער בעשיעדערטער פונ'ם הימעל.

אַט דאָס האָבען געקענט יודען פון אַמאָל!

# צוויי ברידער

(א מעשה פונ׳ם מדרש)

# די צוויי ברידער

ס'איז פאראן א פסוק אין חומש: „שופך דם האדם באדם דמו ישפך". פערטייטשט: ווער ס'פערגיסט דאס בלוט פון אן אנדער מענשען אומזיסט און אומנישט, דער גערט ניט לעבעדיג ערהייך אב פון דער וועלט אוועק. די טבע אליין דערמאנט אין זיין חוב, און האטש ס'קומט אמאל אויס, אז א רוצח ווערט געראטעוועט, און גאט שטראפט אידם ניט תיכף נאך דער רציחה, ווייזט זיך דאס נאר אזוי אויס, און אין דער אמת'ן קומט שוין אמאל זיין צייט, און עם טרעפט אידם די האנד פונ'ם אייביגען ריכטער.

———

אין מדרש צום חומש „דברים" ליי'ענען מיט אט אזא מעשה: ס'איז געווען אמאל אין א דארף אן'אלמנה, רות האט זי געהייסען מיט'ן נאמען, און האט געהאט פעלד אין בדמות. איר גע־ארבייט האבען ביי איהר דינסט און קנעכט, און זי האט זיי גוט געצאהלט און טאקי ניט געארבייט מיט זיי עבודת־פרך, וואריס רות איז געווען א מענש מיט רעכטשאפענהייט. דער יושר און די חובות פון א מענשען זענען געווען ביי איהר די אמונה. „אין דער וועלט מוז זיין רעכט", פלעגט זי צו זאגען, קיינער טאר ניט קריוודען דעם אנדערן אויף א האר. קיינער טאר ניט אוועקנעהמען ביים אנ־דערן, קיינער טאר ניט אויפהויבען זיין האנד אויף דעם אנדערן...
און האט זיך איהרים א קינד געקריגט מיט'ן קנעכט, און דער קנעכט

איז געווען גערעכט, האט זי ניט געקוקט אויף איהר בלוט און פלייש. נושא-פנים זיין, אפילו זיך אליין, דאס איז ביי איהר ניט געווען. יא, אזוינע מיני פרויען האבען מיר געהאט אמאל.

רות האט געהאט צוויי יונגלעך, איינער האט געהייסען שמעון און דער אנדערער האט געהייסען יעקב. און זיי זענען געווען די לעבעדיגע ירושה פון איהר מאן. אז איהר מאן האט געלעבט, זאגט מען, האט זי געהאט מיט איהם א שווער הארץ. — אבער נאר איינער פון די זיהן האט געהאט אין זיך די ווילדקייט פונ'ם פא-טער און דאס איז געווען שמעון. דער יינגערער ברודער, יעקב, איז אויך ניט געווען קיין נעבעך, אבער ער איז ניט געווען אזא כעסן, ווי שמעון. שמעונ'ס כעס איז געווען למעלה מן הטבע. איהם צו זעהען רייטענדיג אויפ'ן פערד, צי ארויספאהרען אויפ'ן טויג, האט מען דערקענט, אז דער כעס קאכט אין איהם, אלץ, וואס ער האט געטהון, האט ער געטהון מיט כעס. יעקב האט מורא געהאט פאר זיין ברודער. נאכגעבען האט ער ניט געקאנט. א מענש, וואס טהוט קיינעם ניט קיין עולה, קאן ניט פערטראגען, אז מען זאל איהם טהון אן עולה; אבער שמעון איז געווען תמיד דער תקיף איבער איהם. און וואס ער האט געוואלט, האט ער אויסגעפיהרט, אין שלא על פי דין. גאר ניט, טהו איהם עפעס. ווי אזוי די מוטער רות האט פון דעם געליטען, בעדארף איך אייך ניט צו דערצעהלען.

ויהי היום, האבען זיך ביידע ברידער צוקריגט. זעכצעהן יאהר זענען זיי שוין אלט געווארען, דער איינער פול מיט תאוות און ליי-דענשאפטען, די וועלט וואלט ער געקאנט פערשלינגען, דער צוויי-טער ווי זאגט מען, א ריין מענש, א כשר בלוט. אויף איין זייט קין, אויף דער אנדערער — הבל. און דאס זענען צוויי ברידער...

ווי געזאגט, זיי האבען זיך ביידע צוקריגט. ווער חיים, טא-מער איז דאס גאר געווען א פוסטע זאך און זיי וואלטען געקאנט צוריק שלום ווערען. אבער מסתמא איז בעשערט געווען, אז שמעון זאל ארויסלאזען זיין צארן. שמעון האט אנגעהויבען צו שעלטען זיין ברודער און דערנאך איהם צו שלאגען, און אז יעקב האט זיך ניט געלאזען, איז אין שמעונ'ען נאך מעהר אויסגעבראכען דער כעס, ער האט ארויסגעכאפט א שארף מעסער פון בוזעם ארויס

און האָט עס אַרײַנגעשטאָכען זײַן ברודער אין האַרצען אַרײַן.

יעקב האָט געגעבען אַ מוראדיגען געשרײ און איז געפאַלען אויף דער ערד. און אַז די מוטער רות איז אַרײַנגעשפּרונגען פון דעם הינטערשטען הדר, האָט דאָס וואַרעמע בלוט פון דער־שטאָכענעם זוהן נאָך געשפּריצט. אין דער שטעכער איז אַנטלאָפען דורך די אָפענע טהיר...

---

שטיל און מיט צוזאַמענגעביסענע ליפּען האָט די מוטער פון ביידע גענומען אַ ריין גלאָז, האָט עס אונטערגעשטעלט אונטער דאָס שפּריצענדע וואַרעמע בלוט ביז עס איז פיל געוואָרען.

דערנאָך האָט זי צונויפגערופען די מענשען פון שטוב. מען האָט אויפגעהויבען יעקב'ן פון דער ערד, איהם אויסגעטהון די בלוטיגע קליידער, איהם אָבגעוואַשען און איינגעוויקעלט אין אַ ווייס ליילעך. ער איז שוין געווען אַ טויטער.

געיאָמערט און געקלאָגט האָבען אַלע נאָך יעקב'ן. אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט ווי אַן איינציגען קינד, ווארום ער האָט געהאַט אין זיך די טייערע מדות פון זיין מוטער און האָט קיינעם ניט געטהון קיין עולה. נאָר זיין מוטער האָט ניט געוויינט און ניט געקלאָגט. דאָס בלוט אין גלאָז איז געשטאַנען אין האָט געוואָרען.

שטיל און אָהן טרעהרען איז געגאַנגען די מוטער צו דער קבורה. דאָס גאַנצע דאָרף איז געגאַנגען נאָך דער לויה. בעגראָבען האָט מען איהם גאָהענט פון אַ בערגעל.

און אויף דעם בערגעל האָט רות געלאָזען אויפמויערן אַ טהורם פון שטיינער און אויבען אונטער דעם דאַך פון טהורם האָט זי געהייסען מאַכען אַ קליין הדר'ל און אַט אין דעם חדר'ל האָט זי

דאָס קאָכעדיגע גלאָז בלוט אַרויסגעבראַכט אין האָט עס דאָרט אַניִדערגעשטעלט.

עטליכע פון אירע געטרייע קנעכט וואָלטען זיך געוואָלט לאָזען אויף דער וועלט, כדי צו זוכען שמעון׳ען, דעם רוצח, וואָס האָט אומגעבראַכט זיין ברודער, אָבער רות האָט דאָס ניט צוגעלאָזט. וואָס זי פלעגט צו טהון, איז געווען איינס: יעדער טאָג, אַז זי האָט געענדיגט די אַרבייט פונ׳ם גאַנצען טאָג, פלעגט זי זיך פערגנב׳ענען און פלעגט אַרויסציגעהן אין הדר׳ל פון טהורם. דאָרט איז געשטאַנען דאָס גלאָז מיט יעקב׳ס בלוט און דאָס בלוט האָט שטענדיג געקאָכט, גלייך ווי עס קומט נאָר וואָס פון מענשען.

שטיל פלעגט זי דאָרט זיצען, און קוקען אויפ׳ן גלאָז און פלעגט צו קוקען דורכ׳ן פענסטערל ווייט איבער׳ן דאָרף, גלייך ווי זי וואָלט דאָרט עמיצען געזוכט. דאָס פלעגט זי צו טהון יעדען טאָג, זומער און ווינטער. עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָהר, דאָס צווייטע, דאָס דריטע. פון שמעון׳ען הערט מען גאָרניט, און פאַמעליך האָבען די מענשען אָן צו פערגעסען פון איהם און פון דער רציחה. רות האָט אָבער ניט פערגעסען און ניט אויסגעלאָזט איין טאָג, וואָס זי זאָל ניט אַרויפגעהן אויפ׳ן טהורם, אַזוי גיט, ווי אַ פרומער יוד לאָזט ניט אויס קריאת־שמע. אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען צעהן יאָהר נאָך יעקב׳ס טויט, און רות קומט אַלע טאָג צום טהורם, און דאָס בלוט אין גלאָז קאָכט און זידט, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען פון היינטיגען טאָג.

דרייצהען יאָהר זענען פערגאַנגען. שטום האָט זי געטראָגען דעם צער אין האַרצען אַזוי ווי מען טראָגט אַ סוד. קיינעם האָט זי ניט געוויזען איהר צער, מיט קיינעם האָט זי ניט גערעדט פון איהר צער, אפילו ניט מיט גאָט... דערצו איז זי געווען צו שטאָלץ.

אויפ׳ן פערצעהנטען יאָהר, עס איז געווען אַ זומער־טאָג, דער הימעל איז געווען בלוי, די לופט איז געווען ריין און פריש. דבורה איז אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן טהורם, ווי דער שטייגער איהרער איז געווען, זי האָט געוואָרפען אַ בליק דורכ׳ן פענסטער, שלום ושלוה איז געווען אויף דער וועלט!

אויף איינמאָל האָט דאָס בלוט אין גלאָז אויפגעהערט צו קאָכען און עס איז געבליבען שטיל, גאַנץ שטיל. און ווי די שווער-

געפרובטע מוטער האט דאס דערזעהן, האט זי אויפגעהויבען איהרע הענד צום הימעל און האט געזאגט: איך דאנק דיר, ריכטער דער וועלט, וואס דו האסט געמשפט. אצינד ווייס איך, אז מיין זוהן דער רוצח, איז ניט דא מעהר דער וועלט.

און אזוי איז טאקי געווען. דעם אייגענעם טאג און די אייגענע שעה, וואס דאס בלוט איז שטיל געבליבען, איז שמעון אין א וועלד דערהרג'עט געווארען.

# דבורה

## אָדער דער הספד

(א בלעטיל געשיכטע)•

# דבורה

## דער הספד.

— אין דער תורה איז פאראן א דין, אז א חתן איז פטור פון געהן אין מלחמה אריין, אז איינער, וואס האט נאר וואס חתונה געהאט, צי האט געבויט א נייע הויז צי האט געפלאנצט א נייען ווייגארטען, מוז בלייבען אין דערהיים, כדי משמח זיין זיין ווייב, מאכען דעם חנוכת הבית אין צוזעהען, ווי עס בליהען די ערשטע בלומען און איבערדעם איז ער פטור פון געהן דינען, און מען טאר איהם נישט נעהמען פאר א סאלדאט. א דאנק גאט, זענען אזוי־נע מנהגים ביי אונז נישט תמיד מקיים געווארען, און מען האט זיך ביי אונז נישט געהאלטען שטענדיג אן דעם דין. פערקעהרט, מיר קענען געשיכטען, וואס די כלה אליין האט דעם געליבטען חתן געטריבען אין קריעג אריין, אז די נייע בעלי בתים פון די הייזער אליין פלעגען זיי צונעהמען און זענען געגאנגען שלאגען דעם פיינד מיט די העלצער, אז מוטערס האבען פאר זייערע בני־יחידים, וואס זענען געגאנגען אין קריעג אריין, גענייט העמדער... און אזעל־כע געשיכטען זענען פארגעקומען נישט נאר אמאל, נאר גם בימים הקרובים, אין צייטען, וואס שטעהען גאר נית ווייט פון אינז. —

אין אַ דאָרף נעבען אַ גרויסער שטאָדט אין וואָלינען האָט געלעבט אַ יודישע פרוי מיט'ן נאָמען דבורה, פון תמיד אָן האָט זי געוואוינט אין דאָרף. פון איהר פאָטער האָט זי גע'ירש'נט איין אייגען הויז מיט אַ גאָרטען און אַ שטיקעל פעלד. איהר פאָטער האָט זיך דאָרט בעזעצט אין אַ צייט, וואָס יודען האָבען דאָרט נאָך געמעגט קויפען ערד. דבורה האָט פערשטאַנען צו אַקערן די ערד און צו בויען דאָס פעלד, און האָטש דאָס, וואָס זי האָט גע'ירש'נט, איז געוועזען נישט פיעל, האָט עס איהר געטראָגען אויף חיונה און זי האָט געקענט אָבגעבען פאַר אַזעלכע, וואָס האָבען נישט. „מענשען" האָט זי געהאַלטען וועניג. וואָרום איהר זוהן בעריל האָט איהר געהאָלפען אין אַלעמען. בעריל איז געוועזען אַ דאָרפסקינד, ווי עס שטעהט אין פסוק: גרויס געוואַקסען מיט אַ פערברענט פנים און צוויי שטאַרקע הענד, וואָס קענען אַלצדינג טהון און רוהען נישט אַ מינוט. אַ יונג, וואָס איז געוועזען אַ פרייה אויף איהם צו קוקען, האָטש אין די קליינע אותיות'לעך האָט ער געקענט אַ סך וועניגער, ווי איך און איהר, מיינע לעזער.

דבורה איז טאַקי געוועזען שטאָלץ אויף איהר זוהן, און האָטש זי איז אויך נישט געוועזען פון די, וואָס האָבען מורא אַליין ארויסצוגעהן ביינאַכט, האָט זי איהם טאַקי בעדאַרפט האָבען. ווי זאָגט מען אַ מענש איז פאָרט נישט קיין הונד. אַ מאַן האָט מען נישט, קרובים אויך נישט, נישטאָ קיין שוועסטער און נישטאָ קיין ברודער, און אַ יודיש קינד אַליין אין אַ דאָרף. און האָטש וואָסיל און איוואַן און די איבריגע גוים זענען געווען מיט איהר תמיד שלום און האָבען געגומען ביי איהר דעם גוטען טרינק בראָנפען, מוז מען פון דעסטוועגען געדענקען אַז מ'איז אין גלות. קדיש קען מען און דאַרף מאַכען אויף הלה, און אַז מען וויל, קאָן מען זיך דעם סדר אַליין אָפּריכטען, אָבער אַז עס קומט שניט און די אַרבייט אין פעלד, דעמאָלט קומט בעריל ריכטיג צינוץ. נישט אומזיסט זענען דאָ מאַנספערשוינען אויף דער וועלט!

דבורה און איהר זוהן בעריל זענען אויך געוועזען צוויי גוטע פריינד. בעריל האָט געהאַט דעם אַנבליק פון זיין פאָטער, וואָס איז געשטאָרבען יונגערהייד; אַ פערד האָט איהם אַראָבגעוואָרפען

באַרג אַראָפּ און האָט איהם דערהרג׳עט. ווי געזאָגט, זומער איז דאָ פֿיעל צו טהון. דעמאָלט איז נישטאָ קיין צייט צו זאַכען, וואָס האָבען נישט קיין שייכות צו דער אַרבייט. אָבער אין די לאַנגע ווינטער־דיגע נעכט, ווען אין דרויסען איז אַ זאַווערוכע און אין שטוב איז ליכטיג און וואַרעם, פֿלעגט דבורה זיצען אין שטוב און שטריקען זאָקען און בערעל פֿלעגט שניצען האָלץ, און איז געווען אַריינגעטהון אין זיין אַרבייט, — דעמאָלט פֿלעגט דבורה קוקען אויף איהר קינד מיט אַ פֿרייד, פֿון וועלכער די אויגען ווערען נאַס.

---

אַ שווערע צייט איז געקומען דעמאָלט פֿאַר דער גרויסער מדינה, וואָס דבורה האָט אין איהר געוואָהנט. נאָך אַ שרעקליכער מלחמה. מאָלט אייך אויס אַ לאַנד, אין וועלכעם מען איז נישט רעכט זיכער מיט׳ן לעבען, וואָס מיינס איז יענעמס און יענעמס איז מיינס, וואָס אין מיטען העלען טאָג קאָן מען איבערפֿאַלען ווערען. איטליכער וויל זיין דער גרעסטער, און איטליכער וויל אַלעם איבער־קעהרען מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ... אין דערפֿער אַרבייט מען נישט מעהר, מיהלען שטעהען פּוסטע, שפּייכלערס ווערען אונטערגעצונדען, ממש: איש את רעהו חיים בלעו!

און דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט אַקעגען דעם וואָס יודען האָבען געהאַט דעמאָלט צו ליידען. אַ שנאה איז אויסגעבראָכען געוואָרען אויף זיי, וואָס מ׳זעהט דאָס גאָר ניט. מאָהלט אייך אויס הונדערטער יודישע שטעדט זענען פֿון באָסיאַקעס אין מיטען העלען טאָג איבערפֿאַלען, אויסגעראַבעוועט ביז אויפ׳ן לעצטען און פֿיעל מענשען גאָר דערהרג׳עט. יאָ, די מענשליכע רציחה האָט נישט קיין גרענעץ, אַז זי צולאָזט זיך! קינדער זענען דערשטאָכען געוואָרען פֿאַר די אויגען פֿון זייערע מיטערס, ווי צו גאַנטעס צייטען. מ׳האָט געריסען דאָס פֿלייש פֿון לעבעדיגע לייבער און אַלע ענוים קשים פֿון דער וועלט זענען געמאַכט געוואָרען מיט יודישע גופים, ס׳איז ממש געווען אויסגעגאָסען די ריינע תוכחה אויף יודען!

גיין! קיין נייע קינה וויל איך נישט שרייבען, דערצו מוזען מיר

האָבּען אויפ׳ס ניי אַ „שבט יהודה” בּעסער ווײל איך דערצעהלען פון די, וואָס זענען אויפגעשטאַנען אין דער צייט בּײ יודען בּעת צרה און האָבּען אָנגעהויבּען אָפּצוליקוויקענען דעם ענין פון דער תוכחה און אַז מען מוז אויף זיך נעהמען די שטראָף; און ווען עס שטעהט געשריבּען: ונס׳ מנוסת חרב, ידען וועלען אַנטלויפען פאַר׳ן פיינד און וועלען זיך לאָזען אויסהרג׳ענען, האָבּען זיי געזאָגט, די יונגע לייט, וואָס זענען דעמאָלט געקומען: ניין! מיר וועלען אונד נישט לאָזען! און זיי האָבּען טאַקי געפּרובּט זיך שטעלען קעגען דעם פיינד. די אייגענע יונגע לייט, וואָס האָבּען מורא געהאַט צו געהען דינען, האָבּען זיך אַצינד געקויפט בּיקסען און האָבּען זיך אויסגעלערנט שיסען און האָבּען געשאָסען אויף די, וואָס זענען געקומען זיי צו דערשיסען, ווי זאָגט דער פסוק: הבא להרגך, השכם להרגו! אַז איינער קומט דיך אומצוברײנגען, מעגסט דו איהם אויך אומבּרענגען.

אין דער שטאָדט נעבּען דעם דאָרף, וואו דבורה האָט געוואוינט און אין די שטעדטלעך אַרום און אַרום, האָבּען זיך געלאָזט הערען פון שרעקליכע פּאָגראָמען אויף יודען. ס׳איז געווען אין כל הדש. עס האָט זיך אָפּגעטהון, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטהון אין אַלע יודישע שטעדט אין יענער צייט, אָבּער דאָס, וואָס איז נאָהענט, פאַר דעם איז די מורא גרעסער, אַזוי איז דער מענש בּעשאַפען.

אין דער שטאָדט נישט ווייט פון דעם דאָרף האָט מען שוין געשומעסט פון דעם יום הדין אַ וואָך פריהער און מ׳האָט זיך גערעכט יעדען טאָג. אַ טייל זענען זיך צולאָפען אין די אַנדערע שטעדט און האָבּען גאָרנישט אויסגעפיהרט, וואָרום דאָרט איז געווען נאָך ערגער, דאָס רוב איז געבּליבּען, און ווידער אַ טייל פון דעם רוב האָט געזאָגט: מיר וועלען זיך שטעלען אַקעגען! יונגע לייט מיט האַר׳ץ האָבּען נישט געקענט צולאָזען, אַז זייערע מוטערס זאָלען גע׳הרג׳עט ווערען און זייערע שוועסטער זאָלען געשענדעט ווערען. זיי האָבּען שמעון ולוי געזאָגט, אַז זיי האָבּען זיך אײנגעגאַרטעלט מיט שווערדען: „הכזונה יעשה את אחותנו?”

עס איז געווען אַ ווינטער־טאָג. אַ קאַלטער און אַ שאַרפער הינטערדיגער ווינד האָט געבּלאָזען אין דאָרף און מיט דעם ווינד

זענען געקומען די זיפצער פון א „עם מוכה" פון א פאלק, וואס מ'שלאגט עס. די גוים פון דעם דארף האבען זיך געגרייט אין שטאדט אריין, דאס הייסט כדי צוצוקוקען און אביסעל בשעת מעשה טאקי מיטצוהעלפען, מוזשיקעס, גוטע פריינד פון דבורה'ן, האבען זיך געמאכט תמ'עוואטע, ווי זיי דערקענען זי גארנישט און עס האט נישט פיעל געפעהלט, זיי זאלען בעפאלען דבורה'ס הויז. מען האט נאר געווארט, איינער זאל קומען און זאל זיי הייסען דאס טהון... דבורה האט אבער זיך אליין נישט אין זין געהאט, אז זי האט געזעהן, אז די שרעקענס הערען נישט אויף, האט זי גערופען איהר זוהן און האט צו איהם געזאגט: „געה אהין צו דיין פאלק און העלף".

זי אליין האט איהם געהאלפען פוצען איין ביקס, האט איהם ארויסגענומען דאס לעדער מיט'ן שרויט, איהם אלץ צוגעגרייט אויפן וועג און איהם געזאגט, ער זאל נישט געהן אויפ'ן ברייטען שלאך. א פרייד האט א בליץ געטהון אין איהר פנים, אז זי האט דערזעהען איהר זוהן אין א האלבער שעה אנגעטהון און גרייט צום געהן.

און בעריל איז געגאנגען מיט א מוטיג הארץ און איז אנגעקומען אין שטאדט אריין אין מיט'ן פייער. מיט דעם גאנצען כח האט ער זיך א ווארף געטהון אויפ'ן שונא און האט געהאלפען זיינע חברים פון דער זעלבסט-שוץ, וואס זענען שוין געווען מאט און זענען שיטערער געווארען. מען זאגט, וואונדער האט בעריל בעוויזען, אויסגעטיליגט א סך פיינד און א סך מענשען געראטעוועט דאס לעבען; דריי שעה האט ער געקעמפפט מיט א ווילדען כח און מיט א גבורה נפלאה.

דא איז געקומען א קליין שייגעציל, האט אויפגעהויבען א שארפען שווערען שטיין, האט זיך צוגעציעלט צו בערלען, האט איהם געטראפען און איהם געשפאלטען דעם קאפ. אזוי איז דער גלית פון די יודען געפאלען דורך א דוד'ל פון די באסאקעס.

און אז מען האט אויסגעראבעוועט די שטאדט און דערהרג'עט אזוי פיעל און אזוי פיעל מענשען, איז געקומען מיליטער צו לעשען דאס פייער, וואס האט שוין אויסגעברענט. נאכדעם האט מען זיך גענומען בעגראבען די געפאלענע, און זיי ברענגען צו קבר-ישראל...

א מהגה פון מענשען איז נאכגעגאנגען נאך דער לויה. דריי־צהען מטות האט מען געטראגען. מען האט נישט געקלאפט מיט פושקעס און נישט אויסגערופען צדקה תציל ממות; אבער ווער קען בעשרייבען די מורא׳דיגע יללות, וואס מען האט דארט געהערט. מוטערס האבען בעווינט זייערע אומגעבראכטע קינדער, קינדער האבען בעקלאגט און בעווינט זייערע פאטערס און מוטערס, יודען, סיי נשים, סיי אנשים האבען פערגאסען טייכען טרעהרען. א צבור א גאנצער צבור האט געטראגען צום קבר זיינע געפאלענע קרבנות און אין הארצען האט נאך איטליכער דעם פחד...

שטיל, אנגעטהון אין א שווארץ קלייד, דעם קאפ איינגעוויקעלט אין א טונקעלעם שאל איז דבורה געגאנגען נאך דער לויה. געגאנגען איז זי גלייך, נישט איינגעבויגען. מען האט אפילו נישט געוואוסט ווער זי איז. ווער האט אין זין זיך אומציקוקען אויף פרעמדע אין אזא מינוט?

דער עולם איז געקומען צים בית־הקברות מען האט זיך אפ־געשטעלט ביים אהל, הארצרייסענדע „מלא׳ס" האבען אנגעהויבען ארויסצוקומען. יודען האבען געבראכען די הענד און האבען גערו־פען צום הימעל; און אז מען האט זיי גענומען בעגראבען, איז א טייל הלשות געבליבען, דאס איז געווען דער אמת׳ער „סתימת הגולל", און די „שערי רחמים" זענען געשלאסען, דאס האט איטליכער געפיהלט.

דער דרייצעהנטער קבר איז געווען בעריל׳ס קבר, בעריל׳ס דעם דארפס בחור, וואס איז געקומען אהער העלפען און האט זיך געקויפט דעם טויט... און אז מען האט זיך גענומען איהם פערשיטען מיט ערד, איז ארויסגעטרעטען די איינגעוויקעלטע יודינע מיט׳ן שאל, האט דערהויבען איהר קול און האט אזוי געזאגט:

„איך בין די מוטער פון דעם דערהרג׳עטען, וואס איהר בע־גראבט איהם אצינד. איך האב איהם געשיקט צו אייך. איך וויל נישט וויינען, וואס גאט האט מיר צוגענומען מיין זוהן. קיינער האט איהם נישט צוגענומען, איך האב איהם אליין געגעבען. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז ער וועט נישט קומען צוריק א לעבעדיגער. אבער איך האב איהם געשיקט, ער זאל זיין מיט אייך און ער זאל שטאר־בען פאר אייך׳...

# דער נסיון

(אַ דאָרפסגעשיכטע)

# דער נסיון

(אַ דאָרפסגעשיכטע).

---

אַ יוד, אַז עֶר וואוינט אין שטאָדט, לעֶבּט עֶר נאָך צווישען יודען און איז נישט אַליין... צווישען יודען פיהלט מען זיך היימיש. מען געהט אַרוים אין מאַרק אַריין, מען געהט אין בית-המדרש אַריין, מען האַפּט אַ שמועס, מען זעהט עפּעס און מען הערט עפּעס. אין שטאָדט זענען פאַראַן רבנים, פאַראַן שוחטים, פאַראַן חזנים. ס'איז פאַראַן אַ קהלה. לומדים זיצען און לערנען, יונגע לייט רעדען פונ'ם כלל און פון נייעס, יודען זענען אַ פאָלק, און איטליכער יוד איז איין אבר פון דער גאַנצער אומה...

פרעגט אָבּער אַ יודען אין אַ דאָרף, צי עֶר לעֶבּט אַזוי. אַ יוד אין אַ דאָרף, אפילו אַז עֶר האָט ערגעץ טאַטע-מאַמע, איז עֶר תמיד בבחינת-יתום... אַ יוד מיט אַ יודישער נשמה און יודיש אָנגעטהון לעֶבּט יאָהרען צווישען לויטער גוים. אַזוי מען טהוט אַ קוק, זעהט מען נאָר פויער'ן, עס זענען נישטאָ קיין קלייטען, נישטאָ קיין איינפאָהר-הייזער, אַלע האַטעס זענען גלייך, איינע ווי די אַנדערע, די ווענד זענען פון ליים, אימעטום קליינע פענסטערלעך און דער דאַך איז פון שטרוי. דאָס איינציגע, וואָס איז עפּעס אַנדערש, איז דע, בלויער קלויסטער אויפ'ן פרייען פּלאַץ. דער יוד זיצט פאַרנאַכט אויף דער פריזבע, און טראַכט זיך זיינס, און אַרום איהם קלינגען די גלאָקען: קלינג, קלינג! קלינג, קלאַנג! און דאָס איז נישט זיין אמונה...

---

אין אַ דאָרף נעֶבּען טשיטשעלניק האָט געוואוינט אַ יוד מיט'ן נאָמען בן-ציון. געהאַלטען האָט עֶר אַ קלייטעל, אפשר צוואַנציג

יאָהר, און האָט געהאַט זיין חיונה. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט און מיט זיין ווייב פערל האָט ער געלעבט בשלום אַלע זיינע יאָהרען. בן-ציון האָט זיך געהאַט זיינס און האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו בעקלאָגען זיך אויף גאָט. עס מיז דאָך דער מענש לויבען גאָטס נאָמען, אַז ער האָט אַ ווינקעלע אויף דער ערד און אַז ער זאָגט אַלע טאָג: „הזן ומפרנס' און מאַכט נישט קיין ברכה לבטלה...

בן-ציונ׳ען איז אָבער דאָס לעבען געווען שווער אין דאָרף. ער איז ממש אויסגעגאַנגען נאָך דער שטאָדט, און אַלע זיינע מחשבות זענען געווען פון תמיד אָן די שטאָדט: דאָס לעבען צווישען יודען, די תפלה בצבור, דער טעם פון בית-מדרש. אודאי קען מען אין דאָרף אויך דאַוונען צו גאָט, פאַר איהם אויסגיעסען דאָס ביטערע האַרץ און איהם דאַנקען, וואָס ער האָט אונז אין זין, אָבער וואָס איז דאָס דאַוונען פון אַ יחיד, קעגען דאָס דאַוונען פון אַ רבים? וואָס איז דער „שמע-ישראל", וואָס קומט פון איין יודען, קעגען דעם שמע ישראל, וואָס קומט פון הונדערטער יודען אין אַ שוהל און געהט גלייך צום שער השמים?

טאָג פאַר טאָג האָט זיך בן-ציון געקלאָגט אויף זיין מזל: גלייכט דאָך זיין לעבען, פלעגט ער טראַכטען ביי זיך — ווי אין אַ וויסטע... מען האָט קיינעם נישט, וואָס מען זאָל קאָנען מיט איהם רעדען אַ וואָרט מכח יודען; מען איז געגליכען ווי אַ אויסגעריסענער צאָהן פון אַ מיהל-ראָד... גיעט ער אָבער אַ טראַכט ציהען אין שטאָדט אַריין, קומט איהם באַלד אין זין אַריין, ווי שווער ס'איז איהם אָנגעקומען ציצושלאָגען זיך צו פרנסה און ווי פאַרלאָזט ער אַ מענש זיין פרנסה? פרנסה איז קיין קלייניגקייט נישט ביי יודען. און ווידער צוריק, וואָס טויג איהם די פרנסה, אַז ער מוז לעבען צווישען גוים און זיין אַ האַלבער ייד? —

בן-ציון האָט געפּרובט צי מאַכען נאָך קליינע מסחרים ביי דער קלייט און צי אַרבייטען ביי טאָג און ביי נאַכט, כדי זיך עפּעס צונויפצוקלייבען, אַז ער זאָל קענען אַרויס אין שטאָדט אַריין: אָבער ווי קען מען עפּעס אָבשפּאָרען, אפילו אַז מען האָט שוין יאָ אייגענס. עפּעס איז מען דאָך אַ יוד, פאָרט דורך אַ אייניקעל, מוז מען איהם געבען אַ נדבה; אַ אורח, מוז מען אויפגעהמען, אַ שווינד-

לער איז מען אויך נישט, און אַז מען האַנדעלט באמונה, האָרט מען נישט קיין עושר...

אַזוי בלייבט מען ווידער אין דאָרף, און אַז עס קומט בך ציונ'ען אַמאָל אויס צו זיין אין שטאָדט, צו גאָר שבת האַלטען אין שטאָדט און צו זעהן, ווי יודען געהען פנים מרחץ, און ווי זיי געהען אין איינעם פון שוהל, טהוט ער זיך אַ פרעג: וועל איך שוין קיינמאָל נישט האָבען די זכיה צו זיין, ווי אַלע יודען? וועל איך על כל פנים נישט שטאַרבען צווישען גוים! און האָטש מ'איז פרום, האָט מען נאָך קנאה אין האַרצען און מען גיעט זיך גאָר אַ זאָג: רבונו של עולם! דו האָסט אין דער שטאָדט טשיטשילניק פיער הונדערט יודען אין אַלע האָבען פלאַץ, פאַר וואָס מוז דער גורל אויסקומען פינקט אויף מיר בן־ציונ'ען צו וואוינען אין אַ דאָרף, פערקעהרט, זאָג מיר פאַר וואָס, מוז איך זיין כל ימי חיי אַ נשבה בין הגוים?

ס'איז געקומען אַ צייט, וואָס פאַר בן־ציונ'ען איז דאָס לעבען אין דאָרף געוואָרען, ווי אין אַ תפיסה... און דאָ ווערט מען שוין אַלט פופציג יאָהר, און ער איז אַליין אין דאָרף, אַליין אָהן יודען, דער שטייגער פון אַ בן־ארבעים איז נאָך צו האָפען, מען איז נאָך תמיד אויבען, אויפ'ן בארג פונ'ם לעבען, ווערט מען אָבער אַלט פופציג יאָהר אין מעהר, הויבט מען אָן זיך אַראָבצולאָזען פונ'ם באַרג...

ויהי היום האָט זיך דאָס ווייב פון בן־ציונ'ען פערקיהלט, איז קראַנק געוואָרען און האָט נישט געמאַכט קיין סך שהיות און איז געשטאָרבען. דאָס אַליין האָט געדויערט אינאיינעם אפשר צוויי וואָכען. בן־ציון האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט דאָס אַליין צו איבערטראַכטען. ערשט אַז ער האָט אַוועקגעפיהרט דעם מת אין שטאָדט אַריין, זי מקבר געווען און נעקימען צוריק אַהיים, האָט ער אָנגעהויבען צו פיהלען די לעדיגע ווענד, אין האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס ער האָט פערלוירען... און טאַקי אָנגעהויבען צו טראַכטען פון דער, וואָס איז געשטאָרבען, עפעס האָט מען דאָך געלעבט אין איינעם אַזוי פיעל יאָהרען, און געהאָרעוועט אין איינעם אין געטראָגען אין איינעם דעם עול הפרנסה... זיין ווייב ביילא האָט אפילו

צישט געהאַט קיין שטאַרקע תשוקה נאָך דער שטאָדט, אין דער־פאַר האָט ער מיט איהר נישט ליעב געהאַט צו רעדען פון דעם, ווייל זי וואָלט איהם נישט פערשטאַנען. ביי יודען געהען מאַן און ווייב אַרום דרייסיג יאָהר מיט אייגאַנדער און מען רעד ניט ווי ס'גערט זיך מיט איינאַנדער. מען האָט נישט קיין צייט דערצו און מען איז נישט אויפגעלעגט דערצו, עפּעס צו זאָגען אַ אשה אַ גוט וואָרט, האָטש זי איז דיין ווייב. שטאַרבט אָבער איינער אַזעק, הויבט מען ערשט אָן צו פיהלען, ווי ס'איז אַזעקגענומען געוואָרען אַ שטיק לעבען.. בן־ציון, ווי איהר זעהט איהם, איז נישט געווען פון די, וואָס האָבען תיכף התונה נאָך שלושים... ביי איהם האָט מען צוגענומען אַ האַלבען גוף אין מען האָט איהם בעגראָבען אין טשיטשילניק אויפ'ן בית־עולם...

און ערשט אַצינד פיהלט ער, ווי ס'פעהלט איהם די שטאָדט און ווי דאָס לעבען אין דאָרף איז איהם נאָך שווערער און נאָך נמאס'ער, ער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, ווי וועט ער אַצינד אויסהאַלטען אין דאָרף אַליין. זאָל ער אָבער ציהען אין שטאָדט אַריין, האָט ער נישט מיט וואָס.

און ווי בן־ציון טראַכט אַזוי, ריקט ער זיך אַריבער צו זיין ווייבס קאַסטען, עפּעס מוז מען דאָך זעהען, וואָס האָט זי געלאָזען. ער עפענט אויף דעם קאַסטען און נעהמט אַרויס ציכלעך און העמדער, האַנדטיכער, טשעפּקעלעך, טיכלעך. וואָס וואַלגערט זיך נישט ביי אַ יודענע אין קאַסטען פון צעהנדליגער יאָהרען? און ווי ער זיכט אַזוי אַרום, קימט איהם אַ זעקיל אין די האַנד אַריין, און ווי ער הויבט עס אויף, פיהלט ער, אַז עס איז אַביסעל שווער. עס בליצט איהם דורך דער געדאַנק, אַז דאָס מוז זיין אַ קניפּעל! ער בינדט דאָס אויף און שיט אַרויס אויפ'ן טיש, ער גלויבט נישט זיינע אויגען: עס פאַלען אַרויס גאָלדענע רענדלעך און זילבערנע מטבעות און אַ סך געלד. — ער קיקט זיך צו נעהנטער, ער נעהמט עס אין האַנד אַריין, סאיז טאַקי געלד, אמתע געלד, און דאָס האָט זיין ווייב געקליבען אַלע יאָהרען און האָט איהם נישט געזאָגט קיין וואָרט. אַוואו האָט זי דאָס גענומען? און אָנהויב האָט עס איהם שטאַרק פערדראָסען, וואָס זי האָט איהם אַזוי אָבגעפּירט. אָבער

דערנאך איז איהם אריין דער רעיון, טאמער קומט דאס טאקי צונויף... מיט דעם געלד קען ער דאך ארויס אין שטאדט אריין און מאכען א סוף צו זיינע יסורים. ווער ווייס, טאמער האט גאט טאקי צוליעב דעם אליין אריינגעגעבען זיין ווייב די מחשבה צו קלויבען געלד... צו וואס דען האט זי דאס געטהון? ער נעהמט צונויף דאס געלד, טהוט עס אריין אין זאק אריין און בינדעט דאס צוריק צו און ער לאזט עס נאך א ווילע אויפן טיש. אין אט דעם זעקעל ליעגט אצינד זיין גאולה...

א שטיין איז בן-ציון'ען אראב פון הארצען. ער ציהט גלייך אין שטאדט אריין, טאקי מארגענדיגען טאג. ער שטעלט זיך פאר, ווי ער וועט געהן אין מקוה אריין און דאווענען אין בית-מדרש מיט ערשטען מנין... און אז מען האט צייט, געהט מען טאקי אויך אריבער אין קלויז, אריין, מען קוקט אריין אין א משניות, צו מען הערט פון א יידען א יודיש ווארט. דא אין דארף איז אלץ ווי איין דור, ס'רידערט זיך נישט, עס איז גאר קיין שנוי נישטא. דארט אבער דערצעהלט דער יוד פון דעם צדיק און יענער יוד פון יענעם גאון. מען דערוואוסט זיך פון אלע צייטען, פון גזרות און פון תשועות און נהמות. דער כלל יודען וויקעלט איינעם ארום פון אלע זייטען, אז ס'איז א חיות!

---

ניט ווייט פון זאטשקיווקע, אין א צווייטען דארף האט געוואוינט א צווייטער יוד מיט'ן נאמען יחיאל. יחיאל איז געווען גאר אנ'אנדער מין יוד ווי בן-ציון. יחיאל איז געווען דער געבוירענער דארפס יוד; ער האט ליעב געהאט דעם דארף, האט ליעב געהאט דעם טייך, ליעב געהאט די פעלדער און ליעב געהאט זיינע בהמות. ער האט געהאט א גארטען און האט איהם אליין געגראבען און געזייעט; אלע וואך איז ער ארויסגעגאנגען צום טייך און האט געכאפט פיש. דאס ווייב זיינס האט זיך אבגעגעבען מיט די קיה, האט געמאכט פוטער און קעז און דאס האט מען געפיהרט דאנערשטאג אין שטאדט אריין, אינאיינעם מיט די פיש און מיט די אוגערקעס און קארטאפעל פון אייגענעם גארטען...

אַ טאָכטער האָבען זיי געהאַט מיט'ן נאָמען אסתר'קע; און זי איז געווען אַ זעלטענע פּאַרשוין. געטהון האָט זי נישט אין שטוב, און ס'איז געווען אַן עבירה צו לאָזען איהרע שענע הענד קנעטען טייג אין מולטער, צי גאָר נעהמען אַ גראָב אייזען. און געגאַנגען איז זי תמיד שען אָנגעטהון מיט אַראָבגעלאָזטע בלאָנדע צעפּ, אַז ס'איז געווען אַ פריי'ד.

אין דעם אייגענעם דאָרף איז אָנגעקומען אַ יינגער שרייבער אין וואָלאָסט, אַ דיאַקס אַ זוהן און ווי ער האָט אסתר'קען דערזעהן, האָט ער זיך גלייך פערליעבט אין איהר. ער איז נאָך איהר אויסגעגאַנגען — און אסתר'קע? אסתר'קע האָט פערגעסען, אַז זי איז אַ יודיש קינד...

איינמאָל, אַז פאָטער און מוטער זענען געפאָהרען אין שטאָדט אַריין מיט זייערע מעשי ידם, האָט אסתר'קע פערנומען וואָס ס'איז געווען אין שטוב אין איז אַוועק פונ'ם דאָרף אין איינעם מיט'ן שרייבער. זי האָט זיך געוואָלט שמד'ן און פערלאָזען עמה ומולדתה. דערווייל האָט מען זי בעהאַלטען אין אַ קלויסטער.

די יללה און דאָס געיאָמער פון יחיאל'ן און פון זיין ווייב, אַז זיי זענען אַהיים געקומען און זיך דערוואוסט, וואָס זייער קינד האָט זיי געטהון, קאָן מען נישט געהאַט אין זין עפּעס אַנדערש, פראָסטאַק, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט אין זין עפּעס אַנדערש, ווי זיינע בהמות און זיינע פיש, האָט זיך אויף איינמאָל געעפענט אַ צער, אַ מורא'דיגער צער... זיין ווייב, פעריל, איז שיער נישט אַראָב פונ'ם זין.

און אַז ס'זענען אַוועקגעגאַנגען די ערשטע פּאָר שעה, האָבען זיי זיך פונדעסטוועגען גענומען טראַכטען, ווי אַזוי זי אַרויסצונעהמען פון דאָרטען; און האָבען ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פערקויפען די שטוב און אַלץ וואָס זיי האָבען געהאַט, כדי די טאָכטער'ס נשמה צו ראַטעווען... אָבער דאָס אַלץ אינאיינעם וועט נאָך נישט זיין גענוג דערצו, אַזוינע מוז מען אַרוים גנב'נען און זי אַוועקפיהרען ערגעץ ווייט, ווייט; און אפילו אַז זיי זאָלען זיך אויסטהון פון העמד, וועלען זיי ניט האָבען, וואָס מען בעדאַרף צו האָבען צו אַזאַ'ן ענין.—

יהואל האָט געקענט גוט שמועסען מיט די גוים אין דאָרף

און מיט זײַ רעדען פון אַלעמען, אָבער אַצונד האָט איהם געפעהלט אַ יוד, זיך פאַר איהם אויסצורעדען, און זיך מיט איהם מיעץ צו זײַן, מיט בן-ציונ'ען איז ער תמיה געווען פון ווײַטען. מען פערשטעהט שוין פון זײערע טבעיות, אַז זײ האָבען זיך ניט געקענט אַ סך אָבגעבען מיט אײנאַנדער, אָבער בן-ציון איז געווען דער אײנציגער יוד, וואָס וואוינט פּינף וויאָרסט פון איהם. יחיאל האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געזאָטעלט דעם פערד און האָט זיך אויפגעזעצט רײַטען צו בן-ציונ'ען. —

---

ס'איז געווען סוף זומער, שפּעט אין דער נאַכט. בן-ציון האָט שוין געהאַט צוגעמאַכט די קלײט און איז געזעסען אין שטוב מיט אַ שמחה אין האַרצען. דאָס מאָל פאָהרט ער אויף ימים נוראים אין שטאָדט אַרײַן און וועט שוין דאָרט בלײַבען... און ווי ער טראַכט אַזוי און מאָלט זיך אַלץ אוים זײַן גליק, קלאַפּט עס אין פענסטער. ער שטעהט אויף, מאַכט אויף די טהיר און זעהט פאַר זיך שטעהען יחיאל'ן. זײַן פנים האָט איהם שוין באַלד געזאָגט, אַז ער קומט אָן ניט מיט אַ גוטער בשורה, יחיאל איז אַרײַן אין שטוב און האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון דער האַרטער שטראָף, וואָס גאָט האָט איהם געשטראָפט, און ווי ער קאָן זי ניט ראַטעווען. בן-ציון האָט געהערט מיט אַ שווערען געמיט און זײַן האַרץ האָט איהם געצופּט, ווי מיט אַ צוואַנג, ער האָט געטראַכט אָן דעם זעקעל, וואָס ער האָט איהם הײַנט געפונען און זײַנע געדאַנקען זענען אַלץ געפלויגען פון דעם זעקעל צו דער מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון יחיאל'ן און צוריק. דו בּיזט אין דאָרף אויך אַ יוד, האָט ער געטראַכט בײַ זיך; יענע אָבער, אַז מען וועט זי ניט אַרויסגענעהמען, איז זי אויף אײביג פערלירען. זאָל ער נעהמען אַוועקגעבען יחיאל'ן דאָס געלד? ווי גרויס איז געווען זײַן פרײד, אַז ער וועט שוין קאָנען אַרײַנציהען אין שטאָדט, און האָט דען זײַן ווײַב ניט געקלײבען דאָס געלד צו דעם ציעל? און איצט געה, גיעב אַוועק דאָס לעבען דײַנס. ווען ער וואָלט געקענט איהם העלפען מיט אַ פיערטעל פון דעם, וואָס ער האָט וואָלט ער איהם אודאי דאָס באַלד אַוועקגעגעבען,

אָבער יחיאל'ן קען מען העלפען נאָר מיט אַלעמען, נאָר אַז מ'גיעט איהם אַוועק דאָס גאַנצע געלד.

יחיאל האָט זיך אויפגעהויבען און האָט אַרויסגעקוקט צום פענסטער צום פערד, וואָס איז געווען אָנגעבונדען אין דרויסען, געזאָגט האָט ער זיך, אַז בן-ציון קען איהם גאָר קיין עצה ניט געבען, אָבער ער האָט געפיהלט, אַז דאָס אַוועקגעהן איז חושך מצרים...

אין קלויסטער, ניט ווייט האָט מען אָנגעהויבען צו קלינגען, דאָס האָט יחיאל'ן ווידער דערמאַנט אָן דעם, וואָס צוליעב דעם איז ער געקומען אַהער. אין זיין פראָסטער נשמה האָט זיך געעפענט אַ טויער און דורך דעם טויער איז אַריין די שאַנד פונ'ם גאַנצען כלל ישראל.

בן-ציון האָט געהאַלטען דעם שליסעל אין האַנד און האָט געציטערט, ער זעהט, אַז יחיאל וויל שוין געהען און קען ניט, בן-ציונ'ען האָט עפּעס אָנגעהויבען צו שטיפען מיט געוואַלד און זאָגען: גיעב איהם דאָס געלד! גיעב איהם! און געבען האָט ער ניט געקענט. עס האָט איהם עפּעס ווי צוגעהאַלטען... ערשט אַז יחיאל האָט איהם געזאָגט: גוטע נאַכט, האָט געעפענט די טהיר און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען, גענומען דאָס פערד ביי די צוים און זיך געוואָלט אויף איהם זעצען, האָט עס בן-ציונ'ען געגעבען אַ האַפּ; ער האָט איהם צוריק אַריינגערופען אין שטוב אַריין האָט אויפגעעפענט דעם קאַסטען, און האָט איהם שטומערהייד, אָהן אַ וואָרט, געגעבען דאָס גאַנצע זעקעל געלד. —

אַזוי האָט בן-ציון בעשטאַנען דעם נסיון, אסתר'קען האָט מען טאַקי אַרויסגענומען און אַוועקגעפיהרט חייט אין אַ יודישע שטאָדט, וואָס דאָרט איז זי צוריקגעקעהרט צו יודישקייט און האָט חתונה מיט אַ יודישען סטאָליאַר. בן-ציון האָט קיינמאָל ניט דערלעבט חלום און איז געשטאָרבען אַ דאָרפס יוד...

# א וועלט מיט וועלטלעך

# אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

(אַ מעשה פון פּאַרצייטען. דאָ הויבט זיך אָן צו דערצעהלען פון אַ גרויסען גביר אין זיין טאָכטער. ס'ווייזט אויס, איז דאָס אין לעבען פון מחבר אביסעל נוגע. אין מיטען גיט ער אַ שטילען וויין).

---

ס'איז געווען אַמאָל אַ שען מיידעל זי האָט געהייסען רחליה, זי איז געווען אַזוי שען און אַזוי ליכטיג, אַז מען האָט ניט געקענט קוקען אין איהר פּנים אַריין, ווי אין די זון. זי איז טאַקי געווען אַ בת יחידה ביים גרויסען גביר אין שטאָדט, וואָס ער האָט געהאַט אפשר ק"ן אלפים רענדלעך און נאָך אַ סך אוצרות, מען זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ קעסטעלע, וואָס אַז מען האָט געגעבען אין דער פריה אין דעם אַ קוועטש אויף אַ קנעפּיל איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גאָלדען רענדעל, און אַזוי אַלע טאָג. דאָס איז געווען אַ ברכה פון שפּאָלער זיידען זכרונו לברכה, דערפאַר, וואָס ער האָט איהם געגעבען איין איינמאָל טויזענה רענדלעך אויף פּדיון שבוים. שלמה וואָלף האָט ער געהייסען אָט דער גביר, געבוירען איז ער געווען אויש פון יענער זייט קישינעוו, צי אין רומיניע. אַז ער איז אַלט געוואָרען זעכצעהן יאָהר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען אין דער וועלט מיט אַ קליין רענדעל און מיט בטחון, אויף דאָס גרעסטע עשירות און נאָך אַוועלכע זאַכען. שלמה וואָלף איז געווען אַ יוה פון אַ יאָהר פופציג און האָט נאָר געהאַט אָט דאָס מיידעל. מיט יענעם ווייב, דאָס הייסט מיט'ן ערשטען, האָט ער ניט געהאַט, לא עליכם, קיין קינדער, און איז מיט איהר אַרומגעפאָהרען צו אַלע גוטע יודען און צו די גרויסע רופאים, וואו די וועלט האָט איין עק. עפּעס זאָגט מען האָט זי געהאַט אַ טויט קינד. אַז מען שפּאַרט זיך איין נעגען דעם רבונו של עולם, דערפאַר איז זי געשטאָרבען אין דעם

יאָהר, און שלמה וואָלף האָט געשענקט פאַר איהר נאָמען אַנ'אָרון קודש מיט אַנ'עמוד מיט אַ נייעם באַלעמער אין שוהל אריין, און נר־תמיד, און קליין לעמפּיל פון גאָלע זילבער, ברענט אין אַ ווינקעל ביי טאָג און ביינאַכט... עס זענען שוין לאַנגע יאָהרען זינט איך האָב געזעהן ברענען דאָס לעמפּעל, און עד היום, אַז איך דערמאָן מיר אָן דעם גיט מיר אַ ציה אין האַרצען... עפּעס איז דאָך דער מענש אַ שטיק בעל מחשבות, און וואָס מען לעבט מעהר, האָט מען מעהר אין אַלעמען אַ קוק... פאַרוואָס האָט דער בורא די וועלט אַזוי בעשאַפען און דעם מענשען אַזוי געמאַכט. אַז דעם גוף לאָזט ער דאָ בעגראָבען און די נשמה נעהמט ער אַהין? עפּעס איז פאַרהאַן זאַכען, וואָס דער שכל קען דאָס גאָרניט משיג זיין. איך זעה, איך בין חייט פערקראָכען. — שלמה וואָלף האָט אַזוי לאַנג געשרויערט אויף זיין אשת־נעורים ביז ער האָט ווידער חתונה געהאַט און האָט גענומען אַ יונג ווייביל פון גרויס יחוס און אַ בת־בנים. איהר זיידע האָט זיך אָנגעקעהרט מיט'ן רבי'ן רב שמעלקי און אַליין איז זי געווען פון סדילקעוו צי פון קאָרשיוו. דער עיקר, איז אַז ער האָט געהאַט מיט איהר אַ מיידעל נאָך אין דעם אייגענעם יאָהר. דערנאָך האָט ער שוין מעהר קיין קינדער ניט געהאַט, אָבער די איינע איז געווען אַזוי געראָטען און אַזוי מיט אַלע מעלות פון שענקייט און פון גוטסקייט, וואָס מען זעהט דאָס גאָרניט אין דער האַלבער וועלט. עפּעס אַ קליינינקייט רחל'ה, רחל'ה די בת מלכה, יאָ, טאַקי די שרי מלוכה אַליין וואָלטען זיך געקענט ווינשען אַזוינע קינדער צו האָבען. שלמה וואָלף איז געוועזען איבערגליקליך פאַר די מתנה, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען, רייכער איז ער געוואָרען פון טאָג צו טאָג, אַרום און אַרום האָט ער געהונגען אַלע מיהלען און גאָראַלניעס, אַ וואַלד האָט ער געהאַט אויף צוואַנציג יאָהר, וואָס ער פלעגט איהם פערדינען ממון קרח, יודען האָבען נעבען איהם געלעבט און גליקליך, און אויך ווער ס'האָט ביי איהם געדינט, איז געווען פאַר זיך אַ שטיק פריץ, וואָרום ער האָט איטליכען געצאָהלט ביד רחבה. פון צדקה און מצוות איז גאָרניט צו רעדען. דאַכט זיך, ער איז רחוק פון גאוה, אָבער גרויס דרך־ארץ האָט מען פאַר איהם און אפילו גוים האָבען איהם אָבגעגעבען כבוד; אַז

נאָט העלפט אַ יודען, העלפט ער איהם אין אַלעמען און גיט איהם
הצלחה און אַלץ, וואָס דאָס הארץ בעגעהרט. וואָס עס שייך, אז עס
זאָלט ניט געווען שלמה וואָלף דער גביר מיט דעם גאַנצען קניאַק,
וואָלט געווען אין גאַנצען שטאָדט פּוסט... אפילו דער, וואָס עס געדט
איהם ניט אַזוי גוט, האָט דאָך אַ שטיקעל התחזקות אין דעם
אז אַ יוד איז אַזוי געהויבען, אַז אפילו דער מפראַוונִיק פאָהרט צו
איהם אויף טיי, יודען האָבען דאָך אַ כח און אַפילו, אַז זיי זענען
אין גלות, זענען זיי דאָך נושא חן... אויף איינו אַלע געזאָגט גע-
וואָרען, וואָס ער פלעגט צוטיילען נאָר אין איין יאָהר, אַרויבגע-
פאָהרען איז ער מיט פיער שוואַרצע פערד, אַז עס האָט געברענט.
דער קוטשער איז געווען אָנגעטהון אין רויטען און האָט געהאַט
אַ בייטש מיט זילבערנע קנעפּלעך. מען זאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר
אַליין איז געפאָהרען פון האַשעוו קיין אזמאַן, האָט מען ביי איהם
געבאָרגט די קאַליאַסע. מען זאָגט, ס'איז אַמאָל אַראָבגעקומען אַ
מאַרשאַל, האָט איהם שלמה וואָלף געבעטען צו זיך און האָט מיט
איהם געערעדט מכח אַ גרויסען ענין. — אָט דאָ האָט זיך שלמה
וואָלפ'ן פערגלוסט צו האָבען אַ שלאָס. דער פריץ פון שטאָדט,
וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אין דערהיים, האָט זיך פערהולעט
און האָט געמוזט פערקויפען די אימעניע. עפּעס יענער, וואָס האָט
דאָס געקויפט איז געווען אַ גרעק, „אַ האַלבער משוגענער אין דאָס
זיך אָנגעהויבען צו קריגען מיט דער שטאָדט. וואָס-זשע טהוט שלמה
וואָלף? ער פאָהרט אַוועק קיין אַדעס און דינגט ביי איהם אָב די
אימעניע מיט'ן שלאָס מיט כל ולך אויף ניין און נייַנציג יאָהר...
דאָס הויז ויינם האָט ער אַוועקגעשענקט דער שטאָדט צו מאַכען דער-
פון איין שפּיטאָל, און ער אַליין איז איבערגעצויגען אין שלאָס
אַריין. אַ יודישער שררה! דער רב פון שטאָדט, אז ער פלעגט דאָרט
אַהין צו געהן, פלעגט ער זיך אָנטהון די שבת'דיגע קאַפּאָטע אפילו
אין דער וואָכען. דאָס שלאָס אַליין אָבצומאָלען מיט'ן לאַנגען נאָרמען
און מיט אַלעמען קען מען גאָרניט מיט ווערטער. דער פריץ, וואָס האָט
דאָס פערקויפט, האָט דאָס אויך ניט אַליין געבויט, דאָס האָט
ער געירשט פון אַ פעטער, וואָס פלעגט צו פאָהרען אין אַ זילבערנער
קאַרעטע, און אַז ער האָט זיך אַמאָל געוועט מיט נאָך אַ פּריץ

צו פאהרען אין א שליטען אין מיטען זומער, האט מען אויף דריי וויארסט
כסדר געשאטען מעליץ (צוקער) אויף א האלבען ארשין די הויך.—
חיים ווי שניי איז געוועזען דער שלאס מיט א סך הויכע פענסטער,
פון פארנט פינ'ם פענסטער אן איז אליץ געוועזען געפלאסטערט מיט
גלאטע שטיינער, און מען געהט ארויף אויף קיילכיגע טרעפ פון
מארמאר, דער גארטען איז א ריינער גן-עדן, וואס זאג איך א גאָר-
טען, אנ'אגאראד, קליינע טייכען זענען דארט דא און פיש, וואס
שווימען אויבען ארום אין פאטשען זיך. וואס מען געהט ווייטער
איז אליץ ווי אין חלום... אז איך האב מיך דארט פערגנב'ט דאס
ערשטע מאל, בין איך געוועזען פאר'כשופ'ט, אזוי שטיל איז דארט
געוועזען אין מיטען העלען טאג. דא הער איך גאר שפיעלען: מיר
דאכט זיך, אז דאס שפיעל קומט פון יענער זייט וואסער. — מען
קען דאס גארנית אויסמאלען. דער מענש האט נאר איין נשמה,
אבער סטרונעס זענען פארהאן אין איהר א סך... איך האב אמאל
געלייענט פון א בן-מלך, וואס איז פערבלאנדזשעט געווארען אין
א טיפען וואלד, און אז ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א
קלאץ פון אנ'אלטען בוים, איז ציגעפלויגען א גאלדענע גאנז און
האט אנגעהויבען מיט איהם צו רעדען... מיין מיטער עליה השלום,
האט געקענט א סך אזעלכע מעשיות דערצעהלען: — אז איך בין
געוועזען א קליין יונגעל, האט מיך דער טאטע מיינער גענימען ביי בײדע
אויערן און האט מיך אריינגעפיהרט אין די תורה הקדושה און
האט מיר געגעבען א ספריל, וואס עס שטעהט אין דעם געשריבען פון גן
עדן התחתון מיט די גאלדענע ברונענס, מיט די טייכען בוימעל.
עפעס זאגען מלאכים א מין שירה, וואס עס איז גארנית פאר א
ילוד אשה. אליץ, וואס איך האב היינט אין מיר, איך א ייד אהן
בארד און פאות, און ווייט וואו אין דער פרעמד, צווישען עם,
אשר לא שמעתי את לשונו, קומט אליץ פון דארט, פון דער מאמען
און פון דעם טאטען, און וואס זיי האבען מיר אליץ דערצעהלט...
א הולטאי בין איך, אז איך האב דאס אוועקגעווארפען אין בין
געווארען א גוי... מילא דאס בין איך נית אויסען.—איך האב דאס
נאר אנגעהויבען צו דערצעהלען די מעשה פון דער שענער רחל'ה,
אבער אזוי פערפלאפעלט מען זיך, אז מען קומט אין רעדען...

רחל'ה איז געווען איינע פון יענע נשמות, וואס בלאנדושען ארום ביי אונז פון גאנץ לאנגע דורות, אפשר נאך פון שלמה המלך'ס צייטען. אז די מקובלים זאגען: „אתפשטותא דמשה בכל דרא" מיינען זיי, אז א פונק פון משה רבנו'ס גרויסע נשמה איז דא אין איטליכען דור. ניט נאר די תורה געהט פון האנד צו האנד, פון איין דור צום אנדערען און רייכט מיט אונז אב גלות... אויך א טייל פון יענע נשמות פון דער גאלדענער צייט, וואס יעדער יוד איז נאך געזעסען אונ־טער זיין פייגענבוים און אונטער זיין וויינשטאק ווערען מגולגל און לייכטען אין דעם עולם, ווי איינצעלנע שטערן אין א שטילער נאכט. א יודיש מיידעל מיט דער נשמה פון א מלכות, טאקי פון די אמת'דיגע בנות ירושלים, ס'איז א סך צו דערצעהלען!

אודאי האט מען מיט איהר געטהון דעם גרויסען שדוך מיט דעם ריזשענערס אנ'אייגען אייניקעל, אויך גוטע יודען האבען אין זיך א כח און זייערע נשמות וויסען אויך פון פערשידענע דורות. דער ריזשענער אליין פלעגט צו דערצעהלען, אז ער איז שוין דא צום דריטען מאל אויף דער וועלט. צוערשט האט ער געלעבט צו אחיה השלוני'ס צייטען; ער האט שוין אבער כמעט אלץ פערגעסען און געדענקט נאר עפעס ווי פונ'ם שלאף; צום צווייטען מאל איז ער געווען פון די פרחי כהונה און ער געדענקט נאך ווי היינט איטליכם מטעשקעלע אין דער הייליגער שטאדט ירושלים... אז א יוד, אפילו דער גרעסטער גביר, וואס ער געהערט אבער ניט צו דעם פאן, דערלאנגט אזא יהום, איז מען אודאי ביי זיך געהויבען און מען עפענט די האנד זעהר ברייט. וואס שלמה וואלף האט צוטיילט דעם טאג אויף צדקה, וואלט מען געקענט אויסבויען א שוהל, צום קנם־מאל האט מען געקוילעט אקסען, און שאף אין רינהער. פדהצור'ן האט מען אראפגעבראכט פון בערדיטשעוו, ווי אויף די גרעסטע התונה פון דער וועלט! טייכען ווין האבען זיך געגאסען, און אכט טאג און אכט נעכט האבען יודען געהוליעט אין די גאסען, אפילו די גוים האבען גע'שכורט. איטליכער, וואס איז נאר געקומען, האט זיך אנ־געשטאפט פולע קעשעניעס און האט זיך מיטגענומען אהיים פון אל־דעם גוטס לדור דורות, עפעס א קלייניגקייט אזא גדולה, וואס מען דערלעבט דאס אפשר איינמאל אין הונדערט יאהר. אויפ'ן אכטען טאג

דאָט שלמה וואָלף געשענקט אַלע יודען דעם טשינטש, צוגעזאָגט איטליכען צו געבען פלאַץ, וואָס וויל נאָר בויען, אויסגערופען האָט מען: „כל צנא ייתי וישתה"! פון אַלע שטעדטלעך אַרום זענען געקומען אָרימע לייט און האָבען גאָרניט צוגעלעגט. דאַשעוו האָט געזעהען טעג, וואָס מען וועט זיי שוין קיינמאָל ניט זעהען. — נאָר מיר אַליין, וואָס איך דערצעהל אייך דאָ די דאָזיגע מעשה, האָט שטאַרק געצויגען דאָס האַרץ... בין איך דאָך אויך אַ רבי'ס אַ זוהן, געטראַכט האָב איך ביי מיר, וואָס וואָלט געווען, אַז איך אַליין בין דער בן־מלך און קים אויף אַ באַרג און דערזעה די בת־מלכה... אַז עס איז געקומען די לעצטע וואָך פון געזעגנען זיך און פרהציה האָט געשפּיעלט און איך בין אַרויסגעקראָכען אויפ'ן מויער, וואָרום אַ יונגעל אין מיינע יאָהרען האָט ניט געפּאַסט צו געהן אויף שמחות, זענען מיר געקומען די טרעהרען אין די אויגען, פאַ'ר וואָס לעב איך ניט צו אַלכסנדר מוקדון'ס צייטען צו אפילו די צייטען פון מלכי פרס? — עס איז מיר פאָרגעקומען, אַז אין שושן איז ניט ווי אין דאַשעוו און איך האָב מיר אויסגעמאָלט, ווי וואָלט עס געווען, אַז איך וואָלט געגאַנגען אָנגעטהון אין רויטען און רחל'ה וואָלט גאָר מיך גענומען... פון דעמאָלט אָן איז מיר אַריין אַ מרה שחורה אויף איבּיגע צייטען. — רחל'ה האָט התונה געהאַט זיך געבאָדען אין מילך און האָניג, געהאַט אַ קינד און נאָך אין דעם יאָהר פון דער וועלט צוגענומען געוואָרען, וואָרום זי האָט צו איהר ניט זוכה געהען... פערשטעהט זיך, אַז דער זיידענער יונגערמאַנטשיק האָט נאָכדעם מיט אַ אַנדערע התונה געהאַט. ער לעבט נאָך און איז אַ גביר און אַ רב אינאיינעם. איך וויל אויף איהם ניט רעדען, אָבער מען זאָגט, אַז די אַנדערע רבצין פּידרט ביי איהם אויך ניט קיין גוט לעבען. — אין רחל'ה האָט זיך מיר געחלומ'ט און געחלומט נאָך אַ סך יאָהרען און היינט נאָך... אַזוינס טראָגט מען שטענדיג אין זיך אַרום, אפילו ווען מען געהט אין עק וועלט. וואָס איז פון מיר געוואָרען, ... זיך דער לעזער שוין דערוואוכט. ס'איז אַ וועלט מיט וועלטליך...—

# די געפּלאַצטע סטרונע

(אַ מעשה פון צוויי כלי זמר)

# די געפלאצטע סטרונע

## (א מעשה פון צוויי כלי זמר).

אז דו פאהרסט אריין קיין אוהמען אין שטאדט אריין איבער די גרויסע בריק ביי די מיהלען, געהט עס אלץ ארויף, ווי בארג ארויף. די הייזער און די מויערן שטעהען העכער איינס איבער דאס אנדערע און די גאסען קימען אוים איינס איבער די אנדערע. אלץ געהט ארויף צו דער אלטער שטאדט און צו דער נייער שטאדט, צום מארק, צום ראטהויז, צו די קלייטען, צו די גרויסע דאקטוירים און איינפאהר-הייזער, צו דער טאלנער קלויז און צו דער גרויסער שוהל, צום בולוואר און צום סקווער, צום קאסטיאל און צו די ניקאלאיסקע אוליצא, צו די און די אלע גרויסע גבירים פון שטאדט וואוינען אויבען; דער איספראווניק און דער אקרוזשני סוד זענען אויבען, דער לאגער איז אויבען, די פאסט און די קאנאטשייסטווא איז אויבען, די וואג איז אויבען, און דער גרויסער טורעם מיט'ן זייגער, וואס קלינגט פון איין עק שטאדט אין די אנדערע, איז אויך אויבען, און אומעטים זעהסט דו א סך מענשען געהען, לויפען, זיך שטיפען, די דראשקעס הילכען אויפ'ן געפלאסטערטען שאסע, גרויסע וואגען פול מיט סחורה שלעפען זיך. אלע טאג איז עס ווי אויף א יריד, פון ארום אין ארום קומען גוים צו פאהרען און יודען פון קליינע שטעדטלעך איטליכער קויפט צי פארקויפט, מעקלער דרעהען זיך ארום מיט שטעקלעך, גוים אין ווייסע פעלצען און שמויסענע היטלעך געהען מיט די בייטשען, יונגלעך שרייען אום בייגעל אין קוואס און קיסליצעס. משרתים שלעפען ביי די פאלעס; ווי מען טהוט א קוק, איז א לעבען, אלע שענקען זענען פול, גרויסע סאמאווארעס, וואס אפשר א גאנצע דישקע וואסער געהט אין זיי אריין, שטעהען אויף טישען אין גאס און קאכען, און קאצאפעס מיט לאנגע פאטלעס און דאס העמד

פון אויבען פערקוימען טיי; בלינדע בעטלער זיצען אויף דער ערד און שפיעלען אויף לירעס, אַנדערע קניען, זאָגען מאָליטוועס אין האַלטען רויטע שיסעלעך אין די הענד. — דאָ מאַרשירט דורך אַ פאָלק סאָלדאַטען מיט טראָמפייטען און פויקען, און יונג און אַלט לויפען זיי נאָך. דער שטאָדט-זייגער הייבט אָן צו שלאָגען צוועלף, און פון אַלע קלויסטערס הייבט עס אָן צו קלינגען... ווער עס האָט ניט געזעהען אודמען, דער ווייס ניט, וואָס הייסט אַ גרויסע שטאָדט. און אַז עס קומט בייַ דער נאַכט און מען צינד אָן אין אַלע גאַסען די לאַטערנעס און הינדערטער פענסטער פון אַלע גאָרען פון די מויערען זענען בעלייַכט, און עס איז ליכטיג ווי אין מיטען טאָג. אַז עס געהט אַ רעגען, ווערען נאָך די שטיינער אָבגעוואַשען און אין אַ פיערטעל שעה, איז שוין אַלץ טרוקען, אַז עס איז אַ מחיה,—עפעס אַ קלייניגקייט אודמען, דער שענסטער אייעזדני גאָראָד אין קיעווער גובערניע. יידען זענען דאָרט פאַרהאַן קיין עין הרע אַ סך, אפשר דרייַסיג טויזענד און אפשר מעהר, אַז די נייע שטאָדט וואָלט ניט געווען אַביסעל דייטש מיט אַ שליאַפע, און, לא עליכם, אַ ציגאַר אום שבת, וואָלט עס געווען אַ יודישע שטאָדט בפה מלא. יאָ צום טאַלנערס צייטען, דעם אַלטען טאַלנער רבי'ן איז עס געווען אַזוי, דעמאָלט אַז רבי זלמן האָט נאָך געלעבט און יואל נתן זיין זוהן, אַ יוהּ פון אַ האַלבען מיליאָן קערבלעך, איז געזעסען בייַם רבי'ן אויף דער קעלנע, אַז ער פלעגט אַרייַנפאָהרען אין שטאָדט אַרייַן, און האָט געהאַלטען די לייצעס פון די פערד... דאָס איז געווען אַלץ אַמאָל!

גיעט מען זיך אָבער אַ ביסעל רעכטס פון דער בריק, אַז מען קומט אַרייַן אין שטאָדט אַרייַן, געהט עס בארג אַראָב, איין הויז שטעהט אונטער דעם אַנדערען, וואָס ווייַטער איז אַלץ ניעדעריגער, און אַז מען פאָהרט, מיז מען אייַנהאַלטען די פערד. כדי זיי זאָלען זיך ניט צו פאַלאָכען; די גאַסען זענען ברייט און שיטער, די הייַזער זענען מיט גערטנער מיט דעכער פון רויטען טשערעפ, די ווענט זענען געפאַרבט בלאָה און געל מיט גרינע לאָדען ווי פאַרצייטען. עס איז ווי אַ גאַנץ אַנדערע שטאָדט פאַר זיך. אָבער אַז איינער בע־דאַרף עפעס צו האָבען געהט ער אַלץ אין שטאָדט אַרייַן אַרויפצי

און ניט קאפור. פין די פרעמדע איז גאר ניט צו רעדען, אז זיי קענען גארניט די אלטע שטאדט אפילו אין שטאדט אליין איז דא א סך מענשען, וואס זיי זענען קיינמאל ניט געוועזען רעכטס פון דער בריק. און אז איינער ווערט דארט אמאל פערבלאנדזשעט, קימט איהם אוים, אז מען מוז דארט מורא האבען צו געהן אפילו אין מיטען טאג. אזוי פוסט איז דארט. מען זאגט, אז עס וואוינען דארט מהילה א סך גנבים, ווער שמועסט די קצבים און בעלי עגלות און טרעגער. דער הקדש איז אויך דארט, און די איינגעפאלענע באד איז אויך דארט און די אלטע שיהל. די כלי זמר פון דער שטאדט וואוינען דארט און דער אלטער חזן וואוינט אויך דארט. אז גדליה דער חזן וואלט דארט ניט געוואוינט, וואס האט געהאט א שטוב פון השכלה מיט מיידלעך, וואס קענען לשון קודש, וואלט איך אליין ניט געוואוסט, אז עס געפינט זיך אין אזהמען אזא טייל שטאדט. מילא דאס בין איך ניט אויסען.

---

יא, ביי די כלי־זמר מוז איך מיך אבשטעלען און פון זיי דערצעהלען תחלת האט מען נאר געהערט פון ראובלען כלי־זמר, ואס שפיעלט אויפ'ן פידעל און איז דער ראש פון דער קאמפאניע, וואס זיי פאדרען ניט אויף א התונה, אז מען גיעט זיי וועניגער פון הונדערט רובל און וואס זיי שפיעלען ביי די גרעסטע גבירים און ביי פריצים. ראיבלי איז געוועזען א געל יודעל, א שטיקעל דייטש און ער האט געהאט א פידעל, וואס אז מען גיעט איהם נאר א ריהר, שפיעלט ער פון זיך. איהם צו הערען אויף א התונה, אז ער פלעגט זיך צו שפיעלען צו דער וועטשערע, איז ווערט געוועזען, מי יודע וויפיעל. ער פלעגט זיך אינמיטען ארויפלאזען צום עולם אין האט געשפיעלט, וועדליג א מענש קען משיג זיין מיט די אויערן, ווארום אז ער האט זיך פערגעסען אויף א ווילע אין האט אנגעהויבען אויף דער אויבערשטער סטרונע, זענען די מענשען אויסגעגאנגען פאר גרוים מתיקות. מען דערצעהלט זיך, אז ער האט אמאל געשפיעלט אויף א חתונה, איז געזעסען דארט א מומר,

וואס מ'האט איהם נאר גערופען, וויל מען האט פאר איהם מורא געהאט; ראובלי האט זיך העמאלט וצלאוט אויף זיין פידעל, אז עס האט יענעם צוברעכען ביז אין הארצען אריין, און ער איז אוועקגעגאנגען אהיים און איז געווארען אנאנדער מענש... ראובלי איז געוועזען פון תמיד אן דער בעריהמטער כלי-זמר, איין אז דער גרויסער פרהצור האט איהם געהערט, האט ער געזאגט, אז ער וועט אבנעהמען די האלבע וועלט — און ראיבלי האט טאקע אבגענומען די וועלט, ארום און ארום אין דער גאנצער סביבה און אויף דרייסיג מיילען וויט האט מען געוואוסט פון ראובלי'ן, און וועלכער נגיד צי א שענער בעל הבית וואס האט געמאכט חתונה א מיידעל, האט נים אראבגעבראכט ראובלין? אז גאט האט זיי געהאלפען אויסציגעבען א קינד, מוז מען דאך אלץ מאכען מיט לייטען גלייך, איין ווי קען זיין א לייטישע חתונה אהן ראובלין. און אפילו אז מע איז געוועזען פערבארען אין חובות ביז איבער'ן קאפ, צי מען האט פראסט געזשאלעוועט ארויסצונעהמען א רויטען הינדערטער און אנידערלעגען ראובלין, האט די כלה אזוי לאנג געוויינט און די מוטער האט אזוי לאנג געבעטען רחמים, ביז מען האט געמוזט נאכגעבען... אמאל האט מען גאר געמוזט שיקען נאך ראובלין א שליח מיוחד, אז ער האט זיך גאר געפוילט צו פאהרען און האט גאר געשיקט העם פאמאצניק. די כלה האט אבער געזאגט, זי געהט ניט צו דער חופה אהן ראובלין, האטש גער, האק דיך! און אומגעקעהרט, ברענגט מען ניט אראב ראובלין, איז האס שוין אליין א סימן, אז ס'געהט ניט אזוי מיט'ן קנאק, און עס קען שאטען צום קרעדיט. נעה, זיי ביי יענעם אין מויל; און גלאט אזוי ראובלי, ווער קען איבערשפארען העם יצר הרע און ניט אראב ברענגען ראובלין? ס'איז נאר אנאנדער התן-מאל מיט ראובלין און אנאנדער וועטשערע מיט ראובלין. ס'איז לעבעדיגער, עפעס די שמחה איז גאר אנאנדערע. איך וויל אייך מגלה זיין א סוד, אז אידה שיקט קוויטלעך און בעט די שטארט צו דער חתונה און דער פסוק מיינט: דרשה געשאנק, קען איך אייך שווערען בהן שלי, אז ווען ראובלי וועט שפיעלען, וועט אידה האבען מעהר עולם... אז מען גיעט א קערבעל דרשה געשאנק צי צוויי, האטש מען עסט דאך אויך א גוטע וועטשע-

רעֶ, ווײַל מען אויך הערען אַ גוט שפּילעכץ. איך וויל ניט זאָגען, אַז מען וויל זיך מיט דעם אַרויסשלאָגען די הוצאות, אָבער אַז מען בעקומט דאָס קוויטעל, וואָס מען בעט צו דער התונה און דער יצר הרע מישט זיך אַרײַן; וואָס בין איך עפּעס מיט אידם אַ מחותן, עפּעס גלאַט געהן און אַרויסשמײַסען אַ קערבעל, — וואָס, קומט עס גרינג אָן? און דער יצר טוב פון זײַן זײַט מענה'ט שטילערהייד: ס'איז דאָך אַ שטיקעל שכן, אַביסעל דאַרף איך האָבען זײַן טובה, אַביסעל, ווי זאָגט מען, שלח לחמך על פני המים, עפּעס וועל איך דאָך אויך האָבען התונה צו מאַכען אַ טאָכטער צי אַ פּלעמעניצע — נאַ! טהוט דער יצר הרע ווידער אַ טאָרקע: אַ מזומן קערבעל איז פּאָרט מזומן, און ביז עס קומט אַהין זעצט ער אָן און פערגעסט גאָר, אַז ער איז דיר שולדיג דרשה געשאַנק... רוקט זיך אַרויס דער יצר טוב: עפּעס איז דער כלה'ס מאַמע געשטאָרבען און ס'איז אַ מצוה משמח זײַן אַ יתומה. זעהט איהר, פאַר אַ מצוה ווערט דער יצר הרע אַביסעל בטל, אָבער אַז ראובלי שפּילט אויך, אי ראובלי, אי אַ מצוה, ביידע אין אייגעם איז גובר... עפּעס אַ קלייניגקייט געהן הערען ראובלי'ן, זײַן כל גדרי אויפ'ן פידעל! צי זיינער אַ וואָליך! צי גלאַט אַזוי אַ ווײַנענדיגעס, וואָס צעגיסט זיך אַזוי טיעף אין הארצען אַרײַן, אַז מען פערגעסט אָן אַלעמען אין דער וועלט. און אַז ער פיהרט דעם חתן צו דער וועטשערע צוועלף בײַ דער נאַכט, און די גאַנצע שטאָדט שלאָפט, שפּאַלט זיך דער הימעל ווי אין תשעה באב, און טײַכען טרעהרען גיעסען זיך. וואָס זאָל איך אײַדם לויבען, ווער עס האָט ראובלי'ן ניט געהערט שפּילען, האָט קיינמאָל קיין גוטעם שפּילען ניט געהערט.

ווי זאָגט מען, ס'איז אַ וועלט מיט דריידלעך, אַז ראובלי איז געווען במדרגה העליונה און איז בײַ זיך געוואָרען אַ גאַנצער פּריץ, אַז ער וועט שוין טהון אַ לאַסקע, ווען ער איז געפאָהרען אויף אַ התונה, און אויפ'ן התן-מאָל וואָלט ער שוין גאָרנישט געוואָלט שפּילען, נאָר נאָך צו דער חופה; גיט גאָט אַ דרעה, און ס'קומט אויף פּלוצים שימעלע, שימעלע כלי-זמר, וואָס וואוינט אויף דער נייער שטאָדט. אודאי, וואָלט מען אייך אויסגעקראַצט די אויגען, ווען

איהר וואָלט אַייך דערוועגט צו זאָגען, אַז שימעלי שפּיעלט בּעסער פאַר ראובלי'ן. נאָר שפּעטער, אַז שימעלע'ס נאָמען האָט אָנגעהויבּען קלינגען און מען האָט איהם גאָר אַראָבּגעבּראַכט קיין קיעוו צו בּראָדסקי'ן, האָט איטליכער געגעבּען צו פערשטעהן, אַז ראיבלי איז טאַקע דער גוטער כלי זמר, אָבּער שימעלי, — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, און אַז מען הערט איהם שפּיעלען, פיהלט מען ערשט דעם טעם פון שפּיעלען. ראובלי אַליין, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט שפּיעלען שימעלע'ן, איז ער געווען ווי דערשראָקען...

און דער שטערען שימעלי'ס איז אַלץ געגאַנגען העכער און העכער, און ראיבלי'ס אַלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער. ראובלי האָט שוין געשפּיעלט פאַר פינף און זיעבּציג און פאַר פופציג און פאַר פינף און צוואַנציג, ס'איז אַ חרפה, אייגמאָל גאָר פאַר פופצעהן און פאַר צעהן אויך... אין דער קאָמפּאַניע האָט ער ניט געקענט מעהר האַלטען קיין פיער און צוואַנציג מאַן, נאָר אַכצעהן, דערנאָך צוועלף, און דערנאָך גאָר צעהן אין זעקס... אודאי זענען נאָך געבּליבּען עלטערע לייט, וואָס זיי האָבּען געזאָגט, אַז מיט אַנאַנדער מין שפּיעל ווי ראובלי'ס, קענען זיי זיך ניט געווענען, אָבּער ער איז שוין געוואָרען אוים יום טוב. דעם הונדערטער האָט איצט גענומען שימעלי, אַמאָל קי"ן און גאָר ריש. פון בּראָדסקי'ן האָט ער גאָר מיטגעבּראַכט אַ מאַסע געלד, נאָר האָט ער ליעב געהאַט אַ קערטעל.

אָט דאָ איז געקומען אַ חתונה בּיי שאול עטינגער, אודאי מוז שפּיעלען שימעלי, און מען זאָגט, אַז ער וועט נעהמען דריי הונדערטער, אָבּער אַזוי גלאַט איז די מעשה ניט. בּיי אַלע פריהעריגע קינדער פלעגט ראובלי שפּיעלען, און ער האָט געהאַט די חזקה, און גלאַט אַזוי שפיכת דמים, גנה מביש זיין אַ מענשען! אַז עס וואָלט אָנגעקומען אויפ'ן אַלטען עטינגער אַליין, וואָלט ער פּאָרט גענומען ראיבלי'ן, אָבּער דער יונגערער דור און די ווייבּער האָבּען געמאַכט אַ געפּילדער. אַנעלטערער זוהן זיינער האָט זיך אפילו מישב געווען און האָט געוואָלט געבּען ראובלי'ן אַ הונדערטער צוּבּטרעט-געלד, האָט זיך ראובלי צוויינט ווי אַ קליין קינד. האָט מען געמאַכט אַ פשרה, און עס איז געבּליבּען, אַז צום חתן-מאָל זאָל שפּיעלען ראובלי אין צו דער חופה און צו דער גרויסער וועטשע-

רע זאָל שפּיעלען שימעלי, דאָ האָט זיך שימעלי אײַנגעשפּאַרט און האָט געזאָגט, אַז ניט ער אַליין וועט שפּיעלען אַליין, וויל ער גאָרניט שפּיעלען; איז געגאַנגען דער גרויסער עטינגער אַליין און האָט איהם אַזוי לאַנג געבעטען, ביז ער האָט בײַ איהם געפּועלט.

וואָס זשע טהוט ראיבלי? אויפ'ן חתן-מאָל אַליין, אַז די מיידלעך האָבען געטאַנצט, איז ער געזעסען אָן אַ זײַט און האָט געהייסען גדליה'ן, דעם וואָס איז נאָך איהם, פיהרען די קאָמפּאַניע. אָבער דער־נאָך, אַז ס'איז געקומען צו דער וועטשערע —, ס'איז געווען אַ חתן-מאָל מיט'ן חתן, דאָס הייסט דער חתן איז צונויפגעקומען מיט דער כלה נאָך אַ טאָג פאַר דער חופה, ווי מען טהוט עס בײַ גרויסע גבירים.— דער עולם האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ די גרויסע טישען, וואָס איז געווען געדעקט מיט זילבער און קאַראַפען ווײַן זענען געשטאַנען, אַז עס האָט געפונקעלט, און פון די פיש, וואָס מען האָט זיי דער־לאַנגט אויף טייערע פאַרצעלאַנענע טעלער, האָבען זיך צעלאָזט די ריחות, האָט ראיבלי זיך אַנידערגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ רויטע פאַטשיילע און זיך אַ וויש געטהון דעם שטערען, גענומען דעם פידעל און איהם אָנגעשפּאַרט אויפ'ן אַקסעל און האָט געגעבען אַ שמיר מיט'ן שמיציק — וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איך האָב געקענט אוהמענער יודען, וואָס זיי האָבען געהערט ראובלי'ן צוואַנ־ציג יאָהר כסדר און שימעלע'ן אויך — אַזוינס האָבען זיי אין זייער לע־בענס-טאָג ניט געהערט! ס'איז געווען, ווי אַ ליעד פונם הימעל אַליין לאָזט זיך אַראָב און טהוט זיך אַרײַן אין איטליכעס נשמה. ס'איז געווען, ווי כל נדרי מיט מוסף פון ראש־השנה און נעילה אינ־איינעם... דער עולם האָט פערגעסען, אַז עס איז אַ חתונה; מען איז געזעסען און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. וואָס מיר עסען, ווער מיר עסען, און ראיבלי גערט אויפ'ן פידעל טיעפער, אַלץ טיעפער. אַלע הלומות פון אַמאָל, אין זײַן ירידה, זײַנע מוראדיגע, ירידה, אַלע פופציג יאָהר זײַנע, וואָס ער האָט געלעבט, אין ער האָט אַ סך געלעבט, אַלץ לעגט ער אַרײַן אין דעם שפּיעלען. בײַ יעדעס ציה שפּרינגט די נשמה און ציהט זיך די נשמה. מיט אַ מין דבקות און אַ צער אינאיינעם. עס קיימט פאַר, ווי איינער זאָגט ודוי, דער פידעל רעוועט און וויינט, אַלע קולות גיסען זיך אינאיינעם, און ציהען אויף בערג און טאָהל, עס גערט אַוועק אַ שעה, צווי.

דריי, פיער! דאָס שפּיעל הויבּט אָלע מאָל אָן פון נייעס, און אַלץ שטאַרקער און מוראדיגער. ווי שווערע וואָלקען ציהען איבּער דאָס גאַנצע לעבּען פון אַ מענשען, און ער זאָגט אייך אַלץ און רעדט צו אייך... און דער גאַנצער עולם איז ווי פערכשופט! פערגעסען, פערגעסען האָט יעדער וואָס זיצט דאָ און פאַרוואָס ער זיצט דאָ; אַזאַ שפּיעל געהמט אַ מענשען פון אינוועניג און פון אויסוועניג... האָט דאָך איטליכער אין דעם, וואָס ער זאָגט אויפ'ן פידעל אַ חלק, זיין אייגענעם חלק, און ראָיבלי האָט אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויפ'ן פידעל, און זאָגט, דער שמיציג טהוט זיינס און שפּיעלט און שפּיעלט... עס הויבּט שוין אָן טאָגען. אין דעם גרויסען שאַלאַש פון גלאָז ברענען די ענגלייכטער ווי דערשראָקען... קיינער ריהרט זיך ניט פונ'ם אָרט, און מען הערט, מ'הערט, דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעהאַפּט — דאָ רייסט אַ סטרונע נאָך איינע, ראָיבלי פאַלט אום... מען האָט איהם אָנגעהויבּען צו מונטערן, אָפּגעקוועקט אַהיים. און אין דעמזעלבּען טאָג איז ער געשטאָרבּען.

אַז די כלה איז געגאַנגען צו דער חופּה פיער אַ וויגער בייטאָג, און קינה און קיין זינגען נאָכגעלאָפען, האָט מען ראָובלי'ן באַגראָבּען...

# דער אָורח

(אַ מעשה נורא פון אַ אומגליקליכען, וואָס
האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אָן זיין פאָטער)

# דער אורח

### אַ מעשה נורא פון אַ אומגליקליכען, וואָס האָט געוואָלט זיך נוקם זײַן אָן זײַן פאָטער.

---

איך וואָלט עס ניט געגלויבט, אַז איך וואָלט עס ניט אַליין געהערט פון זײַן מויל. אַז מען וועט דאָס לייענען, וועט מען דערפון זעהן, ווי אַזוי די דרכים פון אַ בשר ודם זענען פערשידען...

דאָס איז געווען פאַראַיאָהרען זומער. אַז איך בין געקומען אין קלויז אַרײַן, איז שוין געווען נאָכ'ן דאַוונען. איך האָב אַרויפגעלעגט דעם טלית אויפ'ן אַקסעל און האָב אָנגעהויבען צו זאָגען פון אלהי נשמה ביז הודו. אַביסעל געה איך מיר אַרום. דער קאָפּ טראַכט. איך שטעל מיך אָב בײַ דער שאַפע ספרים. ווײַסע־חברה שלאָגען זיך מיט גמרות. דאָ דערזעה איך בײַ דער הרובע אַ פרעמדען ייִדען זיצען. אַ סוחר איז דאָס ניט, אַ פּראָסטער אָרימאַן אויך ניט. איך געה צוריק אויף מײַן שטאָדט אין דאַווען ווײַטער, אָבער איך בין מהרהר אין יענעם יודען. איך האַלט שוין בײַ קריאת־שמע. אַז איך וואָלט געוויסט, אַז איך וועל איהם ניט מביש זײַן, וואָלט איך איהם געבעטען אויף אָנבײַסען. איך גיב אַ דאַווען און בין שוין אין מיטען דער שמונה עשרה. הײַנט, דאַכט זיך מיר, זאָגט מען ניט קיין תחנון. בײַ אשרי ובא לציון טהו איך אויס די תפילין און געה צו צום יודען. ער האָט גאָרניט געזאָגט, אַז איך האָב איהם גערופען, ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז מיט מיר געגאַנגען. אויפ'ן וועג איז מיר אַרײַן אין זין, דאָס מוז זײַן אײַנער פון מרחקים. איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, ווי אַזוי ער האָט זיך געוואַשען און געמאַכט המוציא. אַ יונגעלע מײַנס, פון צוויי יאָהר, וואָס זיצט שוין בײַם טיש, האָט זיך פלוצים צווייַנט, אַז ער האָט דערזעהן דעם יודען. געגעסען האָט דער אורח ניט אַ סך. פאַרוואָס איך האָב איהם ניט געפרעגט, פון

האנגען איז א ייד, ווייס איך ניט. איך אליין האב איהם געזאגט, אז איך בין א מעזשיבעזער. אז מען האט אבגעבענשט און מען האט זיך גענומען אויפרוימען האב איך איהם געבעטען אין דער אנדע־רער שטוב. מיינע איז א מכניס־אורחטע. ס'נאך ניט אוועקגעגאנגען א פערטעל שעה, איז שוין געווען אויסגעוואקסען טהע אויפ'ן טיש. „טרינקט פעטער"! „איז אייער פלוניתטע אויך פון יענע מקומות?" — „ניין, א סדילקאווער". אז ער האט אויסגעטרונקען א גלאז איין האט זיך ארומגעקוקט, אז ס'קיינער ניטא, האט ער אנגעהויבען צו רעדען.

---

—„איך וויל אייך טאקע מגלה זיין דעם אמת. איהר וואונדערט זיך אודאי פון וואנען איך בין. א בורח בין איך, אפשר שוין צוואנציג יאהר. אז איהר זענט א מעזשיבעזער, האט איהר מסתמא געהערט פון וואלף טויבעס, וואס איהם האט געהערט האלב האנאראה אין די מיהלען און די גראלניע. איהם זענען אמאל בעפאלען זיינע אייגענע קינדער און ער האט אויף זיי דערלאנגט. דאס בין איך, זיינער א זוהן. וואס, איהר האט מורא דאס צו הערען?"

—„דערצעהלט ווייטער."

—„איהר וואונדערט זיך, ווי אזוי אזוינס קען זיך טרעפען. גאר ניט, מענשען האבען א גוט הארץ און א בייז הארץ... איך זאג אייך איהר וואלט געקענט מיין פאטער, א העמב! זאג איך אייך, און א עומד על דעתו. איך האב פשוט ניט געקענט דערטראגען דעם אימה ופחד שוין יונגעלוויים. אז די מאמע איז געשטארבען, האט ער גענומען א שטעקען און האט געזאגט, אז א שדכן וועט זיך דערוועגען קימען איבער די שוועל, וועל איך איהם ברעכען ריקען און הענד. זיבען יונגלעך זענען מיר איבערגעבליבען און צוויי מיידלעך. איך בין געווען דער בכור און האב געמוזט צוויי שעה אין טאג ביי איהם אין קאנטאר שרייבען. איך זאג אייך, איהר וואלט געדארפט איהם זעהען רעדען מיט א פריץ, אז יענער האט געדארפט צו איהם האבען. אזוי איז ער געזעסען און האט יענעם געצויגען די קישקעס. מיינס איהר פאר רשעות, ניין, נאר זאל יענער וויסען, אז ער דארף

ניט הויכהאַלטען די נאָז. קום איך צו איהם? ער קומט צו מיר!"

„אבצעהן יאָהר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. דאָ האָב איך געהערט, אַז איך ווער אַ חתן. מיין פאָטער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז נעהמען פאַר מיר די שענסטע יפת־תאר אין די גרעס־טע מיוחסת; ניט פין מיין טובה וועגען, נאָר גאָרניט, די וועלט זאָל וויסען, אַז וואָלף קען אַליץ דערלאַנגען און אפילו ביז צום שני למלך געהן. די כלה, וואָס מען האָט מיר גערעדט, איז געווען דעם גרויסען נתן שימחיצעס אַנ'אייניקעל. איך זאָג אייך, מיט גאָלד האָט מען געשאָטען. אַז ער איז געפאָהרען אַהין אָנקוקען, האָט מען איינגעשפּאַנט פיער ברענעדיגע פערד און אַ קאַרעטע, אַז עס האָט געבליסקעט. מיך האָט מען געלאָזען אין דערהיים..."

„ויהי אחרי כן, די הערסט שמועסט, זי איז איהם אַליין געפעלען. הי אַזוי ס'איז געקומען, וואָס, ווייס איך? בקצור, ער, אַ ייד קרוב להמשים האָט זי גענומען, די וואָס האָט געזאָלט זיין מיין כלה.. אַ סברה פון אַ טאַטען! מיר האָט מען געגעבען צוויי טויזענד רובל יוצא־געלד, דאָס הייסט, מען האָט זיי איינגעלעגט פאַר מיר און מיר אַליין האָט מען אָנגעדונגען קעסט אין אַנ'אַנדער דאָרף, ווייט פון די אויגען... דעם גאַנצען וועג בין איך געווען ווי צומישט און איך האָב סך הכל ניט פערשטאַנען, וואָס טהוט זיך מיט מיר. ערשט אַז איך בין אָנגעקומען אַהין און בין אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן פעלד, האָט זיך פון מיר אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. פין דאַמאָלט אָן איז אין מיר אַ שנאה אין הארצען אַריין". —

„מיין מוהמע האָט געזאָגט, איך עס גאָרניט. אימעטיג איז מיר געווען. די גאַנצע טעג בין איך איבערגעלעגען אין מיהל, דער מאַ־ראָטשניק פלעגט מיר צו זאָגען: עי, בעריל, וואָס טהוסט דו דאָ? פאָהר אַהיים צו דיין טאַטען. דאָס האָט ער טאַקי געזאָגט אויף יידיש, ווייל ער איז געווען פון די דייטשען."

„דאָ האָב איך געהערט, אַז זי איז אָנגעקומען. הוה האָט זי געהייסען. מען זאָגט, איהר שענקייט איז געווען ווי די זון. זימער אויף דער נאַכט איז דאָס געווען. איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן פעלד, עס האָט מיך געצויגען און געצויגען, אַז איך בין שיער געשטאָר־בען. בין איך דען ניט אַ בעשעפעניש? אַז דער הימעל הערט דאָס

און אלע, וואס זיצען אויבען—, משפט מען? איך בין בעריל וואלפ'ס זוהן און זיץ דא ביים פעטער, געבען א וואסער. אז איך בין ניט אראב פונ'ם זין, איז עס געווען א נס."

„נאך צוויי יאהר האב איך זי געזעהן... איך בין געשטאנען אויף א סטויג און האב צוגעקוקט, ווי די גוים דרעשען. די מאשין האט גערעדט און דאס שטרוי איז געפלויגען ווי אין א זאווערוכע. דא קומט צופאהרען א בריטשקע מיט צוויי פערד, און עס שפרינגט אראב א נקבה. עס האט געגעבען א לייכט! איך האב גארניט געוואוסט ווי האב אנגעהויבען צו שרייען מיט א מין קול, גלייך ווי איך וואלט געווען משוגע געווארען. א סך הענט האבען מיך געפאקט ביי דער אקסעל און האבען מיך אוועקגעטראגען אויף א זייט. — אז איך האב מיך אויפגעכאפט, איז געווען אין דער פריה, איך בין געלעגען ביים פעטער אין אלקער און האב געפיהלט, אז דער קאפ ווערט מיר צושפאלטען."

„וואס זשע איז געווען דער סוף? א חתן בין איך געווארען. דער פעטער און די מוהמע האבען מיר צוגערעדט: וואס וועסטו זיצען און קלאגען אויף חורבן בית המקדש. האב חתונה און ווער א יוד. זיי אליין טאקי זענען מיט מיר געפאהרען צו דער חופה. די כלה איז געווען א יתומה. נאך דער גילדענער יויך גיב איך א קוק: א דאר מיידעל, אבער דאכט זיך אנ'עהרליכע. זי איז מיר געפעהלען".

„די סלוזשבע, וואס מען האט מיר געגעבען אין א פאראווע מיהל, איז געווען א גוטע. איך האב געהארעוועט ווי אנ'אייזעל און האב נישט געהאט קיין צייט צו טראכטען. נאר אז איך האב געמוזט אויפשטעהן ביי דער נאכט און אראבגעהן אין מיהל אריין, איז מיר געווען קאלט אין הארצען. האט עס גאר גערעגענט, איז אין מיר געקומען דער כעס אויף מיין טאטען." —

„א זוניני האבען זיי געהאט, א קוטשער. געבאדען האבען זיי איהם אין מילך און איהם נאכגעגעבען די שמד. אז ער איז אויפגעוואקסען, פלעגט ער נאר ארומלויפען אויפ'ן פערד און ארבייטען.. איך האב איהם פיינד געהאט ווי א (שפין, און אז איך האב איהם געזעהן פון ווייטען קומען, האב איך מיך פערשלאסען אין שטוב און האב איבערגעלאזט די מיהל. דאס איז אבער געווען א גזלן, וואס האט א'ך

איבערגעקעהרט מיט'ן קאפ אראב. חאטש גײה, שרײ. אז ער האט די ממשלה, אז דער טאטע מײנער הענגט אן איהם און אן איהר. דער אלטער בעל-תאוה! איך האב מיך אלײן דערשראקען, אז איך האב דערזעהן בײ מיר דעם דאזיגען געדאנק.

מילא איך, לאז זײן, אבער אויך די קינדער מײנע האט זי, די הולטאיקע, ניט געלאזט קומען איבער די שוועל. א זײדע! אזא גביר, וואס קויפט איהר זילבערנע זאקענבענדלער, האט נישט פאר מײנע קינדער חאטש אנ'אדיעזנע.

מײן װײב איז אנ'ערליכע און לאזט מיך נישט קומען אין כעס ארײן, אבער איך זעה, אז זי ארט דאס אויך. ס'איז דען דאס געלד? איך שפײ אויף דאס. אבער דער ענין, א זײדע. דאס בלוט קאכט זיך אין מיר, אז איך דערמאן מיך.

וואס זאל איך אײך דערצעהלען, די שנאה איז געווארען א שנאה כבושה.

די אנדערע ברידער מײנע האבען אויך געהאט גענוג אויסצושטעהן. אז מען האט זײ נאר פערשטופט דאס מויל מיט נדן און דערנאך האט מען זײ געהערט װי דעם פאריאהריגען שנײ. אז אלע האבען געמוזט זיך אבווישען דאס מויל און גארנישט זאגען, אז יוסקע זײנער, דער סמארק, איז אויף זײ דער מושל, גלײך זײ װאלטען גאר נישט געװען זײנע ברידער. א שװעסטער מײנע האט חתונה געהאט פון װײט; דער מאן אפילו אנ'עושר, אבער א פאסקודניאק. דער אנדערער שוואגער מײנער איז געװען א יונג מיט בײנער און האט געדינט אין א װאלד.

אז מיר פלעגען זיך צונויפקומען אינאײנעם אויף א קנס-מאל, א ברית, זײ די פריצים, איז נישט אנגעשטאנען צו קומען, צי זײ זענען גאר אװעקגעפאהרען קײן קיעװ הוליען, האט מען זײ געקענט אלע אײנשלינגען אויף אײן מאל. מײן שװאגער איז תמיד געװען אש להבה, און אז ער האט אמאל גענומען א שטארקען כוס, האט ער געזאגט: איך װעל זײ נאך אמאל מקיים פסק זײן. איך װעל נעהמען א זעג און װעל זײ צוזעגען אויף פיץ פיצלעך. ער איז שוין געװען צומישט. װאס-

זשעָ טו איך ? איך נעָהם אויך איין כּוסה נאָך דער אַנדערעָר און פּעָרטרינק דעָם כּעס. אַז זיי זעָנעָן אַוועָקגעָגאַנגעָן, האַלט מיך צו מיין ווײַב ביי דער האַנד און זאָגט: בּעָריל, איך בּעָט דיך, העָר אויף צו זײַן פּאַניבראַצי מיט גדליה׳ן (גדליה האָט געָהײַכעָן מיין שוואָגער). פון דעָם וועָט נישט אַרויסקומעָן קיין גוטס. — איך וויל מיך נוקם זײַן! גיב איך אַ שפּרונג: — גאָט איז מיט דיר, בּעָריל, קום צום זינעָן. זי האַלט מיך צו פּאַר׳ן מויל: בּעָריל, דו וועָסט מיך הרג׳עָנעָן, אַז דו וועָסט נאָך אַמאָל אַזוי רעָדעָן. דערמאָן דיך אָן דעָם בּורא. לעָג זיך שלאָפעָן. — זי זעָצט זיך אַנידער אויפ׳ן בּאַנקבּעָטעָל און וויינט: גאָטוניו, וואָס האָסט דו מיך געָבראַכט צווישעָן אַזוינעָ מעָנשעָן!

ס׳איז אַוועָקגעָגאַנגעָן דער זומעָר. דאָ האָבּעָן מיר געָהערט, אַז עָר וויל איבּעָרשרײַבּעָן די אימעָניעָ מיט כּל ולך אויפ׳ן יורש עצר זײַנעָם און אונז אַלעָ מעביר נחלה זײַן. אודאי האָבּעָן מיר שוין לאַנג געָטראַכט, אַז עָס וועָט אַזוי קומעָן, אָבּעָר אַז מיר האָבּעָן דאָס דערהערט, האָט עָס אונז געָטראָפּעָן ווי אַ דונעָר. מיר זעָנעָן געָפלויגעָן איינעָר צום אַנדערעָן און מיר האָבּעָן געָשוואָרעָן, איהם די שטוב צו צוטראָגעָן און דאָס נישט צוצולאָזעָן. מיין שוואָגער האָט געָקלאַפּט אין טיש אַרײַן, אַז עָר האָט זיך אַזש צוקאַלעָטשעָט די העָנד. דער דריטעָר בּרודעָר מײַנעָר איז אויך געָוועָן אַ שטילעָר כּעסן, אָבּעָר עָר האָט מורא געָהאַט פאַר גאָט און אַז עָר האָט געָזעָהעָן, ווי מעָן איז צעָהן מאָל עובר אויף לא תקלל אב ואם, האָט עָר זיך אָבּגעָטראָגעָן. איך אָבּעָר און די איבּריגעָ האָבּעָן געָהאַלטעָן אינאײנעָם.

וואָס-זשעָ זאָל איך אײַך דערצעָהלעָן? מיר, איך און דער צווייטעָר בּרודעָר מײַנעָר און מיין שוואָגער, האָבּעָן זיך פערגנב׳עָט פאַר אונזערעָ ווײַבּעָר, מיר האָבּעָן געָוואוסט, אַז די מלכּה און דער בּן-מלך זעָנעָן אַוועָקגעָפאָהרעָן אין שטאָדט אַרײַן, און דער אַלטעָר איז אַליין. מיר האָבּעָן זיך אָנגעָטאָן אין גוישעָ פּעָלצעָן און לאַנגעָ שטיוועָל, דאָס שמוישעָן היטעָל

האבען מיר געצויגען ביז איבער די אויערן און דאס פנים האבען מיר זיך אויסגעשמירט מיט סאזשע. אז איך האב מיך צוגעגארטעלט מיט'ן גרינעם גארטעל, גענומען דעם שטעקען אין האנד אריין און געגעבען א טרעט מיט די שווערע אבצאסען, האב איך מיך אליין ניט דערקענט... מיין שוואגער האט געהאלטען אין איין טרינקען. חצקיל, דער יונגערער ברודער מיינער, האט געקוקט אויף מיר מיט א פאר אויגען, גלייך ער וואלט מיך ערשט דערזעהן.

עס איז געוועזען א פינסטערע נאכט. מיר זענען ארויסגעפאהרען מיט צוויי פערד, איך האב געהאלטען די לייצעס. עס איז געגאנגען ווי אראב א בארג. די ערד איז מיט אונז געפלויגען. איך האב געמיינט, אז דער הימעל שפאלט זיך. אז איך בין געוועזען א יונגעל און האב געלערנט חומש, איז געגאנגען א סדרה, אז די יודען האבען געהאלטען מלחמה. איך בין געזעסען און האב געפיבערט. מען שיסט. איז דאס א מענש, וואס שטעהט דארט אנגעטאן אין שווארץ. די פערד האבען זיך צופאלאכעט, מיר האבען געמיינט, די ביינער וועלען אונז צושאטען. גדליה, גיב איך א זאג. איידער איך האב נאך אויסגערעדט, מיר זענען שוין נישט וויט פון טויער. דער גאנצער הויף איז געשלאפען. —

מיין יוד האט זיך אבגעשטעלט און געבעטען א גלאז וואסער. איך זעה, אז ס'רינט פון איהם דער שווייס. מיינע איז ארייינגעקומען מיך עפעס פרעגען.

— מיין שוואגער האט איהם געדושעט, האט ער ווידער אנגעהויבען, אז זי איז ארויסגעגאנגען. עס איז מיר ווי אין חלום. איך האב געהאלטען אנגעצונדען דאס וועקסענע ליכט. דא האט ער ארויסגעכאפט פון אונטערן קישען עפעס א שווארץ און האט אויסגעשאסען. מיין ברודער איז געפאלען ביים פלויט און האט זיך צובראכען א פוס. מיין שוואגער האט געפוילט יאהרען אין אסטראג. איך האב געלאזט וויב און קינדער און בין נאך ער היום פערוואלגערט...

# דער קאַוואַל

(ווידער אַ מעשה נורא)

# דער קאָוואַל *).

---

**אַמעשה פון איינעם, וואָס האָט פערסמ׳ט זיין ווייב. —**

איך האָב זי אויפגעשריבען, כדי מ׳זאָל זיך דערפון אראָבנעהמען אַ מוסר, ער האָט זי מיר אַליין דערצעהלט, אַז ער איז געקומען פון דאָרט. — זיין פנים איז געוועזען שוואַרץ, אָבער ס׳איז געוועזען דערין אַ סימן פון גבורה, זיין גרויע באָרד איז געוועזען אַ ביסעל געשווירען און שטעכענדיג. אַז ער האָט גערעדט, האָט ער געקוקט אויף יענעם מיט אַ מין קוק, ווי איינער וויל טון אַ ביטערן שמייכעל. איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב איהם געזעהן אַמאָל, ווען איך בין נאָך געוועזען אַ יונגעל. דאָס איז אָבער אַצינד נישט דער עיקר. איך לאָז בעסער איהם אַליין רעדען.

---

מיר זענען געפאָהרען אינאיינעם פון באַלטע. ער איז געזעסען אַנטקעגען מיר, אָנגעשפאַרט אויף אַ זאַק שטרוי; מיר דאַכט זיך, ער האָט עפּעס ביי זיך געטראַכט. נאָך אַ קליין פאַרשווינדעל, אַנ׳אָרים יודעל, איז געשלאָפען צוזאַמענגעקוועטשט, אַז עס האָט געריסען ביים האַרצען. דער בעל-עגלה, אַ שטאַרקער יונג מיט אַ רויטען קאַרק, האָט געהאַט אַ דרייעקעכיגע לאַטע אויף דער פלייצע. אַז איך וואָלט געהאַט ביי זיך אַ שטעקעל, וואָלט זיך מיר געוואָלט דערין צו בויערן. איך האָב אָנגעהויבען אין קאָפּ צו רעכענען: וויפיעל מאָל איז אַכצעהן אין טויזענד? — אַז איך האָב דעם ענין גאָר נישט תופס געווען, וואָס מיין חבר האָט מיר געזאָגט, איידער איך בין געגאַנגען פאָהרען. — אַזוי שפּרינגען די מחשבות אין מיר ארום אָהן אַ סדר. מיין קאַטאָרזשניק אָבער זיצט די גאַנצע צייט און שווייגט. מ׳פאָהרט

---

*) געדרוקט אין ווארשוי אין יאָהר תרסב.

איבער אַ דאָרף, הינטער האַווקען. מען איז שוין ביים טויער. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בייטעלע מיט גוישען טיטון און דרעהט זיך אַ ציגאַר. איך האָב ניט געקאָנט צוקוקען, ווי ער האָט דאָס צוגעקלעבט מיט שפּייעכץ. אַ שוועבעלע, האָט איהר אַ שוועבעלע?" האָט ער צו מיר געזאָגט. איך האָב עס איהם געגעבען. אַז ער האָט פאַררייכערט דעם ציגאַר, האָט ער אָנגעהויבען צו מיר צו רעדען, אַ פּנים ער האָט זיך פון מיר דערוואוסט.

„פישעל קאָוואַל בין איך, אַז איהר ווענט ניט געוועזען אין דער היים, בין איך געזעסען אין דאַטשעוו, מיין פאָטער איז אויך געוועזען אַ קאָוואַל. איך ווייס ניט, צי איהר האָט אין דעם אַ קוק. אַ קאָוואַל איז ניט אַזוי אַ זאַך ווי אַ שניידער, אַ שוסטער צי אַן אַנדער בעל־מלאכה. אַ סטאָליאַר אַרבייט שוין זומער אין הייזעל צי אין קאַמער; יענע אָבער קוואַקען תמיד אין שטוב, שטאָך, שטאָך מיט'ן נאָדעל, קלאַפּ קלאַפּ מיט'ן העמערל, וואָס איז אין גאַנצען גרויס, ווי אַ זעכסער. ביי אונז שטעהט מען דעם גאַנצען טאָג אין קוזני, זומער און ווינטער. זומער, אַז עס הויבט נאָר אָן שיינען אויף טאָג. די קוזני איז אין דער עק פון שטאָדט, שוין ביים סטעפּאַק; דאָ שטעה איך און אַרבייט מיר: ציהען ביים בלאָזעק, אַז דאָס פייער שפּרינגט, איז דאָס אַדערקוויקעניש. אויפהויבען דעם האַמער און געבען אַ שלאָג אויף דער קאָוואַדלע, געהט אויף דאָס האַרץ. אַז איך האָב געקאָנט דאָרט אויסהאַלטען אַ יאָהר און ניט צו אַרבייטען, איז געוועזען אַ נס. דערנאָך האָב איך שוין געקריגען גענוג צו אַרבייטען, אָבער ס'איז ניט ווי פאַרט יך אַליין. אַ פערד קאָוזען און איהם האַלטען, דעם יונג! האָט איהר געזעהן ווי אַזוי ס'גליט אייזען, ווי אַזוי מען בעשלאָגט אַ ראָד? די קוזני איז מיר אַ סך טייערער ווי די שטוב. שבת טהוט מען אפילו אָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָבער דאָ שטעהן נאָר אין העמד און אין פלידערן, באָרוועס און שוואַרץ ווי אַ קויל."

„אַז יענע וואָלט געוועזען אַ שענע, וואָס וואָלט מיר אָבגעגאַנגען? פערדינענט האָב איך גענוג, אַרבייט האָב איך תמיד געהאַט. אַ רוח אין זייער טאַטען אַריין, די דאַשעווער פּעלצען, ביי מיר אין קוזני האָב איך אויף זיי געשפּיגען, און ניטגעקוקט וואָס זיי רעדען. מען האָט געזאָגט, אַז איך לעב ניט גוט מיט מיין ווייב; און איך פיל

ניט לייקענען, אז זי איז מיר געווען אביסעל נמאס, שוין פון לאנג אן. אז התונה האב איך מיט איהר געהאט, וויל מען האט מיר גע־געבען א הונדערטער, ניט אנקוקען האב איך זי געקאנט. מילא, אז איך האב זי, וואס זאל איך טהון? די קינדער זענען געשטארבען נאך קליינערהייט. ליעב האב איך זיי קיינם ניט געהאט; אז אלץ וואס קומט פון איהר איז מיר געווען נמאס.

מילא, אז ס'איז אבער אזוי באשערט, און טאמער האלטען אויך אזוי אוועקגעגאנגען די יאהר און מיר וואלטען נאך עד היום צוזאמען געלעבט, דארף מיין ברודער א אינגערער פון מיר, נעהמען דאס צווייטע ווייב. געפעלען האט זי מיר באלד, האטשי זי איז געווען א בעל-גאוה. איהר וואלט געזאלט זי אנקוקען, א גבורה, זאג איך אייך, אז איך האב זי דערזעהן, האב איך זיך ערשט דערמאנט, ווי אזוי מיין ווייב איז מיאוס. און דאס האט מיר אנגעהויבען שטארק צו הארען.... איך מיין גלאט דער געדאנק.... דעם גאנצען טאג, דעם דאזיגען, האב איך ניט געקאנט גארניט טהון. איך זאל זאגען, איך בין מקנא געווען מיין ברודער, מען זאל ניט זינדיגען מיט די רעד, איז דאך א גרויסער הלוק צו האבען א ווייב א אנטשערקע און א פער־הושכ'טע, צו א געזונדטע און א שענע, איז דאך דער מענש א בשר ודם, און אז ס'געפעלט איהם א נקבה, בלייבט דאס זיצען אין הארצען, ווי א דבוק... אז איך האב געדיענט פאניען, האט זיך אמאל א פעלדפעבעל אנגעטרונקען.... איך בין געזעסען פארטראכט און פארגעלעגט די הענד. איך האב אנגעהויבען צו רייבען דעם פום אן א שטיין, וואס איז געלעגען אויף דער ערד. דער ווינד איז גע־קומען דורכ'ן קוימען, פון אנהויב מיט א קוויטש, דערנאך מיט א זיפץ, ווי אויב ער וואלט געווען א בעשעפעניש. אז א מענש האט אויגען און קוקט.... פון וואנען ווייס איך, אז ביי אנדערע איז ניט אזוי; אז קיינער זאגט ניט אוים דעם אמת. דערווייל איז מיין ווייב אנגעקומען. זי האט מיר געבראכט דעם אנבייסען אין קוזני. אז זי האט מיר אנגעגאסען פון טעפיל דעם קאליש, האט זיך אין מיר צוקאכט דער כעס. אז זי שטעהט דא ווי א קלאץ. זי זאגט צו מיר: פישעל, וואס איז דיר? איך וויל נעהמען די שיסעל און איהר ווארפען אין קאפ אריין. אז זי שטעהט אלץ און קוקט. א

הונד איז געשטאַנען פאַר דער טהיר, האָב איך איהם דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט אַ שטאַנג, אַז איך האָב איהם אַוש ניט צובראָכען אַ פוס. פּישעל! זי האָט מיך אָנגעהאַפּט ביי דער האַנד. געה אין דער ערד אַריין! האָב איך מיך אַרויס געטהון. ביים גאָרגעל וואָלט איך זי אָנ-געהאַפּט. אין אַזאַ רציחה בין איך געקומען".

„אַזוי האָבען מיר אָנגעהויבען צו דערקוטשען מחשבות זרות: איך וואָלט געווען מיין ברודער און ער איך, און איך וואָלט געהאַט זיין ווייב. אַז איך האָב געפלעגט צו זיי קומען אַמאָל שבת נאָכמיטאָג, זעלטען אַמאָל, וואָרום גוטע פריינד זענען מיר קיינמאָל ניט גע-ווען, און איך האָב זי געזעהן אָנגעטהון, און מילך און בלוט אין די באַקען, האָט עס מיך געפּיקט און געפּיקט, און אַז זי פלעגט מיר דערלאַנגען די ניס און די עפּעל און מיר געזאָגט: עסט, האָט דאָס מיך מוראדיג געצויגען. דאָס איז געווען אַ נקבה, דער ריינער סמך מעם! איך האָב זיך אַליין געשעמט די גאַנצע וואָך דערנאָך, אַז איך בין געשטאַנען אין קוזני, געשלאָגען אויף דאָס ברענעדיגע אייזען און אַליץ געטראַכט פון איהר".

„איינמאָל, אַ פּאָר הדשים שפּעטער, איז זי געזעסען, מיינע און האָט זיך פּלוצים צעוויינט. אויף דער נאַכט איז דאָס געווען. איך האָב איהר גאָרניט געזאָגט. איך בין נאָר געזעסען און האָב אַליץ געטראַכט. אָט דאָ ניט לאַנג איז ביי היימ'ען געשטאָרבען דאָס ווייב, ביי ראובן יאָסעלס אויך... ס'איז מיר אַפילו געווען פריקרי צוקוקען אויף זי, בשעת איך טראַכט דאָס; נאָ וויינט זי. מילא אַז אַ מענש טראַכט, אָבער עס הורט זיך און הורט זיך ביי מיר איבער... זי האָט אויפגעהערט צו וויינען. איך האָב נאָך אויך צו איהר ניט גערעדט; נאָר מיט'ן גלאָז, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן מיש האָב איך געפּידעלט הין און הער. ביי יאַנקעל פּעסים האָבען זיך צופּלאַכטעט די פערד. אַ פערד האָט אויך אַמאָל זיין תאוה אַרויס צו שפּרינגען פון צוים. — אַז איך בין אַ מענש און האָב שכל, וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך בין אין דער ערד מיט איהר. האָב איך אַ וועלט? מילא ליעב שענק איך אייך, אָבער אַ ווייסע קאָפּטע, אַריין קליידעל, האָטשי ציהן אין מויל. וואָלט איך געווען אַנ'אַלמן, אויף געלד קוק איך ניט, אָבער דעם קערן, געהונדטע באַקען, אַ ווייב, ווי עס שטעהט אין

פסוק. מיינט איהר איך בין אזא בעל־תאוה, אסור, אבער גוט איז גוט... אז מען זיצט ביים טיש, מוז מען האבען הנאה, פון דעם וואס דערלאנגט דאס עסען. א טעלער, א לעפעל מוז אויך זיין ריין. זעהט איהר אין קוזני האב איך אנ'אנדער טבע, אבער אין דערהיים, אז איך טהו אן א ווייס העמד, מוז עס זיין ווייס. גלייבט מיר, א הולטאי בין איך נישט. א מילשטיין מאלט דען כסדר?"

---

דער ציגאר איז איהם שוין לאנג ארויסגעפאלען פונ'ם מויל. ער האט אויפגעהערט צו רעדען און קוקט אין א זייט. — זיין אויער האט געפלאמט. מען פאהרט פאמעלעך. איך בין אלץ מהרהר אין דעם, וואס ער האט צו מיר גערעדט. און איך וואלט געוואלט, ער זאל דערצעהלען ווייטער. איך האב איהם אבער דאס ניט געזאגט...

די זון איז געשטאנען הויך. מיר זענען געקומען הינטער א בארג און האבען זיך אפגעשטעלט נעבען א קרעטשמע. די פערד זענען געוועזען נאס. מען האט זיי אויסגעשפאנט און געגעבען צו טרינקען. א גוי'שער וואגען איז דארט אויך געשטאנען. איך האב מיך אנידערגעשטעלט גלאט קוקען. איך ווייס ניט וואס. עס ווילט זיך מיר עסען. מיר דאכט זיך, איך האב נאך אין רענצעל דארע קישקע. יא, איך האב מיר געקויפט ביי דער שענקערקע א פרענדזעל און א גלעזעלע בראנפען. ביים טיש אין דער עק איז געזעסען אן אלטער גוי, און האט געסאפעט. איידער איך האב זיך אנידערגעזעצט עסען האב איך געגעבען א קוק דורכ'ן פענסטער. איך זעה מיין קאוואל שטעהט ביים וואגען. איך רוף איהם אריין אין קרעטשמע; ער פאלגט מיך און קומט. ביי דער קרעטשמערקע האט ער גלייך גענעהמען א טרונק בראנפען; דערנאך האט מען איהם דערלאנגט טשיכאן מיט ברויט; ער האט זיך אנידערגעזעצט לעבען מיר און האט אנגעהויבען ווייטער צו רעדען.

„איהר זענט דאך א מענש, וואס האט אויסגעזעהן א וועלט, וואס זאגט איהר: שטראפט מען: גלויבען גלויב איך אין דעם אביסעל; אבער אז גאט וואלט געוואלט, וואלט עס געוועזען אנדערש... זינדיגען

פֿערשטעה איך, אז דאָס פֿערדריסט איהם. אז מען איז אָבער אַ מענש און מען וויל, אז עס זאָל ניט זיין אזוי... פֿרעג איך אייך מוז איך זיין בעגראָבען אויף אייביג און קיינמאָל ניט האָבען קיין לעבען, ווייל מיין מאַמע איז געוועזען אַ קלוגעטשקע און האָט צו מיר געזאָגט: „פֿישעל נעהם זי, איך היים דיר" וואָס האָט זי דערצו צוגעלעגט? אז מיין ווייב וואָלט געשטאָרבען מיט פֿערציג יאָהר, אז זי איז געוועזען מסוכן שלאַף; אָבגעביעדעוועט אביסעל און אַ עק. דאַרף זי געזונד ווערען. מיינט איהר, אז איך האָב ניט קיין האַרץ און איך האָב נאָר געווינשט דעם טויט; אז אין אַ מענשען לעבען בסך הכל צוויי מענשען; איינער וויל דאָס און איינער וויל יענס. —

משה בעדער, אז עס האָט איהם איינמאָל שטאַרק דערקוטשעט, איז ער אַראָבגעשפּרונגען פֿונ׳ם בוידעם און האָט זיך אויסגעריסען די לונג. אַ נאַר איז ער! אז מיין ברודער וואָלט מיר אָבגעטרעטען זיין ווייב, איך האָב אַמאָל געהערט פֿון אַזאַ מעשה. וויל איך דען דאָס כסדר? איך וויל נאָר מיינע פּטר׳ן. האָט זי בעקומען אַ טשעריק*) אויפ׳ן פּוס און ס׳האָט איהר זעהר וועה געטהון. אין אָנהויב בין איך אַליין געגאַנגען צום פֿעלשער איהר קויפֿען מאַסט, מען איז דאָך אַ מענש. דערנאָך אָבער, אז ס׳האָט זיך געצויגען און געצויגען, איז דאָס מיר דערגאַנגען צו דער לעבער. אז זי פֿלעגט אַראָבנעהמען דאָס שמירעכץ איז גאָרניט געוועזען אויסצוהאַלטען. ווען איך וואָלט איהר געקאָנט דאָס געבען אויפֿצועסען, די פּאַסקוצטווע, זי פֿערסמ׳ען.— דאָס איז געוועזען אזוי, ווי מען גיבט אַ וואָרף אַ שוועבעלע, און ס׳וויל ניט ברענען; דערנאָך אָבער גיט עס אין מיר אַ בליץ, אפשר טאַקי יאָ. — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿען! יונגנעלוויים האָב איך ליעב געהאַט נאָכצולויפֿען דעם היצעל. זאָגט אַליין, וואָס בין איך שולדיג. אז מען וואָלט מיך מיט איהר ניט התונה געמאַכט, וואָלט איך זי גאָרניט געקענט און איהר אפֿילו ניט געקרימט אַ האָר. טו איך דען אימיצען שלעכטס, אז מען טשעפּעט מיך ניט. זעהט איהר, אז אַ יונג קומט צו מיר און וויל מיר ניט בעצאָהלען פֿאַר די אַרבייט, געב איך איהם אין די ציינער; אַ רוה אין זיין טאַטען אַריין, דעם הונד, בין איך עפּעס זיין אומזיסטיגער משרת? ער האָט זיך איינגערעדט אין אַ היץ, און האָט אָנגעהויבען

צו בייסען אין ברויט אַריין, אָבער ניט לשם עסען. איך האָב אפילו ניט אָנגערירט דאָס, וואָס איז געלעגען פאַר מיר. די האָר זיינע זענען אַרויס געקומען פונ׳ם היטעל און טראָפּען שווייס זענען גערונען פון שטערן. אויף דער אמת׳ן וואָלט איך ניט מעהר געוואָלט, ער זאָל מיר ווייטער דערצעהלען. אַז מען שטעהט פאַר א תהום, דרעהט מען זיך אַוועק און מען מאַכט צו די אויגען.

ער האָט זיך אָבגעווישט מיט׳ן אַרבעל דעם שטערן, האָט צוריק אַנידערגעלעגט דאָס אָבגעביסענע ברייטיל און האָט ווידער אָנגעהויבען:

„אַז איהר ווייסט שוין דעם אָנהויב, זאָלט איהר שוין וויסען דעם סוף. דער סוף איז געקומען אַזוי גיך, איך האָב זיך גאָרניט גערעכט אויף דעם, ווי א טוטשע רעגען פאַלט פלוצים אַראָב פונ׳ם הימעל. איינמאָל שטעה איך אויף אין דער פריה, און ס׳איז מיר געווען טשודנע אויפ׳ן הארצען... סוף זומער איז עס געווען, דרויסען איז געווען קיהל ווינטערליך. איך נעהם מיין זאַק און געה אין קוזני. איך בין שוין געווען ניט ווייט פון דאָרטען, האָב איך מיך דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסען דעם שליסעל. איך געה קעריק. בין איך געקומען אַהיים, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן טאָפּטשאַן פערטראַכט. אָקערשט היינטיגער טאָג איז עפּעס משונה. אַז איך האָב גאָר קיין חשק ניט צו דער אַרבייט פון דעסטוועגען הויב איך מיך אויף און געה ווידער אין קוזני. אָבער דער קאָפּ איז ניט ביי דער אַרבייט. דער האַמער פאַלט מיר אַרויס פון האַנד. — ווי אַזוי איך האָב געקריגען דעם סם, ווייס איך ניט עד היום. איך האָב איהם געהאַלטען אין קעשענע נעבען דעם טיטון; אַז איך וואָלט זיי פערבייטען, און דאָס גענעהמען אין מויל אַריין, וואָלט איך אַליין געקאָנט זאָגען ודוי, און טאָמער וואָלט דאָס געווען בעסער פאַר מיר. איך גלויב אַליין ניט, אַז איך טראָג אין מיר דעם מוראדיגען געדאַנק... וואָלט דעמאָלט אימיצער אַריינגעקומען צו מיר וואָלט איך באַלד אויסגערופען: ראַטעוועט מיך פון מיר אַליין. זעצט מיך איין און בינדט מיר די הענד, וואָרום איך בין א גזלן, איך וויל אומברענגען אַ מענשען. אָבער קיינער איז ניט געקומען. און אָט דעם טאָג מוז איך, ווי אַ גזרה, עסען אין דערהיים. זי זאָגט צו מיר:

עס זשע, וואָס עסטו דו ניט? איך שווייג; איך ווינש מיר דעם טויט, הלואי וואָלט איך פערשלונגען אַביין און מיך דערוואָרגען אויף דער שטעל. אָט דאָ איז זי אַרויסגעגאַנגען אין קעך נאָך אַ טעלער. איך האַפּ מיך אויף געשווינד און טוה אַריין דעם סם אין איהר טעלער; ס׳איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען, איך זעה ניט די וועלט פאַר מיר. זי קומט אַריין אין שטוב. ניין, עס ניט די זופּ, האָב איך איהר געוואָלט רופען. איך האָב דאָס דאַכט זיך געשריען אַזוי הויך, אַז אַ טויבער וואָלט עס געקאָנט הערען. איך האָב געוואָלט איהר צוהאַלטען ביים האַנד, אַז זי האָט אַריינגעלעגט דעם לעפעל. איך האָב געהאַט נאָר דעם אין דעיון אַזוי צו טהון; אַז זי עסט אָבער, און הערט מיך ניט. איך זיץ ווי אַ שטיין און קאָן מיך ניט ריהרען. „עפּעס ביטער, זאָגט זי צו מיר, גיב אַהער די זאַלץ”. יהנה! האָב איך געוואָלט אויסרופען, איך בין אַ רוצח, איך וויל דיך פאַר׳סמ׳ען, איך זאָג דיר, עס ניט ווייטער. איך ווייס ניט, וואָס איז געוועזען, מיר איז אַלץ פאַרגליווערט. עס הילכט עפּעס אין מיינע אויערן. אַז זי וואָלט דאָס אויסגעבראָכען, טראַכט איך ביי מיר, וואָלט דאָס קיין שום פעולה ניט געהאַט. זי מוז דאָס אויסשפּייען. טאָמער טרעפט זיך אַ נס און עס קומט צוריק אַרויס פון איהר מאָגען. זי קרימט זיך פאַר וועהטאָג; בלייך איז זי געוואָרען אין גאַנצען פנים. פישעל, עס דרעהט זיך מיר דער קאָפּ, גיב מיר אַ טרונק. זי האַלט זיך צו ביים בענקעל. נעהם די זופּ און גיס זי אויס אין צובער, קומט מיר פלוצים אויף דער מחשבה. אַז איך האָב איהר דערלאַנגט אַ קוואָרט וואַסער, איז זי געוועזען גאַנץ בלאָה. פישעל, דו האָסט מיר עפּעס אַריינגעטהון. זי פאַלט אויפ׳ן בעט און וואַרפט זיך. דער בויך, אוי דער בויך. אינווייניג, דער פעלדשער! דער פעלדשער! ראַטעווע דיין ווייב, זאָג איך צו מיר, לעג איהר אַריין אַ פינגער אין מויל אַריין, כדי זי זאָל דאָס אויסברעכען. זי פאַרלירט אויף דער אמת׳ן דאָס לשון; איך האָב אויפגעריסען די טהיר און שריי: מיין ווייב הלש׳ט. פון אַלע זייטען זענען געקומען שכנים; מען האָט זי אָנגעהויבען רייבען ביים שטערן און צידען ביי די הענד. בלאָה איז זי געוועזען ווי סינקע”.

„נאָך אָט דעם טאָג האָט מען זי מקבר געוועזען. געוואוסט האָט

קיינער ניט, װאָס איז געשעהען, האָטשי אויף מיין פּנים איז ניט
געװען אָנגעשריבען קיין גוטס. און אַז ס'איז געקומען פאַרנאַכט,
האָב איך מיך אַנידערגעװאָרפען אויף דער הייליגער ערד און האָב
אָנגעהויבען צו װיינען.״

---

דער בעל־עגלה איז אַריינגעקומען און האָט זיך אָנגעהויבען
צו בייזערען, װאָס געדהט מען ניט פאָהרען. צװיי קעלישקעלעך האָט
ער איבערגעקעהרט אין מויל אַריין. איינגעשפּאַנט איז שוין לאַנג,
זאָגט ער. עס העלפט ניט; מען מוז געהן פאָהרען. דאָס יודעל האָט
זיך אַנידערגעזעצט אויף דער קעלניע נעבען דעם בעל־עגלה, איך אוי־
בענאָן, דער קאָװאַל אָן דער זייט. מען פאָהרט. װיאָ! װיאָ! מען
איז שוין װייט פון דער קרעטשמע. אַז איך קוק אָן די תּבואות,
װאָס זיי װאַקסען פון ביידע זייטען װעג, דאַכט זיך מיר, אַז זיי האָ־
בען גאָר קיין הרהורים ניט, נאָר זיי שאָקלען זיך אַזוי שטיל....
די זון האָט זיך אָנגעהויבען צו זעצען. ביי מיר אין האַרצען דראַפּעט
זיך די מעשה און איך טראַכט: האָט דער מענש טאַקי חרטה? — איי־
דער איך האָב נאָך צייט געהאַט מיר צו געבען אַן ענטפער, האָט ער זיך צו
מיר געקעהרט און זאָגט צו מיר: „מיאוס איז מיר געװאָרען פון
דעמאָלט אָן פאַר מיר אַליין. ניט די רציחה, נאָר דאָס פאַרלאַסט;
אַ מענשען צו דערשלאָגען אַז מען באָרעט זיך מיט איהם, שטעהט
מען דאָך מיט דעם אַנדערען פּנים אל פּנים און יענער שלאָגט זיך
אויך מיט זיין רצון און װען זיין כּח װאָלט געװען גרעסער, צו
װען ער װאָלט געהאַט מיין מזל, אפשר װאָלט ער דעה שלאָגער
געװען פון אויבען. אָבער אַז איינער װיים גאָרניט און רעכט
זיך גאָרניט, געהן און דערלעכערן איהם די קישקעס אויף הוטרי
װעג, דאָס איז מיאוס, און קיינמאָל װעסט דו דיך פון דעם ניט
אָפּװאַשען. אַײ צוריק שטעל דיך אַליין און זאָג אויס און װאַרף
אַראָב פון דער לונג, האָב איך ניט געהאַט דעם קוראַזש דערצו.
„און דאָ איז געקומען מיין איינציגער ברודער, װאָס האָט מיך
חושד געװען, אַז איך האָב געװאָרפען צו'אויג אויף זיין װייב און
האָט נאָר מורא געהאַט פאַר מיר און האָט מיך געמסר'ט. אַז מען

האָט די געפּאַרמעסט, איז שוין געווען אַוועק עטליכע חדשים, אָבער מען האָט נאָך געקאָנט דערקענען. מיך האָט מען באַלד גענומען אין טורמע אַריין און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דיעלאָ. דער סלע־דאָוואַטעל, זאָג איך אייך, איז געווען אַ מהשמוניק, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו פרעגען, פרעגט ער גאָך. אַז ער וואָלט ניט געווען אַזאַ חכם, וואָלט איך מיך באַלד מודה געווען און אַנ׳עק. אַז ער איז אָבער צו קלוג, פאַרדרעה איך איהם נאָך מעהר און וויל ניט אויסזאָגען דעם אמת, האָטש בראָט מיך. אַזוי בין איך אָבגעזעסען איבער אַ יאָהר. דערנאָך האָט מען מיך געסודיעט. אין אָקרוזשני־סוד איז געווען פול פון מענשען, ווי אויף אַ חתונה. מיר האָט זיך געצאַפּט דאָס בלוט. פאַרסודיעט האָט מען מיך אויף זעכס יאָהר. דריי בין איך אָבגעזעסען; אַ מאַניפעסט האָט מיך דערנאָך אַרויס־געלאָזען. גאַלע גוים זענען דאָרט געזעסען. דערנאָך זענען גע־קומען צוויי יודען; געפעלען האָבען זיי מיר ניט, אָבער דאָס לשון איז היימיש. אויף יענער וועלט, ווי עס וועט זיין ווייס קיינער ניט. אַז גאָט משפט אויבען, וואָלט שוין דאָ אויף דער וועלט אויך געמוזט זיין אַנדערש... איך מיין ניט דערנאָך, אַז מען האָט זיך שוין קעגען איהם פערזינדיגט, נאָר פריהער נאָך איידער מען טרוט דאָס, אַז אַ אָכם איז בעסער פון אַ מענשען״...

ער האָט אויפגעהערט צו רעדען און איז פאַרזונקען אין שווי־גען. דער וואָגען איז ווייטער געפאָהרען. — —

# דער בן יחיד

(א מעשה פון לעבען)

# דער בן יחיד

## (אַ מעשה פון לעבען).

---

אין דער גמרא איז פֿאַרהאַן אַ שפּרוך: גזרה היא על המת שישתכח מן הלב, פֿאַרטייטש אויף יודיש וועט דאָס הייסען, ס'איז נגזר געוואָרען פֿונ'ם הימעל און ס'איז אַזוי בּעשטימט פֿון אויבּען, אַז אַ מענש זאָל קאָנען פֿאַרגעסען אָן אַ מת און אַז מ'זאָל ניט אייבּיג וויינען נאָך אַ טוידטען... וואָרום ווען ס'וואָלט ניט אַזוי געווען וואָלט מען דאָך גאָרניט געקאָנט אויסהאַלטען אויף דער וועלט און ס'וואָלט פֿאַר די לעבּעדיגע נאָך געווען אַ סך ערגער, ווי פֿאַר די טויטע. — אַמאָל אָבּער טרעפֿט זיך אַ „יוצא מן הכלל", אַ אויסנאַהם פֿון דעם, וואָס איז דער שטייגער בּיי ס'רוב מענשען, און פֿון אַזאַ אויסנאַהם וויל איך דאָ דעם לעזער דערצעהלען.

---

אין אַ שטעדטיל ניעבּען ליגען האָט געלעבּט אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען נתן נטע. דאָס איז געווען אַ מענש פֿון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַ שעהנעם ווייסען פּנים און אַ קויל־שוואַרצער בּאָרד, וואָס האָט אומ־רינגעלט דאָס פּנים. געגאַנגען איז ער תמיד ריין אָנגעטהאָן און פֿלעגט צו טראָגען די פֿלידערן איבּער די שטיוועל. נתן נטע איז געווען אַ שטיק אדם שלם, ער האָט געקאָנט דקדוק, איז געווען אַ בעל תנ"ך און געלערנט האָט ער תמיד מיט אַ פּאָר נגידישע יונגלעך, ניט בּתורת מלמד, נאָר ווי אַ לעהרער. געוואוינט האָט ער אין צוויי שיינע חדרים ניט ווייט פֿונ'ם טייך, וואו מ'איז זיך געגאַנגען בּאָדען, און פֿון די פֿענסטער איז געווען אַ פֿרייער בּליק... און אויך אין די חדרים איז געווען ריין, ווי בּיי אַ לעהרער, און ניט ווי בּיי אַ

מלמד. די ספרים זענען געווען איינגעבונדען און אבגעהיט, און געהאט האט ער דעם חומש מיט'ן „באור" און א סלאוואר פון שטיינבערגען... נאר א ווייב האט ער געהאט, דוואסי מיט'ן נאמען, וואס איז גארניט געווען קיין שענע, זי איז געווען העכער פון איהם מיט א קאפ און האט געהאט א געשטופעלט פנים. דאס איז געווען א שרייערקע און [illegible] עכטער ווייבערשער שלאק, איהם אויף צו להכעיס איז זי געווען תמיד קויטיג אנגעטהון און אויפ'ן קאפ האט זי געטראגען א טיכעל, ניט קיין שלייער.

האטש זיי האבען ניט בעדארף א סך צו האבען — ס'איז שוין געווען אוועקגעגאנגען אכט יאהר נאך דער חתונה און זיי האבען ניט געהאט קיין קינדער, און צוויי מענשען אליין האבען ניט קיין גרויסע הצטרכות אין א קליין שטעדטעל — האט זי זיך געמאכט אויפ'ן מארק א שטעל פון זאלץ און הערינג און האט געקרעמערט דעם גאנצען טאג און זיך אבגעגעסען דאס הארץ. אהיים פלעגט זי צו קומען נאר אויף א מינוט, האפען א פיערטאפ, צי קאכען אנבייסען אויף איין פוס, צי גלאט אזוי א געשריי טהון אויפ'ן מאן; און אידעה ער הויבט זיך אויף און גיט איהר אנ'ענטפער, איז זי שוין פון יענער זייט טהיר. ליעב האבען זיי זיך קיינמאל ניט געהאט, איך ווייס אליין ניט, וואס איז דאס געווען פאר א זווג צווישען זיי ביידע און צו וואס האט די השגחה זיי צונויפגעבראכט אין איינעם? דער חומש מיט'ן באור נתן נטע'ס און דוואסי'ס זאלץ און הערינג זענען להלוטין ניט געווען קיין מתותנים, און גלאט אזוי האט מען גאר קיין הכרחיות ניט געזעהן, אז זי מוז דוקא איהם האבען פאר א מאן, צי להפך אז זיין ווייב מוז דוקא זיין זי.

און דא טרעפט זיך אויף איינמאל, אז דוואסי איז פערגאנגען אין טראגען און ס'ווערט זיי געבוירען א קינד, א יונגעל, אומגעריכט! דעם קינד האט מען צום ברית א נאמען געגעבען יואליק, און מיט אט דעם קליינעם יואליק הויבט זיך אן א נייע תקופה אים לעבען פון נתן נטע'ן און זיין ווייב דוואסי'ן.

איז זייער לעבען פריהער שוין ניט געווען זיס, טא איז עס אצונד געווארען אויף דער אמת'ן זויער און ביטער. זיי האבען אנגעהויבען ביידע צו ציטערן פאר דאס קינד און האבען זיך דערמאלט

נים געהאַט קיין רוהיגע מינוט. עפּעס אַ קליינינקיט צו האָבען אַ קינד, איין אויג אין קאָפּ, אַזאַ ווייך גופ'ל און אַ ילד רך, וואָס איטליכס קאָן עס אָוועקבלאָזען. די גאַנצע טעג פלעגען זי נים אַוועקגעהן פון זיין וויגעלע און האָבען אַלץ אָבגעהיט דאָס קינד. אז דאָס קישעלע האָט זיך נאָר פערוקט אויף אַ זייט, זענען זיי שוין געזעצן אויסער זיך, איטליכעס רויט פינטעלע אויפ'ן פנימ'ל האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שרעק: זיי האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז דאָס לעבען פון קינד הענגט בעשטענדיג אויף אַ האָר, און אָט, אָט וועט דאָס צערייסען, אַזאַ אימה ופחד האָט זיך אַרויפגעלעגט אויף זייער נשמה... און האָטש איידער דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען, האָט מען געזעהן קלאָר, אַז נתן נטע און זיין ווייב דוואָסי האָבען געדאַט צווייערלייע פערשיעדענע טבעות, וואָס איהם איז געווען ליעב, איז איהר געווען אומליעב, און ס'איז נים געווען איין זאַך, וואָס ביידע זאָלען דערין זיין בהסכם; האָט זיך נאָכדעם, אַז יואל'יק איז געבוירען געוואָרען, בעוויזען, אַז בנוגע צו דעם קינד און ציטערן און פלאַטערן איבער איהם, זענען זיי געווען ביידע גלייך, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. דאָס קינד האָט בעדאַרפט נאָר אַ פּיפּסט צו טהון, האָבען זיי באַלד אָנגעהויבען איינער צום אַנדערען: „וואָס שטעהסט דו ווי אַ קלאָץ? גיב דאָך עפּעס דעם קינד. טאָמער איז ער נים גוט איינגעוויקעלט. אַוואו איז די באָבע?" מ'מוז רופען די באָבע. אַנ'אַנדער באָבע קומט אַלע טאָג זיך דערפרעגען נאָכ'ן קינד, נאָר זי די הולטייקע האָט זיך גע-געהמען איהרס און מ'זעהט זי גאָרנים. זייגען האָט דוואָסי נים געקענט, האָט מען געמוזט אויפציהען דאָס קינד מיט אַ פלאַש, פון אַ אַם האָ-האָבען זיי נים געוואָלט הערען, ווי טאָר דאָס אַ פרעמד מענש זיך צו-ריהרען צוז זייער קינד? דאָס טעפּעלע פון דעם מילך האָט קיינער נים געדאַרפט נעהמען אין האַנד אַריין. אַ טייל האָבען געזאָגט, אַז פאַר אַ קינד איז גוט ציגענמילך, האָט מען באַלד געקויפט אַ לעבעדיגע ציג: אַפילו דאָס היטער, וואָס מ'האָט געקויכט צו באָדען דאָס קינד איז געווען אַ מין קודש; דער טעפּ האָט געמוזט זיין שפּאָגעל ניי. נאָר וואָס פונ'ם מאַרק, און געשטאַנען איז ער נאָכדעם אין אַ ווינקעלע. זי עפּעס פסח'יגעס...

שפּעטער, אַז דוואָסי האָט שוין געמוזט אַרויסגעהן צו איהר

שטעל, פלעגט זי אַלע האַלבע שעה קומען נאָכזעהן צום קינד; און טאָמער איז ניט געווען אַלץ אַזוי אַקוראַט, האָט זי געקאָנט דעם מאַן אויסדראַפּען דאָס פּנים. „אַזאַ פאָטער, גיט ניט אַכטונג אויף זיין קינד״; און ער, וואָס ער האָט פריהער ליעב געהאַט איהר צו שענקען, פלעגט איהר באַלד ענטפערען: „אַ מוטער איז דאָס, געדהט אַוועק צו דער שטעל און לאָזט דאָס קינד אַליין. איך בין דיר מוחל דיינע פערדיענסטען, אַבי זיי שטענדיג ביים קינד״. — און ער אַליין האָט אויך ניט געקאָנט עוסק זיין אין זיין מלאכה. אינמיטען לערנען מיט די יינגלעך, איז ער אילע ווילע געלאָפען צום וויגעלע... האָט דאָס קינד אָנגעהויבען צו שרייען, האָט ער גלייך געשיקט אַ תלמיד נאָך דוואָסי'ן אין מאַרק אַריין; און זי אין איין לויפעניש: אַ דונער האָט זי דערשלאָגען! פערגעסען איבערצוזייען די מילך, און האָט זיך גענומען שעלטען מיט טויטע קללות און זידלען, ווי דוואָסי קאָן זידלען... האָט דאָס קינד געשלאָפען, האָט קיינער ניט געטאָרט אויסרעדען אַ וואָרט, ווי אויסגעשטאָרבען איז אַלץ געווען אין שטוב, מ'איז געזעסען, און מ'האָט זיך ניט גערידהט פון דער שטעל. אָט דאָס קליינע נפשל, וואָס האָט קוים געוואויגען צעהן פונט, האָט געהאַט די ממשלה איבער זיין טאַטע און מאַמען, אויף איהר שטעל אין מאַרק און אויף זיין פּסוק. די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי געוואָרען אַנדערש, דער טאָג און די נאַכט, די שבתים און די יום־טובים. ניט דעמאָלט איז געווען שבת, ווען גאָט האָט בעפוילען, אַז מ'זאָל רוהען, נאָר דעמאָלט, אַז יואליק האָט געוואָלט אַטאָג זיין רוהיג און זיי האָבען ניט געהאַט דעם צער, טאָמער איז ער ניט געזונד, און זיי האָבען ניט געהאַט דעם צער, טאָמער איז ער ניט געזונד, טאָמער פעלט איהם עפּעס הלילה. האָט זיך אָבער יואליקל'ין פאַרגלוסט פרייטאָגצונאַכטס אָנהויבען צו שרייען, איז שוין געווען צערשטערט דער גאַנצער שבת... און מ'איז געזעסען אין איין פחד... דאָס וואָס אַלע קינדער האָבען ליעב צו שרייען, גלאַט אַזוי, וויל ס'פרעהט זיי צו שרייען און דאָס איז דער איינציגער דרך פאַר קליינע בעשעפעניש'ען, צו בעווייזען, אַז זיי זענען ניט געקומען אויף דער וועלט גלאַט ווי ליידיגעהערס... דערפון האָבען זיי ניט געוואוסט, און איטליכעס שרייען איז געווען ביי נתן נטע'ן און דוואָסי'ן אַ סימן פון קראַנקזיין: אַ הוסטעל איז גאַר געווען אַ סכנות; ווער שמועסט

אַז דאָס קינד האָט געקריגען אַביסעל היץ, גלייך איז געווען אויסגעוואַכסען דער רופא, און זיי האָבען פאַר איהם געוויינט און געקלאָגט, און ער האָט זיי געמוזט שווערען, אַז דאָס קינד וועט לעבען. נתן נטע האָט זיך דערנאָך גענומען צום „רופא הילדים”. דוואָסי איז אַרומגעלאָפען צו שכנ׳טעס און אַזוינע וואָס זענען געניט אין קינדער אויפציהען און האָט זיי געשלעפּט, זיי מוזען נאָכזעהן, וואָס איז אַזינד איהר יואל׳קיל, און האָט ביי זיי חוקר ודורש געווען נאָך אַלע סגולות און רפואות. און אַז ס׳איז געקומען אַ שכנ׳טע און איז צוגעגאַנגען צו דער וויעג און האָט געזאָגט דעם קינד איז גלאַט גאָרניט, הלואי אויף איהר קליינעם וואָרם געזאָגט, האָט דוואָסי ערשט מורא געהאַט, טאָמער גיט זי יואליק׳ן אַ גוט אויג. פאַר אַ גוט אויג האָט זי מורא געהאַט אימת מות. אפילו נתן נטע, וואָס האָט געהאַלטען, על פי השכלה, אַז אַ מענש טאָר ניט גלויבען אין אָבערגלויבען... האָט מורא געהאַט פאַר אַ גוט אויג... די יונגלעך אין חדר איז געווען דענסמאָל אָנגעזאָגט ניט חלילה צוגעהן צו דער וויעג. דער פאָטער אַליין האָט ניט געטאָרט אַ סך קוקען אויפ׳ן קינד; די מוטער האָט שטענדיג געבעטען רחמים, מ׳זאָל זיך ניט געבען אַ איבעריגען ריהר צום קינד. אַ כלל, קינד אַהער, קינד אַהין, ביידע מענשען האָבען להלוטין גאָרניט מעהר געלעבט און נאָר אין זין געהאַט דאָס קינד. געוואַשען דאָס קינד, געבאָדען דאָס קינד, געוואַשען די ווינדלעך, געטריקענט די ווינדלעך, געמאַכט נאָך אַ קישעלע און נאָך אַ קישעלע, גענייט העמדעליך. און האָט מען איהם אָנגעטהון דאָס העמדיל, זי אַזויערע יודענע, וואָס אין איהר הויז איז קיין טראָפּפען שמחה ניט געווען, און וואָס אפילו אויף איהר חתונה האָט זי זיך ניט געפרעהט, האָט זי געקאָנט אָנהויבען טאַנצען. און טאַקי מגיה וביה, אַז נתן נטע האָט גענעהמען דאָס קינד און איהר האָט זיך געדאַכט, ער גיט דעם אַ איבעריגען ציה צי אַ קוועטש, האָט זי געקאָנט אָנהויבען שרייען: „גזלן, רוצח, דו הרג׳עסט מיר דאָס קינד!” און ער טאַקי באַלד צוריק: „וואָס מוטשעסט דו דאָס קינד מיט דיין אָנטהון, דאָס קינד וועט זיך נאָך פאַרקיהל׳ען.” אַזוי איז ניט געווען קיין מינוט רוהע און שטענדיג האָט מען זיך געקריגט און געזאָגט, אַז מ׳איז ניט יוצא פאַר׳ן קינד. באַלד האָט מען זיך ביידע פעראייניגט, אַז מיט ביידע כחות זאָל מען קאָנען

אָבּהיטען דאָס קינד און אַכטונג געבען אויף דאָס קינד, און בּאַלד האָט איטליכער פון זיי אַליין געוואָלט האָבּען די השגחה אויפ'ן קינד און האָט דעם אַנדערען ניט געטרויט.

ווי האָט נתן נטע געקאָנט אין זין האָבּען לערנען מיט תלמידים, וואָס מ'דאַרף איהם פאַר זיי געצאָהלט? וואָס האָט הויפּיגע געקאָנט אין זין האָבּען די קראָם, צו גאָר טראַכטען, אַז מ'נעדאַרפט אידר אַוועק אַ קונה? אינמיטען זיצען אויפ'ן מאַרק האָט איהר געקאָנט אײַנפאַלען, טאָמער בּרעכט אײַן דער בּאַלקען אויף דער כטעלע איבּער דער וויעג און פאַלט און צוקוועטשט דאָס קינד. צי די שטריק, וואָס די וויעג הענגט אויף זיי, צערייסען זיך און די וויעג פאַלט אַראָבּ. צי אַ קאַץ שפּרינגט אַרויף און גיט אַ דראַפּ דאָס קינד, צי אַ הון פליהט אַרײַן דורכ'ן פענסטער און פּיקט אויס דעם קינד אַנ'אויג. די אייגענע מ'ניט האָט זי געקאָנט זײַן אין דערהיים און אָבּדרעהען דער הון דעם קאָפּ, צי געבּען דער קאַץ אַ בּאַך מיט'ן פוס, האָטש זי האָט געזעהן, אַז יואליק איז געזונד און ניט אָנגערירט. נתן נטע האָט אין בּית־מדרש אָנגעוואוירען דעם השק צו רעדען פון נײַעס, צו גלאַט אַזוי האָבּען מיט אימיצען אַ ופּוה וועגען אַ כלל אין דקדוק, צו פרעגען דעם טייטש פון אַ וואָרט אין ישעיהו... וואָס מ'רעדט צו איהם, ענטפערט ער ניט צו דער זאַך, וואָרום ער האָט נאָר אין זין זײַן בּן־יחיד...

אַזוי איז דאָס געווען אילע טאָג און אילע נעכט, בּיז גאָט האָט געהאָלפען, אַז דאָס קינד איז אויף דער אמת'ן אונפּעסליך געוואָרען, ווי אַלע קינדער אין די ערשטע הדשים, איז געוואָרען אַ געלויפעניש און אַ געריודער, אַז די שטוב איז געגאַנגען האָראָס. געלאָפען אין אַפּטעק! געלאָפען צום פעלדשער! גענעדהמען טהון באָבּקע רפואות! ווער רעדט פון עסען און טרינקען צו פון אָבּרוהען. ער און זי זענען געזעסען די גאַנצע נעכט איבּער דער וויעג אַריבּערגעבּייגט צום קינד און האָבּען עס שיער נישט זאַדושעט מיט זייער'ר עך. אַז דער פעלדשער האָט פון זיי איבּגעהאַלטען, איז ער געוועען פון אייזען. זיי האָבּען איהם ממש ניט געלאָזט לעבּען און געוואָלט ער זאָל בּיי זיי טאָגען און נעכטיגען. ווי האָט ער אַ האַר'ן צו געהן צו אַנדערע, אַז זייער קינד איז קראַנק. פאַרוואָס האָט

ער אויף זיי קיין רחמנות ניט?

ס'איז געווען אזוי, ווי אויב אויף איין וואגשאל ליגט דאס קליינע יואליקל מיט שפּיציגען קעפּיל, און אויף דער אנדערער וואגשאל איז די גאנצע וועלט מיט די מענשען און די ימים ומדבריות, און נתן נטע און דוואסי שטעהען און מוזען ציהען מיט אלע כחות די שאל פון יואליקיל, כדי יענע שאל זאל זי ניט ארויפציהען. —

די שטעל האט דוואסין ניט געטראגען א פערטיל פון דעם, וואס זי האט געטראגען פריהער. ביי איהם, ביי נתן נטע'ן האט איין יונגעל גאר אויפגעהערט צו קומען צו איהם לערנען און האט זיך ניט געשעמט צו זאגען דעם פאטער, אז ער צאהלט אומזיסט שכר־למוד.... די אנדערע יונגלעך, וואס זענען נאך געבליבען איז דאס געהן אויך געווען נמאס ומאוס, און אז זיי פלעגען בלייבען אליין אין חדר האבען זיי געקאנט נאכמאכען דעם לעהרער און די לעהרערקע, חי זיי צאפּלען פאר דאס קינד. יונגלעך שקצים! וואס הייסען זיי פון א הארץ פון א פאטער און א מוטער!

און וואס דאס קינד ווערט עלטער א חודש, ווערט עס ניט גרינ־גער נאר אלץ שווערער. זיי האבען נאך מעהר געהאנגען אן איהם און געציטערט איבער איהם. ס'איז שוין גאר קיין לעבען אין זיי ניט געווען, נאר דאס קליינע פּיערל יואליק האט אין זיי געקוילט... איז פריהער געווען דער פעלדשער, האט זיך אצונד אנגעהויבען ביי איטליכער קלייניגקייט מיט'ן רופא. ס'איז געווען אזוי, אז זיי בידע האבען זיי געהאלטען פאר פראסטע משוגעים און האבען שוין גארניט געוואלט געהן, אז מ'האט זיי גערופען; און דערפאר אליין האבען זיי געטראכט, אז יענע האבען דאס קינד אויפגעגעבען, און זיך געריסען דאס האר און געטהון מעשים. — איינמאל איז דוואסי אויפ־געשטאנען אין דער פריה מיט א געוויין, ס'האט זיך איהר געחלומ'ט אז דעם קינד איז געטראפען אנ'אומגליק, און ווי נתן נטע האט ניט געהאלטען פון חלומות, איז ער געלאפען נאך צו דריי יודען, זיי זאלען איהם פותר חלום זיין.... דער געדאנק, אפשר קומט אין זיין ישטוב ווידער א שלאפקייט האט זיי געקאנט שיער משוגע מאכען. די גאנצע גאס האט שוין געציטערט פאר דאס קינד. אפילו אזוינע, וואס האבען ביי זיך אויך געזעהען קינדער געבוירען ושרען

און שטאַרבען, ווי דער שטײגער איז בײַ יודען, וואָס האָבען אַ סך קינדער, און וואָס ווײסען נאָר, אַז מ׳מוז אויסגיסען דאָס וואַכער, אַז ס׳שטאַרבט אַ קינד, האָבען געוואוסט, אַז ווען הלילה ס׳זאָל שטאַרבען דאָס קינד פון נתן נטע און דוואָסין, מוז זײַן דאָס מסוכנ׳ער אומגליק.

און דאָ טרעפט זיך טאַקי, אַז ס׳געהען אַרום מאָזלען אין שטעטעל, און יואליק ווערט אויף דער אמת׳ן קראַנק. מילא, וואָס זאָל איך אײַך אָפּמאָלען, וואָס דוואָסי און נתן נטע האָבען דערמאָלט אָנגעגעבען. בעדאַרף איך אײַך צו זאָגען, אַז זײ האָבען בײדע אויסגעזעהן, ווי ווען מ׳ציעהט זײ אַרויס פון דער ערד. זײ האָבען שוין גאָרניט געהאַט קײן כח צו שרײַען און צו יאָמערן, ס׳איז געווען אַ שרעק אויף זײ אַ קוק צו טהון. זײ זענען פשוט געקראָכען אויף די ווענד, כדי צו ראַטעווען דאָס קינד. יודען בני רחמנים איך ווײס מ׳זענען געווען אַזעלכע מוטער, וואָס האָטש זײ קעהרען זיך גאָרניט אָן מיט נתן נטע׳ן און מיט דוואָסין און האָבען אַלײן אויך אַ מוטער־האַרץ, וואָלטען געקאָנט מפקיד זײַן דאָס לעבען פון זײערע אײגענע קראַנקע קינדער, אַבי יואליקיל, דאָס קלײנע באַשעפעניש, וואָס מ׳לענט שוין נײַן חדשים זײַנעטוועגען אין די וועלט, זאָל בלײַבען לעבען.

אָבער, וואו רחמים בדין! דער אויבערשטער האָט ניט ליעב אַז די מענשען ווילען זײַן קליגער פאַר איהם. און דערפאַר אַלײן טאַקי וואָס מ׳האָט אַזוי געפילדערט און גע׳רעש׳ט וועגען יואליק׳ן און געהאַלטען צוגעשלאָסען זײַן לעבען מיט טויזענד שלעסער, האָט ער געוויזען, אַז ס׳העלפט גאָרניט, אַז ער וויל ניט....

דעם טויט פון יואליק׳ן און זײַן קבורה, ווי די מוטער האָט זיך ווי אַ לעהזין געוואָרפען איבער דאָס טויטע קינד און עס ניט געלאָזט פונ׳ם קברות יוד אַוועקטראָגען. די בכיות און די יללות, דאָס רײַסען די האָר אויפ׳ן קאָפּ און דאָס בײַסען אין די פינגער, אַז ס׳זאָל שפריצען דאָס בלוט, טאַקי ווי בײַ די עובדי־כוכבים פון אַמאָל און גאָרניט, ווי בײַ יודען, וואָס גאָט האָט זײ געגעבען די אמונה און דעם כח צו דערטראָגען דעם צער, דאָס אַלץ אָפּצומאָלען, פאַרמאָג ניט אַ פּען פון אַ ילוד־אשה.

און מיינט איהר, אז דא לאזט זיך שוין אויס די מעשה? ניין, זי הויבט זיך ערשט רעכט אן. נתן נטע און הודעס זענען ניט פון די דאזיגע, וואס האלטען אויף זיך מקבל זיין דעם גזר־דין באהבה און פארגעסען אן יואליקין. ווי קאן מען פערגעסען פונ'ם איינציגען קינד, וואס מ'האט עס געהאט ביי זיך כסדר ניין חדשים? דאס קינד וואלט נאך אצינד געקאנט לעבען און זיי וואלטען איהם מגדל געווען... פארוואס מוז גראד זייער קינד שטארבען? א סך קינדער זענען דאך קראנק געווארען אויף מאזלען און זענען געזונד געווארען, נאר יואליק, זייער יואליק, האט געמוזט שטארבען. פארוואס האבען זיי ניט אראבגעבראכט א דאקטאר פון ליניען; פארוואס האבען זיי זיך ניט אויסגעטהון ביז אויפ'ן העמד, כדי צו ראטעווען דאס קינד? — נתן נטע האט נאר בעדארפט אויפשלאגען תהלים און קומען אויפ'ן פסוק „על מות לבן", און זיך צווויינען, ווי א קליין קינד. אילע טאג פלעגט ער זאגען קדיש אויפ'ן זון גארניט, ווי דער שטייגער איז; איהם איז געווען דער „יתגדל ויתקדש שמיה רבה" נאר א מזכרת עון, ווי ער דערמאנט זיך אן א זינד... ס'איז שוין געווען נאך שבעה און נאך שלשים, ס'שוין באלד געווען אוועקגעגאנגען דאס ערשטע יאהר נאך יואליק'ס טויט, און דער שאטען פון יואליק איז נאך אלין געווען אין שטוב און דער צער איז געווען אזוי גרויס, ווי ווען ער וואלט ערשט נעכטען געווען געשטארבען. פארקעהרט אז יואליק וואלט אצונד נאך געלעבט, וואלט ער אלט געווען באלד צוויי יאהר און האלט שוין געגאנגען און אפשר גערעדט. זיי זעהען איהם אקארשט, ווי ער געהט, און ער רייסט די מוטער ביים פאר־טוך.

דאס יאהר האט זיך נתן נטע געעלטערט מיט צעהן יאהר, און האט גאר באקומען גרויע האר אין דער שווארצער בארד. און זי, הודעס וואס האט תמיד אויסגעזעהן אלט, איז שוין גארניט געווען צו דערקענען, די אויגען זענען איהר ארײן אין קאפ ארײן, דאס מויל האט זיך פארצויגען.... א ציטלאנג האבען זיי גאר געשוויגען און האבען מורא געהאט אויסצורעדען דעם נאמען יואליק. דערנאך האבען זיי זיך ווידער אנגעהויבען צו דערמאהנען פון אנהויב אן, פונ'ם ערשטען טאג, ווי יואליק איז געבארען געווארען און אלין,

וואָס זיי האָבען זיך קעגען איהם פאַרזינדיגט: פאַרוואָס איז די חיה תמיד געשטאַנען אים פעדערשטען חדר און ניט אים הינטערשטען, וואָס דאָרט איז וואַרעמער, ווייל סליעגט נעבען דער קאך? צו ווילען האָט איינער דעם אַנדערען בעשולדיגט אין יואליק'ס טויט, און איטליכער האָט זיך געהאַט דערצו זיינע ראיות און איז געווען זיכער, אַז ער איז גערעכט.

איטליכס ווינדעלע און קישעלע און העמדעלע פון יואליק'ן האָט מען בעהאַלטען אין קאַסטען און דאָס אָפּגעהיט, ווי אַ ספר־תורה, וואָס מ'ליינענט ניט מעהר אין איהר. איטליכע זאַך, וואָס מ'האָט נאָר געהאַלטען אין די הענד און וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יואליק'ן, האָט מען בעוויינט און בעיאָמערט.

איז פאַרביי־געגאַנגען אַ יונגעל פון דריי יאָהר —, און ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער אויך אַלט געווען דריי יאָהר — האָט מען זיך פלוצים דערמאָהנט און צעוויינט... פסח ביים סדר האָט מען זיין אַ ודאי צעוויינט, אַז יאוליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער דאָך געזעסען מיט זיי ביים טיש און וואָלט אפשר שוין געפרעגט די קשיות.... האָט אַ שכנ'טע, וואָס האָט ניט אַזאַ פיינעם רגש דערצעהלט דוואָסי'ן, אַז איהר יונגעלע הויבט אָן די וואָך חומש, איז זי בלאָה און געל געוואָרען פאַר עגמת נפש און האָט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט אַרויסלאָזען אַ געוויין.

נתן נטע'ן איז געוואָרען דער תנ"ך, וואָס איז איהם פריהער געווען דאָס ריינע דערקוויקעניש, אַצינד אַ גהינם, וואָרום ער האָט זיך אַלין פאָרגעשטעלט, אַז יואליק וואָלט אַצונד געלעבט, וואָלט ער דאָך מיט איהם אַליין געקאָנט אָנהויבען פסוק, און אַצונד איז איהם דער נחת־רוח גענעהמען געוואָרען אויף אייביג.

ס'איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען צעהן יאָהר נאָך יואליק'ס טויט, דאָס עלפטע און דאָס צוועלפטע געהט שוין צו'ם סוף, און דאָס טרויערן נאָך יואליק'ן האָט ניט אויפגעהערט. מאָלט אייך אויס, ווען יואליק וואָלט אַצונד געלעבט, וואָלט ער שוין געגאַנגען אויפ'ן דרייצעהנטען יאָהר און וואָלט געוואָרען בר־מצוה.... דאָס איז שוין ביי לייט אַ יונג, וואָס מ'האָט פון איהם נחת, און דאָס האָבען זיי געמוזט פערלירען, ניט יענעם יואליק פון גיין הרש"ם, ניין אַ יונג

נאָך פֿון באַלד דרײַצעהן יאָהר.

און װאָס ס'געהט אַװעק נאָך אַ יאָהר, װערט יואליק אַלץ עלטער אין זײַער דמיון. ער איז שוין פֿערצען און פֿופֿצעהן און זעכצעהן יאָהר אַלט. װען ערװאַלט אַצונד געלעבט, װאָלט ער שוין געקאָנט פּיעל תנ"ך און דקדוק און װאָלט געװען דער רײַנגער מושלם, װי נאָר אַ זוהן פֿון אַזאַ פֿאָטער קאָן זײַן. —אַפּילו אויף די תלמידים קאָן מען ניט קוקען מיט אַ רוהיג האַרץ, װאָרום איטליכער דערמאָהנט דעם אײגענעם זוהן. יאָ, אַפּילו אַז ס'איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ מײדעל אין די יאָהרען, װאָס האָט זײ געפֿעלען, האָבען זײ גלײַך געגעבען אַ טראַכט, אַז יואליק װאָלט אַצונד געלעבט, װאָלט ער געקאָנט האָבען אַזױנע פֿאַר אַ כלה...

די גאַנצע צײַט, זײַט יואליק איז געשטאָרבען, האָבען זײ ניט געקאָנט געהן אויף שמחות, תהלת ניט, װען אַ יונגעל האָט אָנגעהױבען לערנען חומש, דערנאָך ניט צו אַ בר־מצוה, דערנאָך ניט צו אַ קנס־מאָל און דערנאָך ניט צו אַ חתונה.

דװאָסי און נתן נטע זענען שוין איבער המשים, יואליק איז אָבער אין זײַער דמיון שוין איבער צװאַנציג. און איצט װאָלט ער שוין אַ דאי געהאַט אַ װײַב און װאָלט געזעסען מיט איהר בײַ זײ אויף קעסט און גאָט װאָלט זײ געהאָלפֿען מיט אַ אײניקעל... אַחוץ דעם װאָס דער זון איז געשטאָרבען האָבען זײ נאָך אָנגעװאָירען די שנור און דאָס אײניקעל, און ניט אײן דור האָבען זײ בעגראָבען, נאָר צװײ דורות...

דרײַסיג יאָהר האָבען זײ זיך אַזױ אַרומגעשלעפּט מיט דעם צער פֿון יואליק'ס טױט. אַנדערע װאָלטען זיך שוין געװען גענעהמען דאָס לעבען צי װאָלטען אַראָב פֿונ'ם זין, זײ האָבען אָבער געטראָגען די צרות. ערשט אַז זײ זענען אַלט געװאָרען זעכציג יאָהר איז געגאַנגען אין שטעדטעל אַ קרענק, איז נתן נטע געשטאָרבען און דװאָסי אײן װאָך שפּעטער, און אין דער װאָך האָט זי געהאַט צו באַװײנען צװײ טױטע...

# פסול געווארען

(א מעשה פון א שדכן)

# פסול עווארע

## (אַ מעשה פון אַ שוחט)

יהונתן דראַזשנער, דער אַלטער דראַזשנער שוחט, איז געווען אַ שם־דבר און האָט געהאַט אַ נאָמען ניט נאָר אין דראַזשנע אַליין. יאָ, ס'איז דאָ אַ שוחט און אַ שוחט, ס'זענען פאַראַן חלוקים. תנחום יאָקעלס איז אויך אַ שוחט, און יודעל בער איז אויך אַ שוחט. אָבער ווי קומען זיי צו יהונתן, און וואָס ווינטשען זיי געגען איהם און געגען זיין קענען? דאָס איז נישט גלאַט אַזוינער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט ביים אייגענעם שווער אַביסעל שחיטה מיט אַ פאָר דינים און ווייס נישט מעהר, ווי אַביסעל, הלכות טרפות; דאָס איז געווען אַ יוד למדן, אַ אמת'ער למדן און אַ בקי אין ש"ס און פוסקים, און טאַקי אַ שטיק מושלם אין לשון־קודש.

אין די ערשטע יאָהרען האָבען זיך די חסידים אַביסעל געקווענקעלט, ווארום צו גוט איז ביי זיי אַ חסרון... אָבער וואָס איז שייך? יהונתן איז פאָרט געווען דער גרויסער למדן און אַ ירא־שמים און דער עיקר אין זיין אומנות אַ בריה נפלאה; די שווערסטע „ורכה" פלעגט ער אַראָבנעהמען, ווי אַ האָר; און קיינמאָל האָט זיך איהם נישט געטראָפען, ער זאָל טרפה מאַכען אַנ'אָקס צו חס־ושלום ניט דערקוילען אַ דקה צו אַ גסה: די קצבים פון דראַזשנע וואָלטען זיך מאַר איהם געקאָנט אָבשניידען די פינגער, ער האָט אָבער פון זיי נישט מקבל טובה געווען, קיינער האָט פון איהם נישט געקאָנט דערצעהלען, אַז ער האָט אַמאָל גענומען פון זיי אַ פונט פלייש אומזיסט, צו אַ פוס אויף שבת, ווי דער שטייגער איז ביי אַנדערע שוחטים. האָט מען איהם גערופען קוילען, האָט ער נישט געמאַכט קיין שהיות, ביי איהם איז ניט געווען פערשלאָפען זיין צייט, צו לאָזען עמיצען וואַרטען, צו גאָר לאָזען שטעהן אַנ'אָרימע יודענע

מיט דער הון און פריהער קוילען אנ'נגידישע גאנז, וואס די דינסט האט זי געבראכט צו טראגען; ארעם און רייך איז ביי איהם געווען גלייך, קיינמאל האט ער זיך נישט געקריגט מיט די אנדערע שוחטים, צי גערעדט אויף זיי לשון הרע, צי גאר געהאט א סכסוך מיט'ן רב מכח „מי שברך־געלד". פערקעהרט ער האט געלאזט זיינס איבערגעהן, און אז ס'איז געקומען א מענשען א טובה צו טהון, איז ער תמיד געווען אין דערהיים. אנ'„איינקעל" צי אנ'ארעמאן, אנ'אדם השוב, אז ער איז געקומען קיין דראזשנע, ביי וועמען האט ער געפונען סטאנציע? ביי יהונתן, און דוקא בכבוד, מיט א גלאז טהיי, מיט א וועטשערע און א חיים ליילעך צו שלאפען. — יהונתן אליין פלעגט צוטראגען דעם אורח נעגעל־וואסער, ער האט פאר דעם מבקש געמאכט א צעטעל פון די נגידי־עיר, צי ער איז טאקי פון זיינטוועגען אליין געגאנגען. — פאר פסח איז ער געקראכען מיט'ן רב פון שטאדט אין די גרעסטע בלאטעס און האט געהאלפען רייסען „מעות חיטין" פון טוידט און פון לעבעדיג. אבער א גוטער איז יהונתן געווען נאר וואו מען בעדארף צו זיין א גוטער. אז איינער האט אבער אויסגעדונגען אנ'אנדערען די חזקה צי גלאט אזוי געטהון זיין חבר שלעכטס, האט יהונתן געצויגען גאר אנ'אנדער סטרונע און האט געמאכט אזא רעש אין בית־מדרש, ביז יענער האט געמוזט געהן און זיך אויסגלייכען מיט זיין בעל־דין.

אויף שמחות איז יהונתן דער שוחט געגאנגען צו איטליכען, וואס האט איהם נאר גערופען, אפילו צו א שניידער און צו א שוסטער, צו'ם נידריגסטען. „ביי גאט זענען אלע יודען גלייך", פלעגט ער זאגען, און א קאפיטשקעלע האט ער אויך געקאנט נעהמען און אמאל אפילו א איבעריגס, אבי אנ'ארעמאן משמח צו זיין; און דאס האט די חסידים, וואס זענען בכלל נישט געווען אזוי שטארק צופריעדען מיט איהם, פארוואס ער איז א מושלם און א „ידען", הידער שטארק געהארט אין הארצען. „כלי־קודש מוזען זיין כלי־קודש און טארען זיך נישט אראבלאזען צום פראסטען עולם", פלעגען זיי זאגען. דאס זענען געווען די פארוואניער חסידים, וואס האבען זיך דער'ין זייער דרך...

יהונתן איז אויך נישט געווען א יוב א תניאק און האט ליעב

געהאט ארומצוגעהן ריין; זיין קאפאטע איז קיינמאל נישט געוועזן פערדריפעט, ווי דער מנהג איז פון א פרומען יודען. תמיד האט ער געטראגען א ריינעם קאלנער און געפוצטע שיך, און דאס איז געווען ביי די חסידים, וואס האבען אליין אויף איהם חסרונות געזוכט, חסרון נומער דריי. א יוד א בן־תורה, פלעגען זיי זאגען, דארף נישט זיין האבען חיצוניות. ווי זאגט די גמרא: כך דרכו של יצר־הרע!

אבער יהונתן'ס שם איז אליין געוואקסען; און אז דער טאלנער איז אמאל געקומען קיין דעראזשנע, און ס'איז געוועזן יהונתן'ס וואך צו שעכטען, האט ער זיך נישט געלאזט פריהער ווייזען דעם חלף, ווי דער שטייגער איז. דאס האט די חסידים שטארק פערדראסען, א בשר ודם בעדארף מען נישט צו איבערהויבען, פון דעם קומט קיין קיין גוטס נישט ארויס, האבען זיי געזאגט.

אזוי האט זיך יהונתן אבגעלעבט אין דראזשנע א סך יאהרען. ער האט שוין געהאט אויסגעגעבען אלע זיינע קינדער, און גאט האט איהם געהאלפען, אז ער האט מיט אלעמען געטראפען. איין איידעם זיינער איז געוועזן א חונ'ס א זוהן, דער צווייטער איידעם זיינער איז געוועזן א שוחט'ס א זוהן, א דריטער איידעם איז א כתבא רבה און שרייבט קוויטלעך ביי'ם זינקאווער רבי'ן. זיין איינציגער זוהן איז געוועזן א געראטענער און א פיינער יונגער מאן און האט זיך געשניטען אויפ'ן פאטער און געוועזן איז ער אנ'איידעם ביי'ם סידילקאווער רב, און דארט איז ער געזעסען אויף קעסט און האט געשמאק געלערנט. — דאס ווייבעל זיינס איז געוועזן א שענע און א וואוילע, און מ'האט זיך מיט איהר להלוטין נישט אבגענארט. אט אין דעם פאר־פאלק האבען זיך ביידע, יהונתן און ביילע זיין ווייב, געקוויקעט, אלע מאל האבען זיי געשיקט מתנות, און די שוחט'קע פלעגט אלע מאל אריבערפאהרען אהין, ווארום זי האט שטארק געבענקט נאך די קינדער...

דאכט זיך דאך גוט און פיין, אז מען שטעהט שוין אזוי ווייט מיט'ן מושל'נעק. ס'איז שוין עובר רוב שנותיו, אזוי האט יהונתן אבגעלעבט פופציג יאהר, אהן זארגען און אהן עגמת־נפש, און איז געשטאנען גוט מיט'ן אויבערשטען און מיט דער תורה. דאכט זיך, וואס פעהלט נאך? וואס זשע קאן טהון דער שטן, אפילו אז

ער וואל זיך איינשפארען קאלי צו מאכען?

אבער הוי זאגען די חכמים: אל תאמין בעצמך עד יום מותך ואל תתיאש מן הפורעניות, דאס הייסט: אז גאט האט דיר געהאלפען און דו ביזט שוין אין אלעמען בעווארענט, גלויב נישט פון דעסטוועגען, אז דו האסט שוין דאס מזל אנגעהאפט ביי די פיס. איין ווינטעלע גיט א בלאז און נעהמט דיר אוועק אלץ... און טאמער מיינסט דו, אז דערפאר וואס דו ביסט גוט געקאוועט, אין יודישקייט און ס'איז דיר קיינמאל אפילו אין חלום נישט אויפגעגאנגען אויף דער דעה צוטהון אן עבירה, ביזט דו שוין זיכער פאר'ן יצר־הרע, זאגט מען דיר, אז אפילו א שעה פאר'ן טוידט, קאן זיך יאוועןן דער בתור....

---

ס'איז געקומען א יום־טוב, און יהונתנ'ן איז געווען גוט אויפ'ן הארצען. ער האט געשיקט א פוהר קיין סידילקעווו און מ'האט גענומען די קינדער אהער קיין דראזשנע. ס'איז געווען א לעקיך און בראנפען אויפ'ן ברייטען אופן, ווי נאר ביי יהונתנ'ן קאן זיין, פוןביידע בתי מדרשים האט מען זיך אלאז געטהון צו יהונתנ'ן אויף קדוש. איטליכער גאסט האט איבערגעחזר'ט דאס גלעזיל און גוט פערביסען. און א גוט פארבייסען האט דוקא נישט געפעהלט, שטרודעל און מיט אלע גוטע זאכען, וואס מען לעגט צו זיי להלוטין נישט צו. דערנאך האט מען אנגעהויבען צו שיקען פון שטאדט כל מיני איינגעמאכצען און משקאות לכבוד די געסט. און די יונגלעך און די מיידלעך, וואס האבען געטראגען די טעצלעך מיט די פלאשען, האבען געהאט שכר הליכה: ביילע האט זיי אנגעשטאפט די קעשענעס מיט ניס און מיט צוקערקעס און האט געהייסען זאגען די פאטערס, אז מ'בעט זיי נאך אמאל אריבערצוקומען. יהונתן איז ארומגעגאנגען מיט דער אבגעקנעפטער קאפאטע און איז געווען שטארק בניחה דעתיה... מ'האט זיך געזעצט צום טיש; ס'איז געווען א עסען כיד המלך: געפרעגעלטע פיש, וואס זענען געשוואמען אין בוימעל, די יוך האט געפלימערט אין שיסעל, ווי בארשטין, אז ס'איז געווען א שאד אריינצולאזען דעם לעפעל. דערצו האט מען

געטרונקען וויין, רויטען, פייעריגען וויין. ביים פלייש הויבען זיך שוין אן צונויפקומען די איינגענע בעלי־בתים, וואס האבען פריהער געשיקט משקאות, און שטעלען נאך משקה. איטליכער האט זיך זיין וויינשענקער, און זיין „סימן" און איטליכער וויל וויזען זיין מבינות אויף וויין. ס'איז געווארען א שמועס מכח וויין און מכח יודען און מכח די עליות; און בתוך כך הויבט מען אן צו גיסען אין האלדז אריין; און טאקי באמת, מ'ווייס גאר קיין חילוק נישט פון גוטען ביז פראסטען וויין, מ'טרינקט לחיים אויף אלע לשונות, ס'פאלט אריין א ניגון, ס'גיט א פלעסק! די נשים האבען זיך שוין לאנג אויפגעהויבען פון טיש, ווארום די מענשען שיטען זיך און אלע מאל קומען אן נייע נגידים און ברייטע בעלי־בתים שטופען זיך אריין אויבען אן און חסידים פון זיין צד שלעפען בענקלעך און זיצען איינער אויפ'ן אנדערען. ביילע די שוחט'קע האט געמאכט די גוטע פראקעס, וואס מ'האט זיי געקאכט אין וויין, און דער עולם איז שיער משוגע געווארען פאר תענוג... אוועקגעווישט זענען אלע אנדערע מחשבות, איטליכער איז נאר אריינגעטהון אין עצם הענין אריין. דער וויין האט זיך געגאסען און די פרייד איז געווען א אמת'ע פרייד. איהר קענט נישט דעם יודען, אז מ'נעהמט איהם אראב דאס פעקיל זארגען, איהר ווייסט נישט, וואס דאס הייסט, אז מ'לאזט איהם פריי פון עול־הפרנסה... דער חזן זינגט אויף די אויבערשטע כלים, דער עולם זינגט איין ניגון נאכ'ן אנדערן. מ'האפט די פלאשען, וואס קומען נאך אלץ „מיט די געסט" און מ'גיסט זי אריין אלע אין איין פאס, איטליכער שטעקט אריין זיין גלאז און טרינקט. קרעמערס, וואס האבען זיך ערשט פאר א פאר טעג געשלאגען פאר א קונה, זענען אויף איינמאל געווארען גוטע פריינד, איידעלע בעלי־בתים האבען זיך אויסגעמישט מיט עמי־ארצים. מ'האפט שוין א רקודל, מ'הויבט אן צו טאנצען. עפעס א קליינינקייט יהונתן, דייער יהונתן האט געשיקט צו זיך רופען, מוז מען דאך וויזען וואס מ'קען. א יוד האט זיך ארויפגעחאפט אויפ'ן טיש און טאנצט, אנ'אנדער יוד טאנצט א וואלעך אין א יארמולקע. דער עולם איז שטארק באלעקט און פלעסקעט איהם צו. די נשים, וואס האבען זיך ביז אצונד געהאלטען פון ווייטען, קומען אלץ נעהנטער און נעהנטער.

דאָס שעמע יונגע ווייַבעל איז אויסגעפּוצט און איהר פּנים לייַכט פאַר פרייד. איציקעל אַליין זיצט אויבען אָן, געבען דעם פאָטער. אַ שטילער בלייַכער יונגערמאַנטשיק נאָך אָן אַ התימת־זקן... אַוודאי האָט מען איהם אָבגעקוועטשט די פּלייצעס. קינד און קעט שטעהען אויף די פריזבעס און קוקען אַרייַן אין די פענסטער. ברוך אלהינו שהבדילנו מן התועים! דוגערט עס פון אַלע העלזער, דעם ווייַן זופּט מען שוין מיט די הענד. דאָס יאָהר איז געווען אַ שנת שובע, און יודען האָבען אַליין פערדיענט אַ קערבעל. יהונתן איז גאָר לעילא ולעילא, ס'קומט פאַר, אַז ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געפרעהט, ווי הייַנט. ווי הייסט, דאָס יונגסטע קינד, דער איינציגער זוהן און אַזאַ נחת, און גאָט איז גרויס, און יודען זענען יודען... די שנור שטעהט גאַנץ נאָהענט און האַלט דאָס ווייַסע פאַטשיילעכען אין האַנד, די פערל אויפ'ן האַלז בלישטשען, אַניאמת'ע יפת תואר ויפת מראה! יהונתן האָט פערגעסען וואו ער איז אין דער וועלט; ער נעהמט זי אָן בייַ דער האַנד און הייבט זי אָן צו קושען, — דער עולם איז געבליבען שטעהן פאַר שרעק! פון די פענסטער איז מען זיך צולאָפען. אַלע נגונים זענען דערוואָרגען אין האַלז, קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אויסצורעדען אַ וואָרט; איטליכער איז געווען ווי פערגליווערט! ערשט, אַז ס'זענען אַוועקגעגאַנגען די ערשטע פאָר מינוט, האָט איינער אָנגעהויבען צו קוקען אויפ'ן אַנדערן און ווידער געוואָלט פאַרגראָבען דאָס פּנים פאַר שאַנד. — — —

און אין שטאָדט האָט זיך באַלד צוטראָגען די ידיעה, ווי אַ שטורם־ווינד, און האָט אַוועקגעבלאָזען דעם יום־טוב פון האַרצען. אומעטום האָט מען געזעהן אַרומלויפען מענשען מיט בלייכע פּנים'ער. רעדלעך האָבען זיך געזאַמעלט, מ'האָט גערעדט און געשריען, אַ טייל האָבען געבראָכען די הענד; אַ קלאָג צו זיי, דרייסיג יאָהר האָט מען געגעסען פון זייַן שחיטה! די סאַוראַניער חסידים האָבען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוואַרפען דורכ'ן פענסטער די טעפּ...

וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָבגעטהון אין דראַזשנע, איז גאָר נישט אויסצומאָלען. ס'איז געווען ווי ווען מ'וואָלט געגומען אַ באַרג מיט חרפּה און איטליכען דראַזשנער יודען געוואָרפען אין פּנים אַרייַן.

* *
*

און מוצאי יום־טוב, נאָך דעם אומעטיגען מעריב, וואָס לענט זיך אויפ'ן הארצען פיעל יודען, ווי א שטיין, אז מ'האָט אָבגעמאַכט הבדלה, האָט זיך יהונתן פאַר'גנב'ט, גענומען אַפּאָר העמדער, זיי אַרײַנגעלעגט אין טלית־זאַק אָנגעטהון דעם לאַנגען וואָכעדיגען בורנוס, גענומען דעם שטעקען אין האַנד אַרײַן און איז אַוועק פון דראַזשנע.—

צוויי יאָהר זענען געווען אַוועקגעגאַנגען, מ'האָט נישט גע־וואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. ס'איז אַרוים אַקול, אַז ער איז ערגעץ בײַ די קאַראימען, אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ער טהוט תשובה און ריכט אָב גלות...

דער בעל־טקסה האָט געצאָהלט ביילען די ערשטע צײַט אַ פערטעל שכירות און דערנאָך אוים יום טוב! ביילע האָט געמוזט פערקויפען די שטוב, כדי זיך צו דערהאַלטען. אַתל איז פון אַלע־סען געוואָרען.

יהונתן איז קיינמאָל נישט געזעהן מיט זיין ווײַב און קינדער. אָבגע־האָט זיך קיינמאָל נישט געזעהן מיט זיין ווײַב און קינדער. אָבגע־וואַלגערט האָט ער זיך אין דער וועלט און בײַ רבי'ים אַרום דרײַצן יאָהר, און דערנאָך איז ער געשטאָרבען. —

# פון דער סלוושבע

(א אמת'ע מעשה)

# פון דער כלוזשבע

## (אַ אמת'ע מעשה).

---

מאיר שמעונ'ס, — אַזוי האָט מען איהם גערופען, אויף דער אמת'ן וואָלט ער געמעגט הייסען גלאַט מאיר, נישט פערצויגען, און דאָס וואָלט אַ סך בעסער געפּאַסט צו זיין פּנים. מאיר'ל איז להלוטין נישט געווען אַ אויסגעצעוועָרט יונגערמאַנטשיק מיט אַ שמאָל גופ'ל און זעכס מאָל איינגעבויגען, ווי דער שטייגער פלעגט צו זיין פון אַ יודיש יונגעל, פאַרקעהרט, ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען גוף און אַ פּאָר פּלייצעס מיט פיס און הענד, וואָס האָבען בעסער גע־פּאַסט פאַר אַ מילנער, ווי פאַר אַ לערנער. מילא, אַ פּראָסטאַקס אַ זוהן קאָן אַזוי זיין, אָבער ווי קומט עס פאַר אַ בעל־בתי'ש קינד אַזוי אויסצוזעהן? זיין פאָטער און מוטער האָט דאָס גענוג געקרענקט, ווי זאָגט מען, עפּעס אַ שטראָף פון גאָט, דאַרפען זיי צו האָבען אַזאַ זוהן, וואָס מוז זיין געזונד פאַר צוויי גוים. ווי אַזוינס האָט זיך גע־קאָנט צו זיי נעהמען? ס'איז גאָך געווען אַ נס, אַז מאיר'ל האָט געקאָנט אַ ביסעל לערנען און האָטש אינוועניג געווען עפּעס לייט.... די מוטער האָט [illegible] איהם [illegible] פון דאָס פולע עסען... דאָס וואָלט אָבער ביי מאיר'ן גאָר קיין פּעולה נישט גע־האַט. אַזאַ מין גוף לעגט מען נישט אָב פון זיך, ווי מען לעגט אָב אַ פּאָר שטיוועל. אויף צו להכעיס האָט מאיר'ל דאָס פאַסטען גאָרנישט ליעב געהאַט, און האָט פאַרקעהרט שטאַרק געהאַלטען פון מצות אכילה, — דער עיקר איז ביי אַ מענשען דאָס מזל. האָסט דו מזל, האָסט דו אַ זוהן אַ דיניקעס מיט אַ חסידיש פּנימ'ל, וואָס פּאַסט גאַנץ גוט פאַר אַ אידעמ'ל; האָסט דו אָבער נישט קיין מזל, איז ער גראָב און שטאַרק און זיינע כחות וואַקסען, ווי קראָפּיווע, האָטשי גנעה עך דיך. און אויף דער אמת'ן: הידים הללו ידי עשו

למה? צו וואָס האָט גאָט געגעבען עשו'ן די שטאַרקע הענד און יעקב'ן דאָס קול, דאָס מיינט מען די וויכטיגקייט פון דער תורה, ווען נישט, אַז ס'זאָל זיין צווישען זיי אַ חלוק?

וואָס זאָל מען טהון? זאָל מען געהן נעהמען מאיר'ן און איהם צעזעגען אויף צווייען? און דאָ האָט מען שוין איהם אָנגעהויבען פון אַלע זייטען רעדען שדוכים. אַ יונגעל פון אַ לייטישער שטוב, וואָס מען מעג זיך ווינשען דאָרט אָנצוקומען און ת"ו קערבלייך נדן אויך און הלבשה כדרך הנגידים, אָבער דער חסרון.... די שדכנים זענען געווען בייז אין האַרצען אויף שמעונ'ען, וואָס ער האָט אַזאַ זוהן, וואָס זעהט אויס ווי אַ סאָלדאַט און וואָס מען מוז ערשט יענעם געבען צו פערשטעהן, אַז אין תוך אַריין איז ער פאָרט געראָטען.

און האָטש די שמעונ'קע האָט געהאַט אויגען און האָט נישט איינמאָל געגעבען אין האַרצען אַ טיעפען קרעכץ, אַז זי האָט אַ קוק געטהון אויף די רויטע מסוכנ'ע באַקען פון מאיר'לען, וואָס פון זיי האָט געשפריצט דאָס בלוט, האָט זי זיך אָבער אין ענין פון שדוכים געמאַכט אַ האַרץ. איהר פאַרשטעהט אַליין, אַז זי איז געווען דער ספאָדעק אין שטוב און ביי שמעונ'ען האָט זי געהאַט די דעה; זי איז קיין עין הרע געווען אַ מאַשין, און שמעון איז געווען דער קלייניקער. זי האָט זיך אַזוי געזאָגט: האָטש די שדכנים טהוען מיר אַ טובה, אַז זיי קומען רעדען, וויל איך מיך דוקא נישט איילען. אַי וואָס, שלאָגט זיך אָן איין שדוך און דערנאָך שלאָגט ער זיך אָב, מאיר'ל האָט אַדאַי זיין זווג, און דאָס, וואָס איז איהם בעשערט, וועט שוין קומען אין שטוב אַריין... און געזוכט האָט זי פאַוואָלענקע, אָבער געזוכט; און אַז מען זוכט, געפינט מען, דאָס איז שוין אַ אַלטער כלל. און דער קרן, דוקא גוט און פאַסט אַקוראַט, ווי אָבגעמעסטען, צו מאיר'ן, דאָס הייסט וועדלוג דעם געדאַנק, וואָס זיין מוטער האָט געהאַט...

און דער געדאַנק פון דער שמעונ'קע איז געווען פראָסט, אָהן חכמות, אָבער געזונד. טהוט אַ רעכין. אַז איהר מאיר'ל איז צו גרויס און צו שטאַרק, מוז די כלה זיינע זיין אַ קלייניקע און אַ שמאָלענקע. וואָס איהם, מאיר'לען פעהלט, מוז זי, זיין באַשער-

טע, האָבען, און זי אין איינעם העלען ערשט זיין אפּאָר, ווי גאָט האָט געבאָטען.

הייקע, די טאָכטער פון סנדר'ל אָהרעמאָווער, וואָס איז פאַר מאיר'ן אַכלה געוואָרען, איז טאַקי געווען אַזוי, ווי די שמעונ'קע האָט זיך אויסגעמאָלט אין קאָפּ. אַ גאָלע רוהניות. קליין און מאָגער, קוים וואָס מ'זעהט זי, פּונקט ווי אַ רב'ס אַ טאָכטער. סנדר'ל, איהר פאָטער, האָטש אַליין נישט קיין רב, אָבער אַ מענש, וואָס פאַרשטעהט דעם עסק... געלד האָט ער נישט געגעבען אַ פּיאַטאַק, מען האָט איהם נאָך געמוזט געבען צו שטייער אויף דער התונה און די כלה האָט מען געמוזט אויסקליידען פון אונטען ביז אויבען. אָבער וואָס שאַדט דאָס אַלץ? דער עיקר, אַז די שמעונ'קע האָט אויסגעפיהרט, וואָס זי האָט געוואָלט. —

אַ כלל, געמאַכט אַ התונה ווי ביי יודען און ששון ושמחה. וואָס מאיר'ל האָט דערצו געזאָגט, ווייס מען נישט. גאָרנישט. אַ יודישער בחור, וואָס זאָגט נישט קיין דעה אין אַזוינע זאַכען... און לעת עתה זיצט מען אויף קעסט, ערשט ביי סנדר'לן דעם שווער, צוויי חדשים, אויף קאַטאָוויסען: ס'הלומט זיך אַפילו נישט סנדר'ן, צו געהן האַרעווען אַזאַ בוהאַי, דערנאָך איז מען אַריבערגעפאָהרען קיין פּוקטילאָווע צו זיינע טאַטע-מאַמען, און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען די מאַמעס קעסט מיט גריבען און וואַרענטשיקעס און אַלע גוטע זאַכען, און הייקע'ן האָט מען אָבגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און זי האָט טאַקי געהאָנגען אָן מאיר'לען, און מען האָט עס איהר נישט אָנגעהויבען צוזעהן, אַז זי זאָל פערשטעהן דעם הכרון...

אַזוי זענען געווען אַוועקגעגאַנגען קנאַפּע דריי יאָהר. מאיר'ל איז כלומר'שט געזעסען אין קלויז און געלערנט. געטהון האָט ער גאָרנישט, ווי אַלע טאַטענס קינדער. הייקע אין דערהיים האָט אַפּילו יאָ געהאַט עסקים. אַ קינד צום יאָהר און דערנאָך מפּיל געווען און טראָגט שוין ווידער. — און טאָמער האָלטען זיי אַזוי אָבגעלעבט זייערע יאָהרען, הייקע וואָלט אויסגעטראָגען און וואָלט ווייטער געהאַט קינדער, — פּוקטילאָווע האָט אַ סך אַזוינע דורות געזעהן, — מוז דער רוח אָנטראָגען דעם פּריזיוו פון פּאָניע מיט דעם ציהען פון נומערען, און מאיר'ל מוז ציהען אַ קליינע נומער, און צעהן מאָל גאָריען!!

וואָס זאָל איך מאריך זיין? ס'האָט נישט געהאָלפען נישט קיין קלאָגען און נישט קיין יאָמערן און אפילו נישט קיין שמירען אויף ביידע זייטען, מאיר'ל איז א סאָלדאַט, האָטש שריי הי וקים. מאיר'ל האָט שוין געשוואָרען און האָט זיך געמוזט גרייט מאכען צום וועג. וואָס די שמעונ'קה און חייקע האָבען אָנגעגעבען, קאָנט איהר אייך אויסמאָלען. מסתמא האָט מען איהם מיטגעגעבען אויפ'ן וועג פו־טערבולקעס און טהע און נאָך גוטע זאכען, אז זיי האָבען דערזעהן מאיר'לען אין שינעל מיט'ן באשליק מיט די גרויסע שטיוועל, האָ־בען זיי חידער אויסגעשאָסען א געוויין. ס'איז געקומען די מינוט פון געזעגענען זיך, די ווייבער זענען חלשות געפאלען. די פערד האָ־בען געטהון א ציה, און מאיר'ל פאָהרט...

---

דער פאָלק, וואָס מאיר'ל האָט אין איהם געדיענט, איז אָנ־געקומען אזש קיין טאַראטאָוו, צוויי הונדערט מיילען פון פוקיטי־לאָווע, א בריוועל פון דאָרטען דויערט צוויי וואָכען, שרייבען, שרייבט מאיר'ל, מ'זאָל איהם שרייבען: גאָספאָדין מאיר פאָלעוואָי..... זיי שיקט איהם אלע מאָהל א דרייער'ל צו א פינפער'ל, — חייקע האָט געה־האָט דאָס קינד און איז געבליבען לעת עתה ביי דער שוויגער. אַזוי האָט די שמעונ'קע געוואָלט, זיי זאָלען האָטש בלייבען אין איינעם. אז מאיר'ל דיענט, איז אַ ודאי אַ וועהטאָג, גאָט זאָל האָטש רחמנות האָבען, ער זאָל קריגען כשר צו עסען.

און מאיר'ל עסט אין פאָלק די טרפה'נע קאשע, און דוקא אומ־געוואשען, און האָט שוין לאַנג פערגעסען אַזאוי ער האָט געלאָזען זיין טלית ותפילין... אין פאָקיטילאָווע וואָלט ער א ודאי געווען א בע־הייט יודישקייט, אָבער אין קאַזאַרמע, אָנגעטהון אין מונדיר, וואו מען מוז אין זין האָבען דעם ביקס און די קנעפ און ווי מען האָט אויף זיך אַנ'אַנדער עול, קאָן מען נישט געדענקען אָן אַזוינע זאַכען... און ווער שמועסט, אַז מען הייסט גאָר פאָלעוואָי נישט מאיר'ל: און רעדען רעדט מען צו איהם נישט מאמע־לשון, נאָר רוסיש. ס'געדויערט אַוועק אַ יאָהר, און פאָלעוואָי, אַז ער גיט אַ קלער, קאָן ער אַליין לאַכען פון מאיר'ן...

אין היקען אין דערהיים איז אויסגעגאַנגען די נשמה נאָך איהר מאיר׳לען. זי וואָלט איהם געוואָלט אויספרעגען פון זיין געזונד און צו ער בענקט נישט נאָך די קינדער, דאָס יונגערע קאָן ער נאָך גאָרנישט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט שרייבען; און אַ שכן פלעגט איהר אַלץ שרייבען די בריוועלעך צו איהם און האָט בעוויזען זיינע קונצען מיט׳ן צוק און מיט׳ן דריי. און מאיר׳ל האָט אויך נישט געקאָנט אַסך שרייבען, און אין זיינע קאַרטלעך זענען תמיד געווען אַריינגעמישט גוישע ווערטער. און ווי ס׳איז געקומען צו אַזאַ וואָרט, האָט היקען אַלע מאָל געגעבען אַ שטאָך אין האַרצען.... זי האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אַז ווען זי וועט איהם איצט זעהן, וועט זי איהם חלילה נישט דערקענען.... עפּעס געהט ער אין די לאַגערס און האָט שוין געזעהן דעם קיסר. ראובל׳ע, דאָס עלטערע יונגעל האָט שוין אָנגעהויבען לערנען חומש און זי האָט איהם דאָס יענעם חודש געשריעבען; ער זאָל זיך דאָס אָנהויבען פרעהען און דערמאָנען אין בריוועל מיט אַ וואָרט....

* *
*

ס׳איז געווען אַ זומערטאָג, פרייטאָג. פון די קוימענס אין פּאַקיטילאָווע געהט אַרויך; מ׳באַקט די בולקעס און מ׳שטעלט דעם טשאָלענט. יונגלעך זענען שוין פריי פון חדר און לויפען אַרום אין די גאַסען. אין דער גאַנצער שטאָדט ווייס מען שוין, אַז מאיר שמעונ׳ס קומט אויף היינטיגען שבת קיין פּאַקיטילאָווע אויסגעדיענט. ווי גיך זענען אוועקגעפלויגען די יאָהרען. וואָס עס טהוט זיך ביי שמעונ׳ען אין שטוב, קאָנט איהר פערשטעהן.

פלוצלינג שפּרינגען אַריין צו שמעונ׳ען אין שטוב אפשר צעהן קינדער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר׳ן טויער, כדי אויסצוהאַפּען די בשורה, און שרייען: ער פאָהרט! ער פאָהרט! ער פאָהרט! פערד לויפען מיט אַ וואָגען און עס געהט אַ פּראָך פון אונטער די פיס, ביי שמעונ׳ען זענען אַלע אַרויס פון שטוב. די מאַמע פאַלט אויפ׳ן האַלז. היקע שטעהט נישט טוידט, נישט לעבעדיג. שכנים און קינדער

שטופּען זיך. לאָזט מיך, גיט ער אַרויף, פּוסטיטיע! און ווי מען קומט אַריין אין שטוב אַריין, מען רוהט זיך אָביסעל אָב און מ'גיט אַקוק אויף דער אייגענער, וואָס שטעהט אַזוי שעמעדיג אויף אַ זייט און קאָן נישט אויסרעדען אַ וואָרט, ווערט איהם קאַלאַמוטנע אויפ'ן האַרצען...

פון שבת וויל איך נישט דערצעהלען. דריי-הונדערט הענד געגעבען מאיר'ן שלום-עליכם אין קלויז. אין דער פריה דער מפטיר, און דער קדוש מיט'ן עולם. די שטאָדט שיקט איינגעמאַכץ מיט וויין. די מוטער קוקט אַלע מאָל אויף איהר זוהן און דערנאָך אויף די שנור, ער איז גאָר נישט צו דערקענען. נאָך פינף מאָל אַזוי גרויס, ווי אַ הידעמאַק! און היקע'ן איז גאָר נישט יום-טוב'דיג אויפ'ן האַרצען... עפּעס זיינע אויגען, אַז זיי קוקען אויף איהר, זענען ווי גלאָז, נישט איין וואָרט האָט ער צו איהר געזאָגט, די קינדער האָבען מורא צואיהם צו צוגעהן.

דאָס האַרץ האָט היקע'ן נעביך ריכטיג, געזאָגט. מאיר'ל, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט נישט מעהר געוואָלט זיצען מיט'ן ווייב, און האָט זיך איינגע'עקשנ'ט, אַז זי פּאַסט נישט צו איהם. און דאָטש די מאַמע האָט זיך געלעגט אין די לענג און אין די ברייט און ס'האָט איהר געריסען דאָס האַרץ, האָט עס נישט געהאָלפען. דער סוף איז געוועזן ס'איז געקומען צו אַ גט.

# די פיר שטעקענס

# די פיר שטעקענס

(א מעשה אין פיער קאפיטלען. עס ווערט אין זיי דער־צעהלט, ווי אזוי חנה גיטעל האט חתונה געהאט מיט איהר מאן נחמן שמואל׳ן צום צווייטען מאל. אז דער לעזער וועט זיך גוט צוקוקען, וועט ער זעהן, ווי אפילו צום ערשטען מאל האבען זיי זיך ניט געדארפט האבען שטארק נויטיג.)

.I

מיר געהען איבער צום ענין אליין. שוין דערמון, אז איך הויב אן מיט חנה גיטלען און ניט מיט נחמן שמואל׳ן, איז געדרונגען, אז זי איז געוועזען דער ספארעק. אודאי, ווי דען זאל עס אנדערש זיין? אז זי איז געוועזען די קרעמערין, און די קלייט און די שטוב האט זי געירש׳עט פון איהר מאמען. זי האט געמאכט דעם קוואס, פערקויפט די זאלץ און דאס מעהל און געהאנדעלט מיט די גוים און מיט די פריצים. אפילו ביים פריסטאוו האט זי זיך געקענט אויספינדען, און איז ניט בטל געווארען פאר וועמען איהר ווילט אליין. מיט׳ן רב האט זי זיך געקענט קריגען, אז ער האט געאסר׳ט צו טארגאווען דורך אנערלית אין שביעי של פסח, וואס איז געפאלען אין יריד פאר הגא. מיאוס איז זי געוועזען, ווי איהר קענט אייך נאר אויס־מאלען. ביי איהרע טרדות האט זי דען אמאל צייט געהאט זיך אויפצו־פעהען א קלייה, צי א פארטוך, צי אויסוואשען דאס קאפטיכעל? אדא וועגט מען מעהל און תיכף מוז מען מעסטען בוימעל צי גאז, און מען מוז לויפען אין קעלער אריין נאך קוואס. קומט צו געהן א פריציל און וויל אנאכטעל טיטון, דארף מען איהם היסען זיך צו זעצען. עס לויפט אריין א שכנה און לייהט א דריי פונט, א גוי קומט נאך צוועקעס און פאדקאוועס. דער אנבייסען דארט אין אויוען

הינטער דער טהיר, קאַכט איבער און לויפט אויס. אַ גבאי׳טע קימט נאָך אַ נדבה און וויל מאַכען אַ לאַנגגען שמועס. „האָט מיר קיין פאַר־איבעל ניט״, עפּעס געדט ירידה און מען מוז צוגרייטען סחורה. געלד מוז מען בעצאָהלען יאַנקלען און תיםען און גדליהן; און דאָ מוז מען פערקעהרט פון אַנדערע אייגקאַסירען הובות. אַז קיינער נעהמט ניט אַרויס דאָס טייסטעריל, ביז מען מאָהנט איהם ניט צעהן מאָל. אין מיטען דערמאָהנט זי זיך, אַז מען מוז גאָר רופען דעם מולער, כדי ער זאָל צורעכטמאַכען די הריבע; דער קוימענקעהרער האָט שוין לאַנג ניט אויסגעקעהרט די סאַושי, און ערשט פאַר צוויי וואָכען איז געווען ביי נתן יחיאלים אַ שרפה. דאָס אַלין איז אויף איהר קאָפּ און אויף איהרע פּליצעס. ער, נחמן שמואל, איז עפּעס אַ מענש, מישטיינס געזאָגט, פערשטעהט ער ניט פון דאַגען אַהין, און אין קלייט־זאַכען איז ער אַ לא־יוצלח. אַ גליק, אַז ער איז אַ שטיקעל מלמד און קנעלט ערגעץ אין דער פרעמה, איז זי װעניגסטענס זיינער פּטור און ער מישט זיך ניט אין איהרע זאַכען, אַבי קאָלי צו מאַכען. פאָהרט ער אָבער אַוועק איז איהם ניט צו בעקומען אַהיים אַ יאָהר כסדר, צו צוויי; אפילו אויף פסח מאַכט ערז יך אַמאָל אַנאַויסרעדענעש און קימט ניט... שרייבען שרייבט ער נאָר, ווען ער בעדאַרף צו האָבען אַ העמה צו אַ פּאָר זאָקען. זיינע פערדינסטען! אַלין געדט איהם דאָרט אַוועק, און תקון האָט ער שטאַרק ליעב, דוקא ווי אַ סאַדיגערער חסיד, האָטש, ער איז אַליין אַ זינקעווער. אַז ער ברענגט אַמאָל אַהיים די זיבעציג צו אַכציג קערבלעך, האָט מען הונדערט לעכער צו פערשטאָפּען, און פון די צוויי וואָכען, וואָס ער זיצט אָב אין דערהיים, איז מען נאָר שלום דעם ערשטען שבת און דערנאָך הויבט זיך אָן פּאַוואָלעניקי: אַ קריגעניש, ווי דער שטייגער איז ביי דער קאַץ מיט דער מויז. זאָגען זאָגט מען זיך איינאַנדער וואָס אין דער קוואָרט און ס׳קומען בייזע טעג פאַר זיי ביידע...

אַזוי לעבט מען שוין אַ יאָהר פערצעהן, צו זעכצעהן. אַ קינה האָבען זיי געהאַט איז עס געשטאָרבען צו דריי יאָהר. גט׳ען האָבען זיי זיך געוואָלט שוין תכף נאָך דער חתונה, אַז איהר מאַמע ציפּע לאָה האָט נאָך געלעבט און עס פלעגט זיך איהר פערגלוסטען מיט׳ן

אייִדים „בלק" צו לערנען. — זי אַליין האָט זיך אויף טויזענד מאָל פערווינשט איהר לעבען, אַז גאָט האָט איהר צוגעשיקט אַזאַ שלימיזאַלניק פאַר אַ מאַן. ער האָט איהר אויך געווינשט דעם ליכטיגען גן עדן, און אַז ער איז איבערגעפּאַדרען די בריק פון חמעלניק זיך זוכען אַ מלמדות, האָט ער שוין אָנגעהויבען צו דאַנקען דעם בורא פאַר דעם, וואָס ער וועט אַצונד האָבען מנוחה פון איהר. אַז ער האָט זיך אָבער געמאַכט דעם הדר, פלעגט ער תמיד געבען די בעלי־בתים צו פערשטעהן: בין איך דען גלאַט אַ קבצן צי אַ פועל בטל, און איהר מיינט, אַז ווען ניט אייערע יונגלעך, וועל איך שטאַרבען פאַר הונגער? עפּעס האָב איך דאָך אין דערהיים אַ ווייב אין אַ קליט און אַ שטוב און אין חמעלניק זנאַטשע איך אויך עפּעס... לערנען האָט ער ניט ליעב געהאַט שטאַרק מיט די תלמידים, און אַז די יינגלעך האָבען איהם אָבגענאַרט און האָבען אפילו דאָנערשטאָג ניט אָנגעהויבען צו קענען דעם שעור, האָט ער זיך געלאָזט נאַרען. זיין באַפּעם דאגה, אַז שלמה נחנ'ס בן־זקונים צו אברהם חיים'ס אייניקעל וועט ניט זיין אַזאַ למדן; דער עיקר איז, אַז ער קען שלאָפען אין דער פריה און נאָכ'ן אָנבייסען אין ביינאַכט. אַ קאַפּיצקעלע בראַנפען פרימאָ דע פרימאָ שאַט אויך ניט, אַ ניינציגער איז אַוודאי גוט. דער עולם הבא זיינער איז אָבער געווען דאָס מרחץ. פרייטאָג פון צוויי אַ זייגער אָן ביז פאַרנאַכט איז ער געלעגען אויף די אויבערשטע באַנק און האָט געשמאַק געשוויצט. דאָ אין רויך אין אין היץ און אין געשריי האָט ער זיך אויסגעשטרעקט ווי אַ מלכות אין האָט זיך געריבען מיט'ן בעזעמעל, אַז עס האָט געבראָטען! אַלע מאָל האָט ער אַליין אַ געשריי געגעבען: מעהר! מעהר פאַרע! גיסט אויף! און ווי עס האָט געגעבען אַ שאָס פון די גליהענדע שטיינער, האָט ער אָנגעהויבען ביי נייעס זיך צו רייבען מיט אַלע כחות אין האָט קוים געקאָנט דעכען. פון דעם חיזת האָט נחמן שמואל געלעבט דעם גאַנצען שבת, אפילו ווען דער טשאָלענט ביי דער בעל־הבית'טע איז ניט געווען אַזוי געראָטען, צו עס איז גאָר געווען אַ קאַלטער מלאך. זונטאָג פלעגט ער זיך נאָך דערמאָנען אָן מרחץ פון פרייטאָג, און אַז ס'איז געקומען מיטוואָך, פלעגט ער שוין אָנצוהויבען צו צעהלען די שעות ביז פרייטאָג נאָכמיטאָג. איז ער געווען אין דערהיים, אין חמעלניק, און האָט

געליטען כדרך הטבע פון זיין ווייב, האט ער נעבענשט גאט, אז ס'איז געקומען פרייטאג און זיך געקענט ראטעווען פון אירע קללות אין באה אריין... דער בעדער האט אפילו געוואוסט, אז ער בעדארף צו נעהמען ביי נחמן שמואל'ן פינף קאפיקעס, ווי ביי א נגיד, ניט דריי קאפיקעס, האטש ער איז א מלמד „נישקשה, איהר זיצט אב געניג דאס געלד". פלעגט ער איהם צו זאגען. דערפאר אבער איז ער זוכה געווען צו הערען פון זיין מויל, אז די המעלניקער באד איז ניט שלעכט ווי די ליפאוועצער צו די הייסינער וואס דאס האט בעדייטעט פאר'ן בעדער, בעדארף איך אייך ניט זאגען.

---

.II

ויהי היום, „אט זיך געטראפען, אז נחמן שמואל האט ניט געקריגען קיין קגעליכץ און נאכדעם, אז ער האט זיך אבגעוואלגערט א חודש כסדר אין דער פרעמד און געזוכט יונגלעך און ניט געפונען, האט ער נעבעך געמוזט קומען אהיים קיין המעלניק און צו זיין ביי יהגה ביטלען. — יהנה גיטעל האט אפילו די ערשטע צייט אויף אידם רחמנות געהאט און איהם ניט מקבל פנים געווען, ווי דער שטייגער איז. עפעס איז ער איהר אויסגעקומען אצינד, ווי א פערבלאנדזשעט שאף... און אין שטאדט אליין איז ער דאך אין מיטען יאהר מעהר ניט ווי א פרעמדער. נחמן שמואל האט זיך אליין געחידושט און האט געהאלטען אין איין ציטערן: אט, אט, פלאצט זי אויס. פערקעהרט, ער וואלט שוין בעסער געוואלט, זי זאל ארויס מיט'ן כעס, אידער עס זאל זיך ביי איהר זאמלען... אין קלויז איז ער געווען דער ערשטער און אוועקגעגאנגען איז ער דער לעצטער, ניט פין גאט'ס טובה וועגען. אביסעל פלעגט ער זיך אריבערהאפען צום שוחט צי אזוי צו אנ'איידלעם יודען שמיעסען, וואס ער איז געווען אוועק פון דערהיים, איז ביי איהם געווען א געווינס, האטש זי האט זיך געהאלטען שטיל, איז איהם געווען דאס לעבען נמאס; יא, אז זי שווייגט, איז נאך ערגער. אט דא האט ער געמוזט געהן מנחם אבל זיין א יודען, וואס ביי איהם איז געשטארבען דאס ווייב, מוז ער דארט פערגעסען דעם

שטעקען און די פאטשיילע און דעם טאבאק. עפעס האט זיך איהם געפיהלט, אז היינטיגען טאג האט דאס איין עק. און כך הוה! אז ער איז נאר געקומען אהיים און האט נאך ניט אויספייעט צו איבערטרעטען די שוועל, האט זי באלד אנגעהויבען מיט'ן קול: „וואו פידעלסט דו דיך ארום דעם גאנצען טאג אין קרענק? א יוד געהט ארום פוסט און פאס און טהוט גארניט. וואס האסטו דיך אנידערגעזעצט אין המעלניק אין געהאקטע וואנדען? קראנק ביזטו צו טהון ווי אלע מענשען, נעהמען די אויגען אין די הענד אריין און אכטינג געבען אין קלייט, אבער געה רעה מיט א פולפעלץ. צוויי הערינג האט מען מיר היינט אוועקגעגנב'עט. אבער דארט איהם דען דער קאפ ווי מיר? מען וועט מיר אלין צוטראגען—; ארויסטראגען זאל מען דיך, גאטוניו, קוק איהם נאר אן ווי ער שטעהט דא די אויגען וואלט איך דיר געקענט אויסקראצען. ווארט נאר, איך וועל דיר ווייזען, ווער איך בין, אז דו וועסט זיך דערוועגען זיך ארומצוטרייבען, אויסגעריסען זאלסט דו ווערען, פאר'שרפעט זאלסט דו ווערען"... די תוכחה שיט זיך, וואס זאג איך שיט זיך, עס גיעסט זי איהר צארן. עפעס האט זי געוואלט אין דעם אייגעם מאל איהם אבצאהלען פאר אלע טעג, זיך קיהלען אן זיין בלוט. עפעס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי איז נאך גארניט יוצא אין דעם אלעם וואס זי זאגט איהם...

וואס טהוט נחמן שמואל? ער הויבט זיך אויף און דערלאנגט איהר א באך אין פליצע... ער איז איבערגעביטען געווארען אין דער איינער מינוט, און דער כעס אין איהם האט זיך בעוויזען, ווי קיינמאל ניט ביז אצונד. זי איז אויף איהם ארויפגעשפרינגען, ווי א הונד. אין טאטענס טאטע און מאמעס מאמע, אין אזוי האט מען זיך געשלאגען און געהרג'עט, אז די גאס איז געווען מיט זיי אויף. אנ'איידלער יוד זאל אויפהויבען די האנד קעגען זיין ווייב?... אזוינס איז נאך קיינמאל ניט געווען ביי יודען, און שטאדט האט זיך געקאכט. —

III

אידער נייסט אַליין, ווי דער שטייגער איז ביי יודען זיך אַלעמאָל אַריינ־צולעגען אין שלום, אָבער דאָס מאָל איז זיך איינער מישב און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט גט, און ביידע האָבען זיך אָן דעם אָנגעהאַפּט. זי וויל זיך אָן איהם נוקם זיין און ער וויל איהרער אויף אייביג פּטור ווערען. אין דער גאַנצער שטאָדט רעדט מען שוין: נחמן שמואל גט זיך מיט יהנה גיטלען! מ'איז שוין ביי'ם רב און מען טענה'ט און דער עולם שטופּט זיך, אפילו די, וואָס געהערען זיך גאָרניט אָן מיט דעם, האָבען הנאה אין האַרצען צו הערען אַ קריגעכץ.

דער רב נעהמט נחמן שמואל'ן אויף אַ זייט און זאָגט צו איהם: „וואָס מאַכט איהר זיך צום נאַרען? איהר זענט דאָך שוין אַ ייד פון איבער פערציג, שטופּט אָב דאָס ביסעל יאָהרען און זייט מקבל יסורים באהבה"; ער אָבער האַלט אין איין טענהן: אַז מען שמועסט פון גט זאָל זיין גט. עס איז אַריין אין אַנ'עקשנות; אויך זי, וואָס די רבצין האָט געפּרובט מיט איהר צו רעדען און זי צוריקפיהרען צום שכל, האַלט אין איינעם: „איך וויל פון איהם ניט מעהר ווי־סען, אויף דער שוועל וועל איך איהם ניט לאָזען". אַ ריינער שטן! דער רב האָט בדעה צו ווערען אין כעס אין זיי אַלע מקיים פּסק זיין, אָבער דאָ איז שוין געוואָרען שפּעט צו מנחה. אין קלויז איז ערשט רעכט אַ גערודער, קיינער דאַוונט אַ וואָרט, אפילו אין מיטען דער שמונה עשרה שושקעט מען זיך. קוים איז מען אָבגעשטאַנען קדושה, זעהט מען שוין רעדלעך שטעהען, יונג און אַלט, און האַלטען אין איין רעדען. ער האָט זיך זיין צד און זי האָט זיך איהר צד. ביי דער וועטשערע הערט מען נאָך אַלץ מאַן און ווייב און עלטערע קינדער שמועסען פון נחמן שמואל'ן און יהנה גיטלין. גאָרניט, גאָט האָט צוגעשיקט המעלניק אַנ־עסק.

און אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך אָנגעהויבען ביי נייעם אַ קאָן. עס האַלט ביי גט, חאָטש לעג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. מענשען קומען אין ווילען אויסגלייכען — און שיטען נאָך מעהר פייער. יהנה גיטעל האָט שוין גאָר צוגעמאַכט די קלייט־

בײַם רב איז שוין װידער פֿול די שטוב, נאָר ער שפּאַרט זיך נאָך און װיל ניט מסדר זײַן דעם גט. דער שמש, װאָס לױפֿט אַרום אַהין און אַהער, איז װי צימישט. בעריל דער סופֿר איז לכל הדעות דאָ און מאַכט צורעכט די פֿעדן מיט אַ מעסערעל. די דיינים זיצען און קוקען אַרײַן אין „טיב גיטין", װי װען עס װאָלט זײ גאָרניט אָנגעגאַנגען, נאָר דער דין. עפּעס װילט זיך דעם רב אױפֿצושטעהן און זײ אַלע לאָזען דאָ זיצען. דערװײַל הױבט מען שױן אָן אױסצופֿרעגען: דו נחמן שמואל בן יצחק װילסט דו מיט דײַן גוטען רצון אַזױ און דיך גט'ן מיט דײַן װײַב? און אַזױ װײַטער. מקבל קנין איז מען שױן אױך געװען. בקצור געגט, מזל טוב! נו מײנען מיר, אַז מיר האָבען רוה אין המעלניק.

טרעפֿט זיך גאָר, אַז מען האָט הרטה אױף אַ שדוך!

דער סוף פֿון דער מעשה איז געװען, אַז אַלע האָבען זיך אױסגעשלאָפֿען אין שטאָדט און מאָרגען פֿריה געגומען איבערקײַען, װאָס נעכטען איז געשעהן, האָט עס אָנגעהױבען אין האַרצען צו פֿערדריסען און מען האָט זיך אַלײן געחדושט: װאָס הײסט דאָס עפּעס, אַבזיצען זעכצעהן יאָהר מיט אַ װײַב און נעהמען און גט'ן זיך. אַפֿילו די, װאָס מיר דאַכט זיך, זענען געװען שטאַרק פֿאַר אַ גט, שרײַען הײַנט עס איז פּאַסקודנע, פּאַסקודנע, אַז אין אַ שטאָדט װי המעלניק זאָל זיך אַזױנס טרעפֿען צװישען יודען, ס'איז אַ פּשוטער בזיון פֿאַר'ן המון, אַז מ'װײַזט זײ אַ דרך... נחמן שמואל אַלײן האָט זיך געשעמט אַרױסצוגעהן אױף דער גאַס און אַביסעל איז איהם געװען פֿריקרי... עפּעס אין זעכצעהן יאָהר געװאָהנט מען זיך אַביסעל. דערװײַל איז ער אַװעקגעפֿאָהרען קײן מעזשביז צו אַ װײַטען קרוב. יהגה גיטעל האָט גאָר פֿערלאָרען דעם קאָפּ. ס'איז געװען אַ'ן קלײט װי אַ'גאָנשיקעניש, װאָס זי האָט אַנדערגעשטעלט אַ זאַך, האָט זי פֿערגעסען װי. — די שכנים האָבען ניט אױפֿגעהערט צו רעדען און צו דערמאָנען נחמן שמואלס מעלות; און אפֿילו גלאַט שונאים זענען איהר געװאָרען גוטע פֿרײַנד און האָבען אָנגעהױבען מיט איהר צו טענה'ן, טאָמער טהוט זיך צוריק אַ דרעה... אדאי האָט הנה גיטעל בײַ זײ געבעטען רחמים, לאָזט מיך צורוה. מרוצה געװאָרען איז זי אָבער אין האַרצען גלײַך אױף דער שטעל, נאָר װיל זי ניט, אַז ער זאָל װיסען. זי האָט זיך שױן אפֿילו אָנגעהױבען אױס-

צונאָלען, אַז זיי האָבען שוין צוריק התונה געהאַט און זי האָט עמיצען, צו וועמען זי קאָן אויסלאָזען איהר ביטער האַרץ.

---

## .IV

גאָרניט, איינער, וואָס זשאַלעוועט ניט צו פערדינען אַ קער־בעל און האָט זיין כלל: אַז מען שטעלט ניט איין, נעהמט מען ניט אַרויס, האָט ניט געמאַכט קיין סך שהיות און האָט זיך אַריבער־געהאַפּט אויף אַ פּוהר, וואָס איז געפאָהרען קיין מעזשביז פאַר פּאַה דריי גדולים. דאָרט אָנגעקומען האָט ער זיך גלייך געמאַכט צו נחמן שמואל'ן און תיכף אָהן שום קונצען אָנגעהויבען פון עסק פון אונטען און פון אויבען און פון אַלע זייטען, צוגעצויגענ דעם קרוב זיינעם און דאָס ווייב זיינס, וואָרום ער האָט ניט בעדאַרפט אַריינצולעגען די האַנד טיעף אין קעשענע, כדי צו דערקענען, אַז זיי וועלען ניט שטאַרק וויינען נאָך נחמן שמואל'ן. נחמן שמואל אַליין וואָלט אויך ניט געזאָגט גראָה ניין. עפּעס דרייצעהן פּסח'ס האָט ער געהאַלטען אין המעלניק. און ער איז שוין געווען גע־וויינט... אָבער אַז מען איז צו איהם געקומען און וויל ער זאָגען יאָ—, זאָגט ער ניין. היים נתן, וואָס איז געקומען צו איהם צופאָה־רען, איז געוואָרען אין כעס און האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק צו זידלען. אַז ער האָט אָבער געזעהען, אַז דאָס העלפט ניט, האָט ער געגעבען אַ שפּיי און איז צוריקגעפאָהרען אַהיים מיט'ן בייטשעל. אָנגעקומען קיין המעלניק, האָט ער אויסגעטראַכט טויזענד ליגען. עפּעס, זאָגט ער, איז נחמן שמואל געוואָרען גאָר אַנ'אַנדער מענש און וויל זיך אַוועקלאָזען קיין וואַרשעווער פּוילין צו קיין בראָד. וליהודים היתה, המעלניק האָט אויף לאַנג געהאַט וואָס צו רעדען.

ליִיט האָבען מזל, מוז נחמן שמואל זיין אַ זינקעווער הסידה און נאָך דער גאַנצער התונה מוז איהם קומען אויף דער דעה, ער זאָל ביני רביני אַריבערפאָהרען קיין זינקעוו, וואָס ער איז שוין דאָרט ניט געווען אפשר צוויי יאָהר. אַביסעל האָט ער זיך געשעמט צו געבען דעם רבין אַ קוויטעל און דאָרט ניט מעהר שרייבען: זוגתי יהגה

גיטעל בת פעסי שתחיה. רב חיים זינקאָווער האָט ליעב געהאַט אַ הלצה׳לע און פלעגט איהם תמיד צו אָצען מיט דעם שלאַק זיינעם. אָבער אַז ס׳איז שוין איהם געקומען אין זין פאָהרען, מוז מען פאָהרען. געקומען איז ער קיין זינקעוו פונקט ראש חודש אלול, ווי דער עולם הויבט אָן צו קומען. און דער רבי האָט איהם געזאָגט: בלייב שוין דאָ איבער ימים טובים, אַנ׳אַלמן האָסט דו פון דיר געמאַכט אויף דער עלטער, בלייב ביי מיר און עס זיך אָן מיט׳ן וואַרעמען קאַליש... תשובה קענסט דו דאָ אויך טהון. אינמיטען איז געקומען צו פאָהרען דער המעלניקער רב אויף אַ שבת, האָט איהם רב חיים געמאַכט אַ שוואַרצען סוף, וואו איז געווען אייער שכל, רב שלמה? איהר נעהמט צוויי מענשען, וואָס זיי זענען געשאַפען פאַר זיך פון ששת ימי בראשית און איהר גט זיי. דערווייל זענען געקומען צופאָהרען נאָך המעלניקער יורען, אַ פידר ווייבער אויך. יהננה גיטעל איז פון תמיד אָן ניט געווען אַזאַ שטאַרקע חסידה, אַז עס איז גע־קומען צו דעם געבען דעם רבי׳ן מעמד, יאָ; אַצינד האָט זי צוגעמאַכט די קלייט און איז געפאָהרען. גאָרניש, געבען דעם רבין אַ קוויטעל און זיך פאַר איהם אויסוויינען, טאָמער האָט מען זיך פערזינדיגט.

אַזוי האָט מען זיך דערוואוסט ביים רבין אין הויף, אַז ביידע צדדים זענען דאָ... חסידים האָבען זיך גענומען צו נהמן שמואל׳ן און איהם אָנגעהויבען צו דרעהען ביי דער נאָז, אַז ער וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר גאָט, וואָלט ער אויפגעהויבען ביידע פיס אינמיטען שבת און וואָלט געמאַכט אַ ניברה! דערווייל איז מען דאָך אָבער ביים רבין, און תורה זאָגט ער אויך דעם שבת, און אַ גרויסע שלש סעודות איז אויך, און גלאַט אַזוי איז מען דאָך עפּעס אין זינקעוו. עס איז געקומען שבת צו נאַכט און רבי חיים האָט אָבגעמאַכט הבדלה און זיך איבערגעטהון פון די בגדי שבת מיט׳ן שטריימעל און דעם זיידענעם חאַלאַט מיט זילבערנע קוואַסטען אין אַ זיידענע יאַרמולקע, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דעם טייערען שטוהל. אַ גבאי האָט אַרויס־גענומען די לאַנגע טערקישע ליולקע האָט דאָס געגעבען דעם רבין צו רויכערען. די מענשען זענען געשטאַנען אַרום איהם און ער איז געווען זעהר אויפגעלעגט און האָט אַ פרעג געטהון: וואו איז נחמן

שמואל? מען האָט איהם אויסגעגראָבען פון אונטער דער ערד און האָט איהם געבראַכט צום רבין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטופּען, אַ פּאָר חסידים האָבען איהם אַרײַנגעשטעקט די הענד אין גאַרטעל אַרײַן: הכלל, ער מוז קעריג התונה האָבען מיט יהגה גיטלען, איז דאָס ניט אַ וואונק פון אויבען, אַז זי איז אויך דאָ? דער רבי גיט בענשען, דער חמעלניקער רב וועט אומזיסט מסדר קדושין זײַן, הפּה שאָסר הוא הפּה שהתיר! נחמן שמואל רײַסט זיך און וויל ניט הערען. דער עולם לאַכט און האָט שטאַרק הנאה פון גאַנצען עסק. דער רב הייסט אַרײַנטראָגען אַ פלעשעל בראַנפען און גיט איטליכען אַ גלעזעל צו איהם טרינקען לחיים. דאָס האָט גאָר דערקוויקט, און דער רבי גוט אַרוף: וואָס טענה'ט איהר מיט דעם שלימזל, נעהמט פיער שטעקענס און שטעלט אַ חופּה, זוכט ערגעץ אויס די אַלטע.

מאָרגענדיגען טאָג זענען נחמן שמואל און יהגה גיטעל געפּאָרען אינאיינעם קיין חמעלניק. זיי האָבען שוין געמעגט.

# וואָס ס׳טרעפט זיך

# וואס ס'טרעפט זיך

ס'איז אמאל געווען א יוד, וואס האט געהייסען רב זנביל. רב זנביל איז געווען א גרויסער עושר און האט געהאט קינדער און קינד'ס קינדער, וואס זיי לעבען נאך עד היום אין ליפאוועץ און האנדלען מיט וואטען פון מרחקים. דער טעם פון וואטען איז, כדי מען זאל זיך דערפון מאכען צום ווינטער א וואטאווע לייבל, דעם יונגעל, וואס געהט אין חדר אריין וואטאווע מאיטקעס און דער פלוניתיטע אליין א וואטאווע קלייד. אז מען איז א נגיד, אז ס'נאגט ביים הארצען און מען מוז דאך האבען א שטיקעל טולופ, כדי ניט ארומצוגעהן גלאט קבצן, נייט מען אויבען ביים קאלנער פון בורנוס און אין די פעדערשטע פא-לעס א פאס פוטער און פון אונטען שאט, שאט, א פליצע פון גאלע וואטען. וואס איז אייך דער חלוק, אבי יענעם איז ווארעם.

שטעלען מיר די וואטען אויף א זייט און קעהרען מיר צוריק צו אונזער רב זנביל'ן.

הויבען מיר אן פון אנהויב. נאך איידער רב זנביל האט געהאט קינדער, איז ער געווען א סך יאהרען א השוך בנים. אין פלוג איז עס אין עולה פונ'ם רבונו של עולם; וואס האט ער צו רב זנביל'ן? א דאס פלעגט מאכי זיין ווייב הנה רייזיל צו ווינען פאר נאט. ווי אזוי זיי האבען דערנאך יא געהאט קינדער, אט פון דעם וועט די דאזיגע מעשה דערצעהלען.

רב זנביל איז געווען דער זוהן פון בעריל טאבעס. אמאל, אז בעריל איז נאך געווען א וואסערפיהרער, האט מען איהם גערופען בערצי און מען איז מיט איהם געווען אביסעל מהולק, בארוואס זיינע עמער רינען תמיד און פארוואס ער טראגט ניט קיין וואסער פון דער וויטער קרעניצע. אז ער איז אבער שפעטער געוואען א בעל הבית און האט גאר גענומען דאס אנדערע ווייב, א יודענע מיט שכל און

אַ שטיק גבאי'שע, איז ער געוואָרען אויף איינמאָל בעריל טאָבעס. טאָבע האָט זי געהייסען, וואָס האָט איהם געשטעלט אויף די פיס. און איהם ניט געלאָזט רוהען, ביז ער איז ניט אַרויף פון הונטען אין בית המדרש, וואו ער פלעגט צו דאַוונען און האָט זיך געקויפט אַ שטאָרט אין שפּיגעל-באַנק צווישען גרונם לאָקש און נטע שמעלקעס. גרונם לאָקש האָט פיינה געהאַט נטע שמעלקעס כחתיכה דאסורה, און פערקעהרט איז געווען נטע שמעלקעס אַ דם שונא גרונמ'ען פון תמיד אָן. אַזוי האָט זיך איטליכער ביי זיך געפרעהט, אַז יענער וועט האָבען אַ שכן אַ גראָבען יונג. בעריל טאָבעס האָט געקוקט אין סדור אַריין, ווי אַ האָן אין בני אדם, און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער אויסגעלאָזט דאָס הארץ צו איהר, וואָס טויג איהם די שענע יידען. טאָבע האָט אָבער ניט ליעב געהאַט אַ סך צו רעדען. דעמאָלט איז שוין זנביל געווען אַ יונגעל פון צעהן יאָהר, און אַז זי פלעגט איהם געבען אַ גלעט, האָט זי ביי זיך געמיינט, זוהגיני, זיי ניט אַזאַ בור, ווי דיין טאַטע.

אַז ער איז גרויס געוואָרען, האָט חתונה געהאַט און האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען, האָט זי נאָך דערלעבט, אַז מען האָט איהם גערופען זנביל אין ניט מעהר זנביל בעריל'ס, אַ פנים מען האָט דאָס פערגעסען און ער איז שוין געוואָרען אַ יחוס עצמו.

צו וואָס זאָל איך מאריך זיין? זנביל איז שוין אַ יוה פון פערציג יאָהר, זיצט אין מזרח באַנק און האָט שוין געקריגען דעם נאָמען רב זנביל, אַ שטיק עושר איז ער שוין דעמאָלט געווען, האָטש ער האָט ניט געהאַט אַ סך געלד. וויניצער נגידים האָבען אַלע ניט וואָס דער פסוק מיינט. אָבער לייטיש זענען זיי, דאָס קען קיינער ניט לייקענען.

האָלט רב זנביל געהאַט קינדער, וואָלטען איהם גאָט און לייט מקנא געווען. מוז ער זיין אַ חשוך בנים, אַז עס זענען אַוועקגעגאַנגען צעהן יאָהר נאָך זיין חתונה און ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט מען אָנגעהויבען שמועסען אין שטאָדט: מסתמא וועט ער זיך גט'ען און וועט נעהמען אַ אַנדער ווייב. רב זנביל איז אפילו געווען אין עהרליכער יוד און איז קיינמאָל ניט עובר געווען אויף אַ דין. אַ דאָ אָבער האָט ער געמאַכט אַ קנייטש... און אַזוי זענען וויעדער

אוועקגעגאַנגען עטלעכע יאָהר.

ויהי היום, איז געקומען אַ רבי אין שטאָדט אַריין, דער סאַווראַניער. איך האָב געהערט, יודען זאָגען, ס׳איז ניט געווען דער סאַווראַניער נאָר דער קאָרשעווער, ר׳ משה׳לע קאָרשעווער. וואָס זשע איז געווען אַז דער רבי איז געקומען? יידען זענען געלאָפען און האָבען געגעבען פדיונות. רבי זנביל איז אויך געגאַנגען. ביי אַזאַ זאַך זאָגט מען דעם רבי׳ן צו חי׳ מאָל ח״י און מען האָט אַ מופת. וועט איהר פרעגען: אדרבא, זאָג צו! וועל איך אייך זאָגען בסוד, אַז רב זנביל האָט שוין ניט איינמאָל צוגעזאָגט, מיינט איהר חס ושלום ער האָט ניט אמונת צדיקים; אמונת צדיקים האָט ער יאָ, אָבער ער זאָגט זיך: סוף כל דבר: אַל תהי דוחק את השעה! אַז דער איבערשטער וואָלט וועלען דיר געבען אַ זוהן, וואָלסט דו געהאַט אַ זוהן, והא ראיה, אַז ס׳איז געקומען דערצו, האָט ער געהאַט ניט איינעם נאָר פינף. וואָס זשע מאַכט ער ביים רבי׳ן? דער רבי האָט איהם געשיקט רופען און האָט געזאָגט: זנביל, אַ יוזה מיך האָבען קינדער. אַז דו האָסט עס ניט זוכה געווען מיט דער, וועסט זוכה זיין מיט׳ן צווייטען זווג. רבי, איך לעב שוין מיט מיין ווייב אַכצעהן יאָהר״. — „איך היים דיר!״

איך וועל אייך דערצעהלען בקצור. רבי זנביל האָט זיך געמוזט גט׳ען מיט חנה ריי׳זלען. ער האָט נאָך געוויינט ביים רב אין שטוב. — אַז ער האָט געמאַכט תנאים מיט זיינער אַ קרובה, איז שוין געווען אוועקגעגאַנגען דריי חדשים נאָכ׳ן גט. דער מחותן האָט דוקא געוואָלט מיט כלי זמר און באַרעקענס, מיט אַלע פּישטאַווקעס. מאָלט אייך אוים, אַ יוד פון איבער פערציג אַ חתן! אַז דער רבי אָבער זאָגט: נעהם אַ מיידעל. — וואָס טהוט גאָט? דאַרף די כלה שטאַרבען פאַר דער חופה. ווייס איך? צוגעקיהלט, יודישע זאַכען... נאָך שלשים האָט ער זיך גענומען טראַכטען: זנביל, דאָס איז מן השמים. ער איז אַריבערגעפאָהרען אין יענער שטאָדט אַריין, וואו זיין ווייב חנה ריי׳זיל האָט געוואוינט ביי אַ שוועסטער און האָט מיט איהר צוריק חתונה געהאַט. אַ זיבעטל איז געווען דאָס ערשטע קינד. דאָס אַנדערע איז געבאָרען אין אַנדערטהאַלבען יאָהר אַרום. אַזוי זענען זיי געקומען אַלע פינף, איינער נאָכ׳ן אַנדערען.

# די געשיכטע
# פונ'ם אומגעקערטען פאַנטאָפעל

# די געשיכטע פון אומגעקערטען פאַנטאָפעל

— אַמאָל איז געגאַנגען אַ חסיד צום רבי'ן. ס'איז געווען פרייטאָג. פון יענער שטאָדט, וואָס דער חסיד האָט אין איהר געוואוינט, ביז צום רבינ'ס שטאָדט איז געווען אַ מייל פיער. שוין גאַנץ פריה איז דער חסיד אויפגעשטאַנען, אָבגעדאַווענט, עפּעס גענומען אין מויל אַריין און וילך! זומער איז דאָס געווען, אַ שענער טאָג נאָך שנית. דאָס העמד אויף שבת האָט ער זיך מיטגענומען אונטער דער פאַכווע און אַ זעקסער אין קעשענע אויף באָד־געלד און אַזוי האָט ער זיך געמאַכט צום רבי'ן אויף שבת, און זיין האַרץ האָט זיך געפרעהט, אַז ער וועט נאָך היינט האָבען די זכיה צו זעהן דעם צדיק. אין איטליכס דאָרף האָט ער זיך אַביסעל אָבגערוהט און איז ווייטער געגאַנגען געשמאַק. ער האָט קיינעם ניט בעגעגענט און אפילו ווען עס וואָלט אָנגעפאָהרען אַ פוהרעל, וויל ער דאָך בעסער האָבען דעם שכר הליכה. אין ירושלים פלעגט מען דאָך עולה רגל זיין, אַז דאָס בית המקדש איז נאָך געשטאַנען.

אינמיטען וועג איז ער אָבער געוואָרען מיעד און וויל ער האָט געזעהען, אַז עוה היום גדול, האָט ער זיך אַוועקגעקעהרט אָן אַ זייט, האָט גענומען אַ בינדעל סנאָפּעס ציקאָפּענס און האָט זיך אַנידערגעלעגט אַביסעל איבערדרעמלען. נישקשה, אויף אַ ווײַלע קען ער זיך אָנטהון דעם תעניג, און אַז ער וועט זיך אַביסעל אָברוהען וועט ער האָבען מעהר כח צו געהן. נאָר האָט ער מורא געהאַט, טאָמער שטעהט ער אויף און פערגעסט, פון וואָס פאַר אַ זייט ער איז געקומען און אין וואָס פאַר אַ זייט ער בעדאַרף צו געהן, איז ער געפאַלען אויף אַן עצה, האָט אויסגעטהון די פאַנטאָפעל און האָט זיי געשטעלט מיט'ן פנים נאָך דער זייט, וואָס ער בעדאַרף צו געהן, אַזוי וועט ער זיך ניט מעהר קענען טועה זיין... ער האָט זיך אויסגע־

שטרעקט אויף דער ערד און האט צוגעמאכט די אויגען. די זון האט געברענט, און היישרעקען זענען ארומגעשפרונגען אין גראז און האבען גע־זשומט. דער חסיד איז באלד אנגעשלאפען געווארען און האט שוין שטארק געחראפעט... איז געקומען דער שטן און האט איהם אפגעטהון א שפיצעל, גענומען די פאנטאפעל און זיי געשטעלט קאפויר ווי זיי זענען געשטאנען, דאס הייסט מיט׳ן פנים נאך דער זייט, וואס דער חסיד איז געקומען... דער חסיד האט זיך אויס־געשלאפען, האט זיך אויפגעכאפט, גיך אנגעטהון די פאנטאפעל אזוי ווי זיי זענען געשטאנען און האט זיך גענומען גיך געהען. אפיסעל האט ער שוין הרטה געהאט, פארוואס ער האט זיך גע־לעגט אויסשלאפען, ווארום די זון איז געשטאנען הויך, און צום רבי׳ן אנקומען אין פערשפעטען וואלט ער שטארק נית געוואלט. ער האט פערקאטשעט די פאלעס און געמאכט גרויסע שריט, אז ער האט געסאפעט. און ער געהט אלץ גיכער, אבער עס קומט איהם אויס, אז ער איז שוין געגאנגען דעם וועג. אבער ווער האט צייט אצינד צו טראכטען און זיך ארומקוקען, ער געהט ווייטער. גאט האט איהם געהאלפען, אז ער האט דערזעהן פון ווייטען די שטאדט נאך צו דער רעכטער צייט... אז ער איז אנגעקומען צום טויער האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס זעהט עפעס אויס אזוי זו די שטאדט, וואס ער וואוינט אין איהר, דערווייל איז שוין פארנאכט און מען מיז לויפען אין מרחץ ארײן. אבער אין מרחץ האט ער זיך געחדושט, אז ביים רבי׳ן אין שטאדט האט מען פונקט אזא מרחץ, ווי ביי איהם אין דערהיים, און דאכט זיך די מענשען זענען אויך קענטליך... א סך האט ער געמעגט שווערען, אז ער קען זיי גוט און זיי זעהען פונקט אזוי אויס, ווי זיין שכן חיים בעד און ווי שמעון קלמנס, אבער ער האט מורא געהאט מיט זיי אנהויבען צו רעדען. אין דער מקוה זיך איינגעטונקט דריי מאל, מוז מען ארײנ־שפרינגען אין העמד ארײן און זיך גיך אנטהון. אין מרחץ ווערט עס אלץ שיטערליך. געהענדיג פון מרחץ זעהט ער, אז מען צינדט שוין אן ליכט, מוז ער, אז ער קומט צום רבי׳ן זיך פערשפעטיגען. דער עולם געהט שוין דאווענען, און דער חסיד געהט מיט אין קלויז ארײן. אבער אין קלויז איז אויף איהם געפאלען א פחד. דאכט זיך,

דער אייגענער חן, וואָס בײַ זײַ אין דערהיים, און די אייגענע ווענד און דער אייגענער עמוד און די אייגענע מענשען. — עס מוז זײַן אַ כשוף. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקעל און האָט געדאַוועט בדחילו ורחימו. גאָרניט, דער רבונו של עולם ווייס אוודאי, וואוהין ער האָט איהם געפֿיהרט. נאָכ'ן דאַוונען ווייס ער ניט, אויב ער זאָל גלײַך געהן אין הויף אַרײַן צום רבי'ן און פֿערהאַפּען אַ אָרט, צי זאָל ער פֿריהער געהן אין אַ אכסניה קדוש מאַכען און מאַכען אַ מוציא — וואוהין ער קוקט, טראַכט ער, פּונקט אַזעלכע הײַזער זענען דאָ אין מײַן שטאָדט, ס'איז משונה... אָט אין אַזאַ גאַס וואוינט ער אַלײן. ער האַלט זיך צו בײַם קאָפּ און טראַכט זיך, טאָמער איז אַלץ אַ חלום. אָט דאָ דערזעהט ער אַ שטוב פּונקט, ווי זײַנע; טראַכט ער בײַ זיך, איך וועל דאָ אַרײַנגעהן און זוכען איבער שבת אַ אכסניה. ווי ער עפֿענט אויף די טהיר, איז ער שיער אומגעפֿאַלען פֿאַר שרעק. אַקוראַט ווי זײַן שטוב, און די בעלת־הבית'טע זעהט פּונקט אויס ווי זײַן ווײַב און זײַנע לײַכטער ברענען אויפֿ'ן טיש, כשוף, רײַנער כשוף! דאָס ווײַבעל האָט גוט געוואוסט, אַז איהר מאַן איז אַצינד בײַם רבי'ן אויף שבת, און אַצינד געהט אַרײַן אַ מענש, וואָס זעהט אויס אַקוראַט, ווי איהר מאַן. אפשר איז דאָס דער עולם התהו... דער חסיד איז צוגעגאַנגען צום טיש און מאַכט קדוש, וארכבותיו דאָ לדא נקשין. אַצינד האָט ער זיך דערוואוסט בײַ זיך, אַז ער איז אַרײַן אין די הענה פּנים שטן. — פֿון אַזעלכע מעשיות האָט מען פֿיעל געהערט. דער חסיד האָט זיך געוואַשען, געמאַכט אַ מוציא און פֿערלאָזען די טהיר אָהן איין וואָרט. דאָס ווײַבעל איז שיער חלשות געבליבען. נאָר האָט זי זיך געטראַכט, טאָמער חלומ'ט זיך איהר דאָס אַלץ. זי שלאָפֿט אָבער גאָרניט און האַלט איצט בײַ די פֿיש. זי האָט אפילו געטראַכט אַרײַנצורופֿען אַ שכן, אָבער זי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט זי האַלטען פֿאַר משוגע. — דער חסיד איז געגאַנגען זוכען דעם רבי'נס הויף און האָט ניט געקענט געפֿינען; און וואוהין ער געהט, טראַכט ער זיך, אָט דאָ בין איך ערשט נעכטען געווען. ער איז שיער פֿון זין אַראָב זיכענדיג און האָט ניט מעהר געוואוסט, וואוהין ער זאָל געהן? עפּעס איז ער דאָך געגאַנגען דעם גאַנצען טאָג צום רבי'ן און האָט זיך שוין געפֿרעדט

אויף הערויף די גאנצע וואך. איז דאס א עונש מן השמים? ער האט אנגעהויבען מהרהר זיין בתשובה אין צו זוכען אויף זיך חטאים. — מיעה איז ער געווארען, אז סהאט זיך איהם גערערעדט דער קאפ, און מרה־שחורה׳דיג און מיטען שבת אריין. — ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א פרעמדע פריזבע און האט אנגעהויבען צו וויינען: רבונו של עולם! פארוואס האסטו מיך געשטראפט און מיך פערבלאנדזשעט, איך וועל טהון תשובה און איך וועל קיינמאל ניט זינדיגען, נאר עפען מיר אויף די אויגען, כדי איך זאל וויסען, אוואו איך בין. אינמיטען וויינען איז ער אנטשלאפען געווארען אויף דער פריזבע פון א שטוב. איז געקומען אליהו צו איהם אין חלום און האט איהם מגלה געווען, ווי ער איז און ווי אזוי ער איז צוריק אהער געקומען. פון דעמאלט אן איז ער געווארען נאך א גרעסערער עובד און א צדיק גמור!

# די התחלה
# פון ראוב׳לע נאָטאַנזאָהן

# די התחלה פון ראובל'ע נאטענזאהן.

... דער דין איז אזוי, אז א יונג טהוט א שדוך מיט א מיידעל פון פופצעהן יאהר און גיט איהר דרייהונדערט רענדלעך נדן, איז מסתמא דער חתן א לערנער און מען האלט איהם אויף קעסט, ביז ער וועט האבען א פאר קינדערלעך, ארייננוואכסען און ווערען א מענש.... און די דאזיגע יאהרען, וואס מען טהוט ניט פון דער האנד אין א קווארט וואסער און מען קריגט פון שווער און שוויגער אפילו אויף נדבות געבען, לערנט מען אביסעל חושן־משפט און יורה דעה און גמרא, מען איז יעדען דאנערשטאג די גאנצע נאכט אויף, און מען געהערט צו די פיינע יונגע לייטלעך פון דער שטאדט זיך מישען אין די שווערם מסחרים, צי גלאט אזוי אין עניני־דעלמא ליעגט אזוינעם ניט אין דער לינקער פאה; צו וואס זאל מען געהמען בעצייטען אויף זיך דעם עול? און דער שווער האט אויך גאר קיין חשק ניט לאזען דעם איידעם זיך מישען אין זיינע עסקים, ווארום וואס ווייס אזא יונגעל, וואס האט קוים א התימת־זקן אין וועלט־זאכען? אז מען וואלט איהם געגעבען אין האנד ארייין דאס געלד, וואס איז אנגעלעגט אויף א שלישות, וואלט ער דאס באלד צו־טרענצעלט... געהט אבער אוועק דריי פיער יאהר נאך דער חתונה און מען האט שוין דריי, פיער קינדערלעך, מוז מען דאך אנהויבען צו טראכטען אויף א תכלית.... די גאנצע וועלט קאנען דאך ניט ווערען קיין רבנים. און אזוי מוז דער יונגער מאן פון בית מדרש אנהויבען טראכטען צו ווערען א סוחר.... די קשיה איז נאר, מיט וואס זאל ער אנהויבען האנדלען? מיט שטשעטשינעס, מיט מעל, מיט לעדער, צי עפענען א קראם, צי דינגען א מיהל? טראכט אהין, אהער, א עצה האלטען מיט'ן שווער און מיט'ן אייגענעם טאטען. א קיצור, אז די גאנצע משפחה האנדעלט מיט פעדערן, מוז ראובן יוסעלם

אײדעם, וואָס מיר שמועסען אַצונד פון איהם, אויך אָנהויבען האַנדלען מיט דעם. פעדערן קויפט מען אויף אין לעטיטשעוו און אין דער סביבה, מ׳פּאַקט זיי אײן אין זעק און מ׳פיהרט זיי אַוועק קײן בראָד אין דעם גרויסען מקום, וואָס דאָרט קריגט מען פאַר זיי דעם גוטען מקח, און מען קויפט דאָרט אָן וואָלוועל אַנדערע סחורות. אַוודאי זענען אין לעטיטשעוו געווען גענוג סוחרים, וואָס האַנדלען מיט פעדערן, אָבער דערפון איז ניט געדרונגען, אַז ראובן זאָל אויך ניט האַנדלען מיט דעם. אַז גאָט וויל העלפען, האָט ער פאַר אַלעמען... אין אַביטעל, וואָס זיבען יודען זיצען שוין דרינען, קריך אַרײן מיט די פיס, און דאָס וואַסער ווערט נאָך פולער. איי וואָס, ראובן איז אין די ענינים נאָך ניט דער גרויסער בקי, שטעלט איהם צו דעם עלטערן אײדעם חיים׳ן, וואָס איז שוין געניט אין דעם עסק. חיים איז אויך אָבגעזעסען זײנע קעסט, ווי ראובן און האָט אויך געלערנט ווי ער; און אַז ער איז געזעסען ביי דער גמרא, האָט מען געמיינט, אַז דער וועט קײנמאָל ניט פאַרדינען קײן זעקסער, און אַצונד איז ער אויסגעבאָדען אין מסחר. דער עיקר איז ביי אַ מענשען דער שכל; אַז אַ מענש האָט שכל און הויבט נאָר אָן צו פיהלען דעם טעם פון געלד און געלד פערדינען, ווערט מען שוין ממילא אַ סוחר...

אַזוי האָט ראובן צו ראובילע, דער יונגסטער אײדעם פון רב יוסיל׳ן, אַרויסגענעהמען דעם נדן און האָט אָנגעהויבען זיך מכין זײן ווערען סאַמאָסטאָיאַטעלני. ראשית האָט ער באַלד אַוועקגעלעגט דאָס לערנען און אַז ער האָט אָנגעהויבען צעהלען דאָס נדן געלד, וואָס מ׳האָט אַצונד אַרויסגענעהמען, האָט ער זיך באַלד געפרעגט, צו מען האָט איהם אַלץ געגעבען, וואָס מען האָט איהם צוגעזאָגט, און האָט זיך גענעהמען קריגען מיט׳ן שווער.... רב יוסיל׳ן האָט אַפילו געהאַרט, אַז מען וויל פון איהם אַרויסקוועטשען נאָך געלד, אָבער אין האַרצען האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַט פון דעם וועט ווערען אַ לײט. און אַז זײן פעסי האָט איהם געמאַכט אַ ביזע שעה, פאַרוואָס ער לאָזט זיך אַזוינס זאָגען פון אײנעם, וואָס האָט געגעסען זײער ברויט און איז בסך הכל אַ יונגעל, האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען: „פעסי, לאָז זײן; וואָלט דיר געווען ניחא׳ער, ער

זאָל זײַן אַ תמ׳אָזאַטע און ניט פערשטעהן אַ צורת מטבע״. אידר בעדאַרפט צו װיסען, אַז רב יוסיל האָט שוין אָנגעהויבען אין זיך האָבען זיך גאָר אויסטהון פון די עסקים און אַלץ איבערגעבען די אײדעמ׳ס, ער האָט נאָר געװאָלט, אַז דער מסחר זאָל איבערגעהן אין גוטע הענד. אַז מען װערט אַלט און מען פיהלט שוין אַ מיהוש, מוז מען אָנהויבען טראַכטען פון יענער װעלט...

---

ט איז געקומען די צײַט, אַז ראובן זאָל פאָהרען מיט חיים׳ן אין װעג אַרײַן. צװײ װאָכען כסדר האָט מען זיך געגרײט. דאָס געלד האָט מען אויסגעביטען אויף האַלבע אימפעריאַלען און אײַנגענעהט אין אַ לעדערנעם גאַרטעל. דער שמועס איז געװען, אַז אַצונד זאָל ניט ראובן גלײַך אָנהויבען קויפען פעדערן און מיט זײ פאָהרען קײַן בראָד, װי דער שטײגער איז, נײן, ער זאָל גלײַך פאָהרען מיט׳ן מזומן געלד און דאָרט זיך אָנהויבען אַרומקוקען.... און אַז ער װעט דאָרט אײַנקויפען סחורה, װעט ער דאָ מאַכען חלופים מיט פעדערן. נישקשה, חיים װעט שוין פאַרשטעהן, װאוהין ער זאָל איהם פיהרען; און ראובן אַלײן װעט ערשט עפנען אַפּאָר אויגען, אַז ער װעט קומען אין די גרויסע שטאָדט בראָד און װעט צונויפקומען מיט הונדערטער מענשען און װעט זעהן אַ װעלט, װאָס ער האָט נאָך קײנמאָל ניט געזעהן, הן אין לעטיטשעװ, װאָס ער איז אַצונד דאָרט, הן אין המעלניק בײַ זײַן פאָטער.

חיים, אָדער װי מען האָט איהם גערופען צו דער תורה חיים מאיר, איז געװען דער גרויסער מושלם אין האַנדלען און בדיעבד אויך, אַ שטיק פלוט און האָט קײנמאָל ניט געװאוסט, װאו ער האַלט. דער מסחר איז געװען זײַן חיות און זײַן נשמה. ס׳איז אַ װעלט, ׳מ׳גיט, מ׳נעהמט, מ׳קויפט, מ׳פאַרקויפט! דאָס שיקט מען אַהין, דאָס קומט אָן פון דאָרטען. פון אומעטום נעהמט מען שלישית געלד... דערװײַל איז דאָס אַ שטוב מיט קינדער קײן עין־הרע, אַ קימפעט, אַ ברית, אַנ׳אַם. קומט צופאָהרען אַ ברודער און ס׳איז פלאַטשיק מיט איהם, מוז מען איהם אַ ביסעל העלפען. דערװײַל גיט ער זיך אַ טאַפּ, האָט

ער פֿערלוירען אַ וויכטיג כּתיבה'לע. און דאָ קומט איהם פֿאָר, אַז ער טהוט צו ווענינ, אַז ער מוז אָנהויבען זיך זוכען נייע עסקים... אינמיטען דערמאָנט ער זיך, אַז איינער האָט איהם נאָך ניט בעצאָהלט און ער ווייסט אַליין ניט, וויפֿיעל ער איז איהם שולדיג.

נו פֿאָהרט ער אַצונד מיט'ן יונגערען שוואָגער אינאיינעם קיין בּראָד, און מען פֿיהרט מיט זיך אַפּותיקא; און דאָרטען וועט זיך אָנהויבען אַ נייע מעשה צו דרעהען: מען וועט קויפֿען לעדער און זיידענס. צאָהלען וועט מען די העלפֿט און דאָס איבריגע וועט זיין אויף זעכס חדשים. דאָס אַנדערע געלד בּלייבּט בּיי איהם, און מניה וביה האָט ער פֿערשטאָפּט אַ סך לעכער. אַ כּלל, פֿריש און לעבּעדיג. דאָס ראָד דרעהט זיך!

וואָס־זשע טהוט גאָט? מוז היים אין דער פֿערטער קרעטשמע ווערען קראַנק. אַפּנים ער האָט זיך פֿערקיהלט. מען בּלייבּט נעכ־טיגען. אין דערפֿריה איז נאָך איהם ערגער און מען מוז נעבּיך פֿאָהרען צוריק אַהיים... אַוודאַי וויל היים, אַז ראובן זאָל אויך צוריקפֿאָהרען. וואָס איז שייך, ווי לאָזט מען ראובנ'ען אַליין? און עפּעס האָט ער דאָך גענעהמען אויף זיך דעם אַחריות.... אָבּער ראובן האָט זיך איינגעשפּאַרט, ער פֿאָהרט אַליין ווייטער. היימ'ען איז אַפֿילו גע־ווען פֿריקרי איהם צו לאָזען; אָבּער ער האָט געזעהן, אַז ער שטעהט פֿאַר אַ עקשן און ס'וועט איהם גאָרניט העלפֿען; און דאָס איינגענע געזונד איז פֿאָרט טייערער. האָט ער זיך געזעגענט מיט איהם און איז געפֿאָהרען צוריק קיין לעטיטשעוו.

ראובן איז געבּליבּען אַליין און האָט אָנגעהויבּען צו פֿיהלען דעם טעם פֿון דעם, וואָס הייסט זיין איינענער בּעל־בּית. ער האָט בּאַלד געהייסען זיך געבּען דעם סאַמאָוואַר.... עפּעס האָט ער גע־האָט הנאה פֿון דעם הייסען, און אַז ס'איז ניט געקומען צו דער מינוט, האָט ער זיך אָנגעהויבּען צו בּייזערען. ער האָט געקוועלט זעהענדיג, ווי מען קריכט איהם אין יעדער נייע קרעטשמע אונטער די נעגעל און מען טראָגט איהם אַלץ צו. אַז ער פֿלעגט אַריינ־טהון צוקער אין דעם גלאָז טהיי און צוברעכען דעם בּייגעל, איז איהם פֿאָרגעקומען, אַז ער האָט שוין לאַנג געמאַכט עסקים און וועט ניט בּטל ווערען פֿאַר קיינעמען.... פֿערקעהרט, האָט ער צו זיך גע־

זאָגט, איך מוז ווערען דער ערשטער סוחר פון לעטיטשעוו. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען אויפ'ן וועג איבער דעם שווער זיינעם און חיים'ן און איבער דעם גביר פון לעטיטשעוו און די אַנדערע גרויסע סוחרים, וואָס פאַר אַ טבע דער האָט און יענער, און ווי אַזוי מען קומט צו אַ גרויסען מעמד. עפּיס איז איהם פאָרגעקומען דאָס גאַנצע זיצען ביים שווער און זיך לאָזען בעטען אין דער בריה, ער זאָל נעהמען דאָס ביסעל קאַווע, צי ציקאָריע, מעשה יונגעל. און ווי ער זיצט אַצונד איינגעוויקעלט אין בורקי און דער גוי אויף דער קעלני טרייבט און יאָגט דורך די ווייטע פעלדער, איז ער טאַקי אַן אַנדער מענש! און דער קוראַזש זיינער וואַכסט פון מינוט צו מינוט און פאָהרען פאָהרט ער אין די גרויסע מדינה און פינף הונדערט גאָלדענע רענדלעך פיהרט ער מיט זיך, און זיי וואַרעמען אַ סך מעהר ווי אין בית המדרש דער „כרתי ופלתי" צי דער „קרבן־אהרן"; און איהם ווילט זיך אַצונד גאָר לערנען מיט חיים'ן בלק און איהם ווייזען, אַז ער איז צעהן מאָל קליגער פאַר איהם. עפּעס האָט ער איהם אַצונד פיינד און דעם שווער און אַלע אַנדערע שוואָגערס. ער מוז זיי טרעטען אויפ'ן קאָפּ און ניט זיי איהם. האָט איהר געזעהען אַזוינס? ווי שטעהט'ס, אדם קרוב לעצמו, דאָס האָט ער אַצונד געפיהלט אין אַלע אברים, און ער האָט בעקומען אַ שטאַרקען רצון אין בראָד קונה שלמות זיין....

אָנגעקומען קיין בראָד, האָט ער גענומען די אויגען אין די הענד אַריין און זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען אין אַלע זייטען. אויף דער סטאַנציע האָט ער זיך גלייך איבערגעטהון, אַרויסגענומען דאָס געלד, עס איבערגעצעהלט און צוטיילט אויף צוויי חלקים, געדענקענדיג דעם פסוק פון יעקב'ן, והיה אם יבוא אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפלטה. ווען איין טייל געלד געהט צום רוח, בלייבט נאָך איבריג דאָס אַנדערע. אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק אַריין, האָט ער ערשט אָנגעקוקען די קלייטען, געגאַנגען אַהין, אַהער, זיך צוגעהערט וואָס מען רעדט, זיך אַליין מיט זיך מישב געווען און האָבען איהם געזעהן אַנדערע און זעגען צוגעגאַנגען צו איהם און מיט איהם געוואָלט מאַכען אַ שמועס, האָט ער זיי גלייך אָבגעהאַקט די פליגעל און האָט געענטפערט, אַז איך וועל אייך בעדאַרפען, וועל

איך אייך קומען רופען.... און אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג און האָט בײַ זיך גערעשעט צו קויפען װעלענס מיט ציצין אין איינעם.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז ער אויפגעשטאַנען, זיך געוואַשען און געגעבען אַ קורצען דאַווען, ווי מען איז דאָס אין לעטיטשעוו גאָרניט געוועהנט, אויסגעטרונקען דעם טהיי, זיך אָבגעווישט די ליפען און זיך גענעהמען געהן פאַוואָלע אין אַ גרויסע קלייט, אַרײַן און האָט אָנגעהויבען רעדען מכה קויפען. ווי ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ האָט מען גאָרניט פיינד אָבצונאַרען, האָט ער זיך געמאַכט תמאָוואַטע, אויסגעפאָרשט אַלע קנייטשלעך און היטרים; און דערנאָך, אַז יענער האָט געמיינט אָט קומט דאָס צו'ם סמיך און מען האַפט איהם אַרײַן מיט ביידע הענד, האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפיצפינגער, פון די פיס, געעפענט אַ מויל און יענעם געחיזען צייהנער, אַז דער קרעמער האָט באַלד דערקענט, אַז ער האָט דאָס צו טהון מיט אַ אָבגעריבענעם יונג. אין דער צווייטער קלייט, האָט ער שוין געהאַט די פראַקטיקע פון דער ערשטער קלייט און האָט באַלד אָנגעהויבען: „איהר האָט דאָ ניט צוטהון מיט אַ פריץ אַ סוחר בין איך, אָבער איך האָב ליעב רעיעל און בעצאָהל מזומן. און געגעבען האָט ער צו פערשטעהן, אַז ער האַנדעלט שוין מיט יענעם קרעמער, וואָס ער האָט נאָר וואָס ביי איהם געקויפט דאָס ביסעל סחורה, און האָס טהוט ער שוין אַ פאָר יאָהר; אָבער אַצונד וויל ער זעהן נייע מוסטערן.... אַ קצור, ער האָט אומעטום געמאַכט די בעסטע קניות און אומעטום האָט ער אָנגעהויבען גרויס און געקויפט נאָר די העלפט. ביים איינפאַקען איז ער געשטאַנען אַליין, און איז ניט אַוועקגעגאַנגען ביז מען האָט דאָס ניט צוגעבונדען און פערחתמ'עט. שוין פון בבא קמא און בבא־מציעה האָט ער געוואוסט, אַז אַ מענש, אַ בשר־ודם איז עלול צו פערבייטען.... און דערפאַר, וואָס ער האָט בעצאָהלט מזומן; האָט ער זיך געדינגען אַראָבלאָזען פראָצענט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף די סחורות און איז ניט געפאָהרען אויף אַנאַנדער וואָגען און האָט גענעכטיגט גלייך מיט די טשמאַקעס און ניט געטרויט קיינעם אַ האָר. פאַר דאָס ווייב זיינס האָט ער אָבגעהאַנדעלט אין דער לעצטער מינוט אַ זיידען טיכעל און איז

געפאהרען אהיים א האלבע אייל גרעסער, ווי ער איז געפאהרען אהין...

און אין לעטיטשעוו האט ער באלד פערקויפט די סחורות און קונצען. און דערנאך האט ער אנגעהויבען אויפצוקויפען פעדערן פאר בראד און האט זיך אריינגעלאזען אפשר מיט זעכציג קליינע יודעלעך און זיי אלע אריינגערוימט אין אויער אריין א סוד אז ער צאהלט מעהר 3 קאפיקעס אויפ'ן פונט אבער ער וויל גוטע פעדערן. און צום פאקען האט ער גענומען שפאגעל נייע זעק און זיך גענעהמען פאקען, ווי איינער וואס האט דאס אויסשטודירט מיט'ן פינטעלע: זיבורית מלמטה ועידית למעלה! און אז ער איז ווידער געפאהרען נאך דריי הדשים קיין בראד, און דאס מאל טאקי אן היימ'ן פון ראשית אן, האט ער דארט גענומען די גרויסע מקחים און האט איטליכען געגעבען צו פערשטעהן, אז ער טהוט איהם א לאסקע, אז ער פערקויפט איהם. אבגעלייזט און איבערגעצעהלט א גוטען פערדיענסט האט ער דאס אלץ גוט איינגעשנירט און זיך גענומען איינקויפען סחורות. א וואו ער האט פריהער געקויפט ציץ, האט ער אצונד געקויפט וועלענס, ולהפך כדי אויסצופרובען איטליכען קרעמער און אלעמען. און וואו מען האט איהם פריהער אריינגעשטופט א שלעכטע זאך, האט ער זיך גארניט געשעמט און גענעהמען איבער-בייטען און געזאגט, אז ווען דאס קומט נאך אמאל פאר, וועלען זיי איהם קיינמאל ניט זעהן. אלע קרעמערס זענען איהם נאכגעלאפען און האבען איהם געבעטען, ער זאל קויפען ביי זיי. א קצור ראובינ'ען קען מען שוין אין גאנץ בראד!

און אז ער איז געקומען צום דריטען מאל קיין בראד מיט פעדערן, און די מעקלערס אויפ'ן מארק האבען אנגעהויבען דרייען דעם מקח, האט ער זיך ניט געאיילט צו פערקויפען און האט אנגעהויבען פאוואלענקי צו פרעגען, וואוהין די פעדערן קומען אהין? איז ער געוואהר געווארען, אז די קומען קיין נאנסי אין פראנציא. וואס טהוט אונזער ראובן? ער לאזט איינפאקען צוריק די פעדערען, גיט די טשאומאקעס נייע אדריוועז און איז ניט פויל אויפ'ן פעלץ און לאזט זיך אוועק קיין נאנסי. דארט אנגעקומען האט ער זיך בעצאהלט דעם ריוח וואס די בראדער פערדיענען אן די פעדערן. און אהיים

דעם, וואָס ער האָט פערקויפט אַלע פעדערן, וואָס ער האָט מיטגעבראכט, האָט ער נאָך אָנגענומען אַסך בעשטעלונגען אויף פעדערן, וואָס ער האָט געוואָלט זיי צושטעלען ערשט אין זעקס הרשים.

פאָלג מיך אַ מאַרשרוט פון נאַנסי קיין לעטיטשעוו, הרים וגבעות איז ער אַריבערגעפאָהרען! און געקומען אַהיים דער גרויסער סוחר. גלייך אָנגעהויבען אויפצוקויפען פעדערן און געצאָהלט גוט און אָנגעהויבען צו דריקען דעם שווער און דעם שוואָגער און די איבריגע סוחרים, ביז זיי זענען אַלע געקומען צולויפען און האָבען געבעטען רחמים, אַז זיי וועלען מאַכען מיט איהם יד אחת.... אַ כלל אַהין, אַהער, ער האָט אָבגעקויפט ביי זיי די פעדערן צו בראָדער מקחים, אָבגערעכענט די פראַכט און די הוצאות און זיך געלאָזען ככלות חצי השנה מיט דרייסיג וואָגען פעדערן אין ווייטען וועג אַריין.... איטליכער האָט זיך געחידוש'ט אויף ראובנ'ען, ווי ס'האָט זיך צו גענעהמען דאָס הראַבראָסט. אַ טייל האָבען אַפילו געזאָגט, ער ברעכט דעם קאָפּ; און ראובן האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיי אַלע. פינף טויזענד רענדלעך האָט איהם געבראַכט אָט די נסיעה, און צוריקגעקעהרט קיין לעטיטשעוו, איז ער אַ גאַנצער מאַכער. קויפט זיך אַ שטוב מיט מעבעל, ווערט אַ נגיד און איז אין דער גאַנצער משפחה דער יושב ראש....

* *

*

וואָס זאָל איך פאַריך זיין? נאָך פינף יאָהר האָט ראובן דעם גאַנצען מסחר פון לעטיטשעווער פעדערן אין זיין האַנד; און געלה געהט צו געלד, און ער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. אַ פּאָר שוואָגערס זיינע דיענען ביי איהם און ער האַלט שוין גאָר אַ ביכהאַלטער. און ער קען זיינע מענשען אינעווייניג און אויסענווייניג. אַז ער האָט דאָסטיגאַיעט די ערשטע ששים אלף, האָט ער זיך אָנגעהויבען מישען אין קהל'ס זאַכען. אין האַרצען האָט ער געטראַכט, אַז אַלץ קאָן געהן אַ כפרה פאַר איהם און זיין עסק, אָבער ער וויל זאָגען די דעה. און רופען רופט ער זיך, אַצונד ראובל'ע נאַטאַנ-

זאָן און פֿיהרען פֿיהרט מען זיך אַבּיסעל דײַטש. הוהן זײַן ווײַב, אַז איהר וואָלט זי אַצונד געזעהן, וואָלט איהר זי גאָרנישט דערקענט: אָט דאָס קליינע יודיש ווײַבעל זעהט גאָר אַנדערש אויס, אַז זי געהט אַרויס אָנגעטהון אין סאַמעט און זײַדענס און מיט דעם האַלז פּערל; און צו די קינדער האַלט מען לערערס. אַזוינס האָט מען אין לעטיטשעוו נאָך ניט געזעהן!

און דער סוף איז געווען, ויפרוץ ממונו לרוב. ראובל'ע נאַטאַנזאָן איז געוואָרען דער גביר פֿון די מאה אלף, אַרויסגעפּאָהרען מיט צוויי פּערד אַז ס'האָט געטראַסקעט, וואוינען וואוינט ער אין אַ מויער מיט געוועקסעלטע פּאָדלאָגעס. זײַן מעבעל, זײַן זילבער, זײַנע שדוכים מיט קינדער. גאָט און לײַט האָבען איהם מקנא געווען, און ס'איז געווען פּאַר וואָס. — —

זײדע.

# ווײדע

דין פֿאָטער ישכר בער קוטנער איז געווען אַ יוד, וואָס איז געזעכען כל ימיו אין אַ דאָרף אָהן אַ פּיצעל נשמה פֿון אַ דאָרפֿס-יודען. עפּעס פֿאַר פֿערציג יאָהר איז איהם געווען בעשערט חתונה צו האָבען אין אַ דאָרף; און אַז ער האָט אָבגעזעסען זײנע זעכס יאָהר קעסט און דער שווער איז געשטאָרבען, איז ער אַלײן געבליבען אין דאָרף. דאָרט האָט ער געהאַלטען אַ קלײטעל, געהאַנדעלט מיט תבואה און מיט האָלץ, אַמאָל פֿלעגט ער פֿערקויפֿען אַ קצב אַ שטיקעל סקאָט, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט, אָבער אַלײן אין האַרצען איז ער געבליבען אַ תהלים-זאָגער, אַ משניות-לערנער, צי גאָר אַ שטיקעל בעל-תפֿלה, אַז ער פֿלעגט קומען אין שטאָדט אַרײן.

בײלע, זײן מוטער יהאָט צו דעם פֿאָטער, ישכר בער'ן ניט אַזוי געפּאַסט. בײלע איז געווען העכער פֿון איהם מיט אַ קאָפּ און אַ יודענע, וואָס נאָך אין די שפּעטערע יאָהרען האָט מען געזעהן אַז זי איז געווען אַ שענע. אַז זי איז געווען אַ מײדעל, האָט זי גאָר אין זין געהאַט אַנ'אַנדער חתן, אַ מענש וואָס האָט געדיענט אין אַ גאַראַלניע, התונה געהאַט האָט זי מיט ישכר בער'ן, וואָס ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט פֿאַר זיך — אַ יודענע מיט פֿינף קינדער — וואָלט זי זיך מודה געווען, אַז ער איז איהר בסך הכל ניט ליעב...

איהר גאַנצע נשמה איז געווען ווײדע, איהרע עלטערע זוהן, און דעם האָט זי מחנך געווען נאָך איהר דרך. גאָר ניט אַ אײנגעבױגענער יוד, ווי דער טאַטע, האָט זי זיך געזאָגט. און אַז ס'איז געקומען די צײט, אַז ער האָט שוין געקאָנט אַביסעל עברי און מען האָט געוואָלט אָנהויבען מיט איהם חומש, האָט זי זיך מישב געווען, איהם אָוועקגעפֿיהרט אין אַ אַריעזדני גאָראָד, ניט אין דעם שטעדטעל, וואָס לעבען דעם איז געווען זײער דאָרף; דאָרט האָט זי איהם אָנ-

געדונגען קעסט ביי אַ קרוב, וואָס איז געווען אַ שטיק היינטיגער און מען האָט אָנגעהויבען מיט איהם לערנען רוסיש. ישכר בער האָט געמיינט דער רוח נעהמט איהם, ווארום בסך־הכל האָט ער פיינד דעם נייער דור מיט אַלע זיינע קענטנישען, אָבער ביי זיין ווייב ביילען האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט די דעה. —

זיידע האָט זיך אַ לאַנגע צייט פּריגאָטאָוועט און פּריגאָטאָוועט, און דערנאָך איז ער מיט מיה אַריינגעקומען אין נאַראָדנע אוּ־משילישטשע. אין איטליכער קלאַס איז ער געזעסען צוויי יאָהר, ווארום דאָס לערנען איז געווען שווער און דער מוח איז ניט געווען דער גוטער, דערפאַר אָבער איז ער שטאַרק געוואַקסען און געוואָרען אַ גרויסער און שטאַרקער יונג. אַז ער איז געקומען אויף יום־טוב אַהיים, האָט מען איהם פשוט ניט דערקענט. געטראָגען האָט ער אַ קורץ רעקעל מיט מעשענע קנעפּ, אַ היטעל מיט אַ לאַ־דערנעם דאַשעק און אויסגעזעהן האָט ער, ווי גאָר ניט קיין יודיש יונגעל.

ביילע האָט זיך אַדאַי געפרעהט, אָבער די פרייד איז ניט געווען אָהן אַ עגמת נפש. זי האָט זיך געטראַכט אין הארצען, וואָס וועט זיין דער סוף פונ'ם לערנען. אַז ער זאָל ווייטער שטודירען, האָט מען ניט פון וואַנען, און ער אַליין האָט אויך ניט קיין חשק דערצו... אַז ס'קומט אַריין אַ שיקסעל, געהט ער צו איהר צו און גיט איהר אָן קונצען אַ קניפּ אין באַק. אַ מוטער, אַז זי זעהט דאָס, האָט פון אַזוינס שטאַרקע יסורים.

און אַז זיידע האָט אויסגעלערנט און טאַקי געקאָנטשעט אויף דריי קלאַסען און איז געקומען אין דאָרף אַריין שוין אויף כסדר, האָבען זיך אָנגעהויבען די אמת'ע זאָרגען. אַ האַלבער אַ געקאָנטשעטער קאָן אַדאַי ניט העלפען דעם פאָטער ביים מעסטען וויין, צי דער מוטער ביי די בהמות, און אַזוי ווערט מען אַ פוסטע־פּאַסניק. די ביכער ליגען און שימלען, און ווען מען האָט תחלת נאָך געשאַנעוועט דעם פאָטער, זיך געוואַשען צום עסען, זיך געזעצט פרייער. צו [illegible] צום טיש, האָט דאָס נאָכדעם אויך אויפגעהערט; מען זאָל ניט זגריגען מיט די רעה, אַ ריינער משומד.

אין האָראָדישטש, אין דעם שטעדטעל לעבען דאָס דאָרף האָט מען געמיינט, אַז אַזוינער וועט ווערען אַ שרייבער אין אַ וואָלאָסט און וועט האָמשי פֿערדיענען אַ קערביל. צונעהמען אַ יודען אויף אַזאַ שטעל האָט מען אָבער ניט געוואָלט; און די טבע איז געווען פֿון זיידען זיך ניט צו שטופּען, ניט עפּעס וועלען צו דאָסטיגאַיען. שלאָפֿען שפּעט ביז צעהן אַ זייגער, דערנאָך אויפֿשטעהן, זיך פֿאַוואַלינקע וואַשען און זייפֿען. — ניט נאָר פֿרייטאָג נאָר אַלע טאָג, פּוצען די שטיוועל און דעם סערדוט, איבערביימען און אַוועקגעהן, ביז צום אָנבייסען —. דאָס איז געווען זיין מהועכין אַלע טאָג. און דאָ איז מען געוואָרען איין און צוואַנציג יאָהר און מען האָט די טרפֿה'נע הצלחה ציהען אַ גרויסען זשערעב און בלייבען אין דערהיים.

וואָלט ער האָטש געטראַכט התונה צו האָבען און צו נעהמען אַ ווייב און ווערען אַ מענש, ווי אַלע מענשען, אָבער דאָס אויך ניט. פֿינף און צוואַנציג יאָהר איז שוין זיידע אַלט געוואָרען און איז נאָך אַלין אַ בחור. ס'געהט אויפֿ'ן זעכסאונצוואַנציגסטען, אויפֿ'ן זיעבענאונצוואַנציגסטען, מען איז אַכטאונצוואַנציג, באַלד דרייסיג, און אַלין קיין תכלית ניט. אַז ער איז געקומען אין שטעדטעל אַריין, האָט מען אויף איהם געטייט מיט די פֿינגער...

ישכר בער, דער פֿאָטער, האָט ניט געטאָרט רעדען אַ וואָרט, צו איהם גאָר עפּעס זאָגען. אין דער פֿריה, אַז ער האָט געדאַווענט און קיינער איז ניט געווען אין שטוב, האָט ער געגעבען אַ שטאַרקען זיין. דער שברון-לב צו זיין דער פֿאָטער פֿון אַזאַ זוהן, וואָס עסט פּשוט קאָלבאַס און איז שוין גאָר קיין יוד ניט, איז ניט קיין קליינינקייט. אָבער אויך ביילע די מוטער זיינע, וואָס האָט תמיד געהאַלטען צו איהר קינד — איהר האָט געהערט אַ קינד, אַ בחור פֿון דרייסיג יאָהר — האָט אויך געהאַט אַ וועהטאָג אין האַרצען. אַדאַי איז ער נעבין אַ גוט קינד, האָט זי געטראַכט ביי זיך, אָבער ער האָט ניט קיין מזל.

מענשען האָבען איהר געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען בעסער, אַז ער וואָלט געבליבען אין אויעזדני גאָראָד, דאָרטען וואָלט ער זיך געקאָנט צושלאָגען צו אַ שטעל; עפּעס מוז ער דאָך אָנהויבען ווע-

לען פערדיענען. זיידע האט אָבער גאָרנישט געוואוסט פון עצם פערדיענען. און אז ער האט זי געפאָלגט און איז געפאָהרען אין שטאָדט אריין זיך קלומפערשט זוכען אַ דאָלושנאָסט, איז נישט געוועזען אוועקגעגאנגען קיין זעקס וואָכען, אז עס האט איהם צוריקגעצויגען פון שטאָדט אין דאָרף אריין.... איהר וועט מיר נישט גלויבען, אָבער ס'איז איהם עס אויך געצויגען צו דער מוטער.... אָ דער גרויסער און געזונדטער מענש, מיט'ן געשוירענעם באָרד האט געבענקט נאָך דער מוטער. אז ער איז געקומען אהיים און די מוטער האט איהם געדעקט צו דער וועטשערע, דער פאָטער איז נישט געוועזען; ער האט זיך געזעצט עסען; זי האט זיך אנידערגעזעצט אקעגען איהם, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד און געקוקט, ווי ער עסט, איז איהם איבערגעגאנגען דאָס האַרץ. רחמי־אם איז אַ געפיהל, וואָס מאַכט אפילו אייזען ווייך...

ויהי היום. האט ישכר בער געהאט יאָהרצייט און ער האט געוואָלט מאַכען אַ מנין אין דאָרף, האט ער צונויפגערופען ניין יודען פון די דערפער — ס'איז אַ חרפה צו זאָגען, דעם אייגענעם זוהן קאָן ער נישט מצרף זיין צום מנין. — אַלע ניין יודען זענען געקומען און האָבען אָנגעטהון די טליתים און האָבען זיך אַנידערגעשטעלט דאַוונען. זיי שטעהען און שאָקלען זיך. דאָ קומט צולויפען אַ שייגעץ און גיט אַקוק דורכ'ן פענסטער. אַזאַ אָנבליק האט ער נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. אַוודאי איז ער באַלד צוגעלאָפען צו אַן אַנדער שייגעץ און איהם אויך געוויזען די יודען, וואָס שטעהען און שאָקלען זיך... און דאָס שייגעציל האט אויף כטעות'ן געהאַפּט אַ שטיין און אריינגעוואָרפען אין פענסטער אריין. די יודען האָבען זיך דערשראָקען, און איינער איז אַרויסגעלאָפען און האט געוואָלט האַפּען דעם שייגעץ. אָבער באַלד זענען אַרויסגעגאַנגען פון די האַטעס אַלע גוים, וואָס האָבען ביז אַצונד קיינמאָל נישט געטשעפּעט ישכר בער'ן און וואָס פּלוצים איז ערוואַכט אין זיי דער שונא ישראל; זיי האָבען זיך געוואָרפען אויף די יודען און האָבען אָנגעהויבען צו שלאָגען מכות רצח. מאָלט אייך אויס, דאָס גאַנצע דאָרף גוים וואַרפט זיך אויף אַ פּאָר דאַווענדיגע יודען! ישכר בער'ס שטוב איז שיער נישט צוטראָגען געוואָרען. אָבער דאָ האט זיידע געוויזען, וואָס ער

קאָן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט קעגען די גוים מיט אַזאַ גבורה און האָט אָנגעהויבען צו שיטען אַזעלכע מוראדיגע קלעפ, אַז זיי האָבען געזעהן, אַז איהם וועלען זיי ניט מנצח זיין. ווי אַלייב האָט ער געקעמפט געגען די פיינד און זיי זענען פונאַנדערגעלאָפען....

אַזוי האָט זיידע, דער פוסטער בחור, געראַטעוועט פאָטער און מוטער, געראַטעוועט די שטוב, געראַטעוועט די יודען, און גע־ראַטעוועט דעם ספר, וואָס מען האָט איהם געבאָרגט פון שטעדטעל.

אָט דאָס מאָל האָט ישכר בער און אַלע יודען זיך דערוואוסט, אַז מיט משניות יודען אַליין און מיט לערנערס קומט מען ניט אויס, און אַז אזוינע זיידעס קומען אויך אַמאָל דעם כלל שטאַרק צו ניץ.

# די בני שמעון
# און די בני לוי

# די בני שמעון און די בני לוי.

---

פארצייטען האט געלעבט אין רוסלאנד אין א שטאדט א יוד, װאס האט געהייסען אברהם. אברהם יונה'ס, א שטילער און א ערד־ליכער יוד, װאס האט זיך געהאט חונה און איז זיך נאכגעגאנגען זיינס. און געהאט האט ער צװיי זיהן, װאס זענען געבוירען געװארען א צװילינג און מעהר האט ער שוין קיין קינדער ניט געהאט. איין זוהן האט געהייסען שמעון און דער אנדערער האט געהייסען לוי; און ביידע זענען זיי געװען איין גרוים, און געלערנט האבען זיי ביי דעם איינענעם מלמד און ביידע האבען זיי צו דער איינענער צייט התונה געהאט און מיט דעם גלייכען נדן. און ביידע האבען זיי געהאט קינדער און אנגעהויבען צו האנדלען, טאקי דעם איינענעם מסחר פון זייער פאטער; אבער די תוצאה איז געװען גאר פערשיעדען: שמעון איז באלד אין אלעם מצליח געװען, און װאס ער האט געטהון און ער איז גיך געװארען דער גרויסער עושר; און לוי האט באלד אנגעװאוירען דעם נדן, דערנאך זיך איבערגעדרעהט און װידער פלאטשיק, און זיך אנגעהויבען מוטשען. דאכט זיך האט ער דאך דעם איינענעם שכל פון זיין ברודער און טהון טהוט ער דאס איינענע. און גאה שרייט הי וקים, ס'גערט ניט, און װיל ניט געהן. מ'מוז גלויבען, אז ס'איז דא א מזל, און דאס מאכט איינעם גרוים דעם אנדערן קליין. שמעון איז שוין געשטאנען ביי צװאנציג טוי־זענד רובל און נאך מעהר און זיין נאמען װאקסט און ער שפילט שוין די גרויסע ראליע; לוי אבער קאן גאר ניט דאסטיגאיען, האטשי ער ארבייט איבער די כחות און טהוט אלץ, כדי צו קומען צו א מעמד.

ס'איז געקומען אזוי, אז האטשי מ'האט געלעבט מיט אנאנדער ניט שלעכט און קיינמאל האט מען זיך ניט געקריגט, צי גאר זאגען איינעם דעם אנדערן א בייז װארט, איז מען דאך ביידע טאמענס קינדער און ניט אהן מדות, האט מען זיך אנגעהויבען מרחק צו זיין; און צװישען די װייבער — װאס פון זיי הייס מען

אַז זיי קאָנען אין זיך ניט פועל האַלטען — איז טאַקי געוואָרען אַ שטיקעל שטילע שנאה. לוי'ס ווייב איז ניט ווייניגער אידעל פון שמעון'ס ווייב, פערקעהרט זי קומט נאָך אַרויס פון אַ גרעסערען יחוס און פאַרוואָס קומט יענער זיך באָדען אין עשירות און איהר ניט? די קאָן ניט אַזוי חאַזיינען ווי יענע און אַזוי אַרויסגעהן ווי יענע. אַדאַי האָט יענע ביי איהר ניט צוגענומען, פערקעהרט, וואָס שמעון קאָן, לאָזט ער לוין צוקומען אַ פערדיענסט, און וועט איהם קיינמאָל ניט אָבשלאָגען אַ בקשה, אָבער לוי בעט ניט. איידער וועט ער מי יודע וואָס טהון, אַבי ניט אָנקומען צו'ם ברודער. — און שמעון, פערדיענט געלד. פון דער אַלטער שטאָדט האָט ער זיך אי־בערגעקליבען אויף דער ניי־שטאָדט און געקויפט אַ מויער, אַ שדוך געטהון מיט אַ קינד מיט אַ גרויסען גביר אין קרי"ה, אין לוי'ן געהט'ס שלעכט און דער קאָפּ זיינער טרוקענט איהם אויס פאַר זאָרגען. אין שטוב מוז מען זיך פיהרען בעלי־בתי'ש מיט אַ שטיקעל דיענסט איז מען דאָך שמעון'ס אַ ברודער און לייט קאָן מען ניט ווייזען אַלע לעכער; פון דעסטוועגען, ווייס איטליכער דעם אמת און מ'הערט ניט איינמאָל זאָגען; לוי'ן איז נעביך ניט גוט און ער מוז זיך מוטשען. און טהוט מען אַ קלער די דרכים פון רבונו של עולם, פערשטעהט מען אויך ניט: פאַרוואָס גיט ער איינעם צופיעל און דעם אַנדערן ווייניג? פאַרוואָס מוז שמעון אין אַלעם מצליח זיין און ביי לוי'ן איז פונקט פערקעהרט? —

און דאָ האַלט שמעון שוין ביי מאה אלף, אַ טייל זאָגען גאָר ק"ן אלפים. ער טראַסקעט אויף אַלע כלים און פאָהרט אַרויס, ווי אַ שררה; און לוי ציהט פון זיך ממש די הויט אַבי צו דערהאַלטען די שטוב. און דאָ וואַקסט אַריין איין מיידעל נאָך דער אַנדערער. אַלע זענען זיי קיין עין־הרע געראָטען און מיט אַלע מעלות, אָבער ווי גיט מען זיי אויס; דאָס טראַכטענדיג, שאָקעלט זיך איהם דער מוח. און דבורה'לע די עלטערע, און די שענערע איז שוין אַלט דריי־אונצוואַנציג יאָהר. און זי וויל גאָר אָנהייבען נייען פאַר אַנדערע און פערדיענען און העלפען טאַטע מאַמע; אָבער לוי וועט זיך בעסער'ל אָזען בעגראָבען לעבעדיגערהייט, איידער דאָס צולאָזען. און די מוטער, אַז זי זעהט ווי איהר טאָכטער זיצט פאַרנאַכט פאַר'ן

פענסטער און זינגט פאר זיך א שטיל ליעדעל, ניט זי גאר א חיון.

און קיינמאל איז ניט געקומען קיין שנוי אין לוי'ס מצב. זאגט מען דאך ס'איז א וועלט מיט גלגל החוזר. זאל זיך דאס רעדעל האטשי איינמאל צוריק א דרעה טהון. ניין! ווי א גזר דין מן השמים.

און האט שוין לוי יא התינה געמאכט די קינדער. — ביי יודען פלייבט מען ניט זיצען — האט זיך ביי זיי אויך אזוי אויסגעלאזט, ווי ביי איהם. זייער מזל איז געווען גענייט נאך דעם איינענעם מאס ווי זיין מזל, און מ'קאן דאס ניט מאכען אנדערש האטשי גיעה דראפטע זיך אויף די גלייכע ווענד.

און אזוי איז דאס געבליבען פאר אלע צייטען. שמעון און לוי זענען שוין לאנג געשטארבען, אבער זייער שאטען איז געבליבען נאך פון יענער זייט קבר. די בני שמעון זיי און זייערע קינדער זענען תמיד געווען די גבירים פון דער שטאדט, און איטליכער, וואס איז אריינגעקומען אין זייער משפחה, איז מצליח געווען און די בני לוי האבען זיך כל ימיהם געמוטשעט און אפילו איינער פון זיי איז ניט געקומען אויפ'ן רעכטען מעמד. די בני שמעון האבען געוואוינט אלע אויף דער נייער שטאדט, געהאלטען אין איינעם מיט די דאקטוירים און די אפטייקערס, און די בני לוי'ס זענען אלע געזעסען אויף דער אלטער שטאדט אין קליינע הייזלעך און קיינמאל איז זיי די זהן ניט אויפגעגאנגען. — —

אט דאס זאגט דער פסוק: ושני גוים בבטנך!

ליבוש מאיר

# דער קאַבלעפּעל

# לייביש מאיר דער קאַבלעפּעל

לייביש מאיר איז געווען אַ ייִד מיט אַ געלער באָרד אין אַ שטאַרקען האַלז און אין גאַנצען אַ בעלייבטער. אין קליידען איז ער ניט געווען דער גרויסער מקפּיד און האָט געקענט טראָגען אַ קאַפּאָטע אַ סך יאָהר כּסדר, דערפאַר אָבער האָט ער געהאַלטען פון עסען; ער האָט ליעב געהאַט, פּיפּקעס, לעבערלעך, געבראָטענע העלזלעך און דאַרע קישקע; אין טאַקי אַריינגעטהון אַ סך פעפער, אַז ס'זאָל ברענען און מען זאָל קענען דערנאָך פערטרינקען מיט ניינציגער, און פונ'ם גאַנצען שטאַרק הנאה האָבען... געהערען האָט ער געהערט צו די בעלי־בתים פון דער שטאָדט, און געוואוינט בעלי־בתיש מיט מעש און פיינע בענקלעך; אָבער געהאַט האָט ער קיינמאָל ניט דיין אייגענם אַ זעקסער, און אַ רעכטען מסחר האָט ער אויך ניט געטהון. וואָס איהר ווילט, איז ער געזען, אַ מוכר תבואה'ניק, אַ מבין אויף וואַלד, אַ שליש, אַ מעקלער, אַ דרעהער, אַמאָל גאָר אַ שדכן ביי נגידים, אָדער אַ שליה מיוחד אין אַ גרויסען ענין. אין אַלעמען האָט ער געוואוסט און צו אַלעמען האָט ער געטויגט. חאָטש ס'זענען געשטאַנען צוויי, איז ער געווען דער דריטער. דאָ גלייכט ער אוים מענשען; דאָ רעד ער רכילות אין ברענגט אַריין אַ שנאה צווישען גוטע פריינד. איז אַ מהלוקת צווישען דעם רב אין די שוחטים, איז ער אויף ביידע צדדים... קריעגט זיך די קלויז מיט'ן בית־המדרש, איז ער תמיד דער הויפּט־טהוער אין דערנאָך מאַכט ער אַליין שלום. אויף התונות אויף בריתן איז ער אַדאי אַ געהער. דאָ געדט ער גאָר מיט'ן רב קלייבען געלד אויף מעות חטין, ניט אַליין צוויי קערבלעך און דערווייל באָרגט ער צעהן... אין אַלע קלייטען איז ער שולדיג, ביי אַלע ווינשענקערס האָט ער קאָנטע; און אויף איהם זאָגט דער פּסוק: ער ועט איך קיינמאָל ניט לייק־

נען און קיינמאל ניט בעצאהלען. איינגאנצען א גיטער ברודער, א שטיקל, האלט מיט משכילים און מיט חסידים. קען א סך נייעס און וויים צו דערצעהלען פון פריצים און גרויסע שטעדט... דאכט זיך ער שאקעלט איך צו מיט'ן קאפ, און פונדעסטוועגען זענט איהר דער נאר און ער איז דער קלוגער. א אמתער שיבּיניק און א לעבעדיגער. זיצט ניט איין מינוט אויף א ארט. שטעקט אימער־טום, ווייסט פון אלע סודות, האט ליעב צו זאגען א נבול־פה, דער־צעהלען ווערטלעך. מיט'ן פריסטאוו איז ער אויך א קנעפעל, האטש מיט'ן רוסישען האנפערט עם אביסעל, אבער אזוינער קומט נאטשאל־סטווא צוגיין... זעצט מען איינעם איין און מען דארף איהם ארויס־מעהמען, פערשטעהט מען זיך אויפ'ן וואונק. איך גלאט אזוי הייסט ער דעם ברענגען דעם פריסטאוו א הוטעל צוקער, דעם א פונט טיי; און איז גאר א הארבע קשה, נעהמט ער אויף צו קלאמפערשטען אליין א דריידעל... היינט ועהט מען איהם שטעהן מיט'ן אוריאדניק, מאדנען טרינקט ער ביים גלה טיי. אפילו צום פאמעשטשיק האט ער צוטריט. אז מען וויל בויען, איז ער א מאכער צו בעקומען פלאץ. קומט דער סאחיעטניק ווענען בלעטלעך אויף קלייטען איז ער דער שליח; און קומט להבדיל א רבי אין שטאדט אריין, מוז ער זיין פון די ערשטע צעהן אין גיט עצות. און אז עס קומט אינמיטען א מסירה'לע, איז ער טאקי דער וואס ווישט אב און זאגט דעם רבי'ן: „האט קיין מורא ניט, איך נעהם אלין אויף מיר". ביי איהם איז ניטא בטל ווערען, צו פערליערען דעם קאראוש. אבער דערפאר אליין, וויל ער מאכט דאס אהן גאות, איז ער אומעטום א געלעגענער גאסט, האטש ער איז תמיד דער נעהמער און ניט דער געבער...!

ביי איהם איז אפילו ניטא דאס געפיהל, איך האב ניט קיין געלד, היינט מוז איך איך בעצאהלען. וואס הייסט מיזען? וואס הייסט ניט האבען? האב איך ניט, האט יענער, ערגעץ איז דאך דא געלד, אויף דער וועלט, א גאנצער כלל איז ניט ארעם....דאס איז דאס, אדהם איז געוועזען די גאנצע שטאדט שייך און פון איטליכען האט ער ארויסגעצויגען א קערבעל, אז ער האט דאס בעדארפט. לייביש מאיר האט טאקי א חלק ביי איטליכען, דאס איז שוין אזוי געוועזען פון תמיד אן; ס'איז

דאָך פאַרהאַן אַ רשות הרבים...

עֶר גְלֵייבּט אין גאָט און טהוט לִיפּלִיג פון אַלדעֶם, וואָס אַ יוד דאַרף צו טהון, און פונדעֶסטוועֶגעֶן איז דאָס איהם גאָרנִיט נוגע. עֶר לעֶגט תפילין, אַלֵיין עֶר טהוט אָן אַ לֵייבּיל, און דאַוונעֶן איז איהם אַזוי ווי אַ רעֶדִיכץ... און אַז מ'ווִיל קען עֶר גאָט נִיט אָפּנאַרעֶן און זאָגעֶן אַזוינס, וואָס ווען אַנ'אַנדעֶרעֶר וואָלט דאָס געֶזאָגט, וואָלט דאָס געֶוועֶן אפיקורסת... צִי עֶר איז אַנ'עם-הארץ, צִי אַנ'איידלעֶר, ווייסט איהר קיינמאָל בֵּיי איהם נִיט דעֶרגעֶהן. פון אַלעֶם ווייס עֶר אַבּיסעֶל און פון אַלעֶם האָט עֶר אַבּיסעֶל געֶנאַשט, און ס'איז איהם גענוג צו הערעֶן דעֶם נאָמעֶן פון אַ שטאָדט, כדי צו רעֶדעֶן פון איהר אַ האַלבּעֶ שעה. אין קיעוו, אין דעֶר גובעֶרניעֶ איז עֶר אויסגעֶבּאָרעֶן, און ס'איז אַ סברה, אַז עֶר איז דאָרט קיינמאָל נִיט געֶוועֶן... און אפילו לֵייפּציג, צִי בּראָדי, צִי קישינעֶוו, צִי הערסאָן צי די קאָראַאימעֶן אין אָדעֶס, צִי בּראָדסקי, וואָס ווייס עֶר נִיט. און אַז ס'קומט אַ קריעג, איז עֶר דעֶר עֶרשטעֶר ידען און טאָלקאָוועֶט אייך איטלִיכס שלאָגעֶן זיך מִיט'ן פיינד. קומט אַרויס אַ נייעֶר אוקאַז, ווייסט עֶר אייך אַלעֶ פרטים... פון הלכות פריזיוו גאָרנִיט צי רעֶדעֶן. בּיי אַדעֶלעֶ, וועֶגעֶן אַ ירושה, דרינגט עֶר אייך אוים כל מיני אַדוואָקאַטסטווא. און ווער שמיעֶסט אין עניני רפואות, אַז גאָט העֶלפט, און ס'געֶדט אַרים אַ שלאַפקייט, ווען אין לאָדיזעֶן וואָלט נִיט געֶוועֶן לֵייבּיש מאיר, וואָלט איטלִיכעֶן געֶפעֶהלט די רעֶכטעֶ אָדעֶר.

אַזאַ יוד מִיז זיין אין שטאָדט, ס'איז עֶפּעֶס אַ מין קיט, וואָס קלעֶבּט צוזאַמעֶן אַ סך מעֶנשעֶן. פאַר לֵייבּיש מאיר'ן שעֶמט מען זיך נִיט. איהם דעֶרצעֶהלט מען פון אַ עני-בית צִי אַ עני-משפחה, צִי ווען איינעֶר האָט אויף זיך אַ פעֶקיל, וואָס איז בסוד סודות, — און אין אַ עניָן שדכנות, וואָס דעֶר שדוך שטעֶקט שוין נאָר מִיט פּאָלִיטִיקאָ, איז עֶר אודאי דעֶר בּעֶסטעֶר יועץ און ווייסט שוין וואָס ס'פּיהרט צו אַ עֶק. עֶר איז אַ שטיק ספר הזכרונות און האַלט די קלאַמקעֶ צו דעֶר טהיר פון יעֶדעֶר זאַך...

איך מוז אייך אויסזאָגעֶן, אַז לֵייבּוש מאיר האָט געֶהאַט אַ ווייבּ אַ דאַרעֶ און אַ הולנית, און אַ היץ די צייט פון אָנבּייסעֶן און וועֶטשעֶרעֶ, האָט עֶר פיינד געֶהאַט צו זיצעֶן אין דעֶרהיים. דאָס האָט

איהם געשאַרפט דעם מוח, און דאָס האָט איהם געמאַכט אַ רצוי לרבים. אַז ער וואוינט מעהר אויף דער גאַס און ביי יענעם, ווי ביי זיך. אַז ער געדענקט אויף אַ שמחה'לע צו גלאַט אַזוי אַ אויסרעדע צו פערזוכען גוטע וואַרעניקעס צי קנישעס צי גאָר גריוועֶן, און זעצט זיך אַנידער ביי יענעמ'ס טיש, איז ער געבליבען ביז אין זיבענטען הימעל. ביי איהם איז געווען עסען בחברותא אַ שטיק גן-עדן, און לעבען אויפ'ן גאַס דאָס אייגענע, ווי דעם פיש דאָס וואַסער. דאָס דרייעריל, וואָס מען האָפט דאָס אין מאַרק האָט גאָר אַנאַנדער טעם. ניט דאָס געלד איז דער עיקר, נאָר דאָס אויפטוה. איהם איז געווען אַ הראַבראָסט צו מאַכען מיט לעדיגע פינגער אַ פסח מיט ווייַן און מיט אינדיקעס און מיט כל מאכלים טובים, און גאָרניט, וואו האָט ער דאָס גענומען? ער ווייס אַליין ניט, דאָ, דאָרט, נסים, געליען, געבאָרגט, פערדיענט, טויזענד פלאַים און אַזעלכעס האָט ער ליעב. וואָלט איהם צוגעפאַלען אויף איינמאָל אַ ירושה פון טויזענד רובל און ער וואָלט ניט בעדאַרפט צו דרעהען אין צו האָפען, וואָלט ער געווען אומגליקליך. איהם איז געווען זיין אופן צו לעבען, ווי דעם פויגעל דאָס פליהען אין לופט און ווי דעם טיעפען לערנער דער „מהר"ם-שיף"...

לייבוש מאיר האָט געהאַט פיער טעכטער: וויטע,ביילע, שיינדיל, בראָנע. צובילעך מיאוס און קיין אַנדערע מעלות אויף ניט, נאָר פשוט גרויסע מיידען, וואָס מען דאַרף זיי חתונה מאַכען און געלד האָט מען ניט צו זיי; און פונדעסטוועגען זענען זיי אַזוי פערזאָרגט, הלואי אויף אַנדערע יודישע טעכטער געזאָגט געוואָרען. נדן צוגעזאָגט אין ניט געסלקי'ט אַ גראָשען, פונף יאָהר קעסט און אָבגעקומען מיט אַ פאָר חדשים, הלבשה און מתנות אַרייַנגעשריבען אין די תנאים, און דער יונגערמאַן האָט שוין אַ האַלב יאָהר נאָך דער חתונה געמוזט מאַכען זיין ווייב נייע קליידער, און מיינט איהר ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען, אַז מען האָט איהם אָבגענאַרט, ניין, אסור! לייבוש מאיר האָט בעוויזען אין די שדוכים מיט זיינע טעכטער און זיי חתונה מאַכען מיט מענער מיט פרנסה און ליטווישע און פון שענע הייזער אַזוינע קינטסען און אַזוינע מיני בריהשאַפט, אַז ס'איז טאַקי געווען צו חידוש'ן זיך. פון אָנהויב ביז'ן סוף אַרייַן איז דאָס געווען אַ מין דרעהען, אַ מין איינרעדען, אַ מין יענעם

פארשפינען מיט טויזענד פעדען, און קלאמפערשט מיט א הארץ פון א פאטער, וואס לאזט זיך פאר זיין קינד אבשניידען די פינגער, און מען דארף נאר צו זיין זיין איידעם, כדי צו וויסען וואס פאר א גליק דאס איז אריינצוקומען אין אזא שטוב ווי זיינע... איהר קענט אייך ניט אויסמאלען, ווי אזוי ער פלעגט רעדען מיט א מחותן, און תמיד ברייטליך. ער, לייבוש מאיר, נעהמט אלץ אויף זיינע פלייצעס. די קינדער און נאר די קינדער, דאס איז געווען איטליכס פינפטע ווארט. און די יויך פון דער מחותנת׳טע האט ער אבגעלויבט אין טאג אריין, און פון איינגעמאכץ אבגעלעקט די פינגער. און איז דער מחותן אויך געווען א גלעזעטשקער און האט אנגעהויבען צו מאכען הויות און געגעבען א רעה מכה איינלעגען דעם נחת. — האט ער גלייך אנגעהויבען מיט איהר, טאקי מיט׳ן התנ׳ס מוטער, און זיך אנידערגעזעצט מיט איהר אויף פיער שעה שמיעסען און אנגעהויבען אויסצוהערען פון איהר מששת ימי בראשית; ווי אזוי זי האט דעם חתן געהאט, און ווי אזוי ס׳איז איהר געווען שווער אויפ׳ן הארצען, אז זי איז מיט איהם פערגאנגען אין טראגען... און היינט ווי זי האט איהם מגדל געווען און גלאט אזוי צרות, און צום סוף לאזט זי א טרעהר... און דא האט לייבוש מאיר אנגעהויבען, די קינדער דארפען נאר צו קימען צו איהם, אין זיינע הענד, ער וועט שוין שטעלען די קינדער אויף די פיס. וכך הוה! א בעזונדערן מזל האט ער צו זיי געהאט און זיי אויך. אהן נדן אנגעהויבען און זיי זענען שוין במוחים אין לאדיזין.

אזוי איז מען א יוה שוין מיט פיער אויסגעגעבענע טעכטער, און מען האט ניט א פיאטאק... און מען לעבט, ווי אלע מענשען. און מניה וביה איז מען שוין אלט געווארען איבער פופציג יאהר, און נייע דורות וואקסען ארײַן מיט הוסיש און מיט קענטיכצען און לייבוש מאיר איז אלין דער אייגענער. געבען א טראכט מכח יענער וועלט, דאס האט ער ניט אין זין. דערווייל איז מען דא און מען דרעהט ווייטער... אזוי האט לייבוש מאיר אבגעלעבט זיינע פינף און זעכציג יאהר אהן א גראשען און אהן גרויסע ירושות און האט מעהר געהאט פון דער וועלט, ווי א סך אנדערע. — —

# דער ליגנער

# ער ליגנער.

שלום לייזער, א איינציגער יוד פון דער נייער שטאדט. דער גרויליכער בארד איז אביסעל אונטערגעשוירען. טראגען טראגט ער א געפרעסטען קאלנער און א ריינעם סערדוט, די שטיוועלעטען זיינען אלע טאג געוועקסעלט. צו די פרומע געהערט ער ניט און אז ער וויל יענעם איינרעדען, אז ער האלט להלוטין צו די היינטיגע, לאפעט ער אויף יודען. — יום כפור אבער אדער גלאט אזוי אין דער פריה ביים דאוונען גיט ער א שטילען הליפ. ער שטאמט אפילו פון נגידים, אליין איז ער אבער שוין לאנג ניט קיין עושר. געלעבט האט ער כל ימיו פון דער ירושה, וואס איז איהם געבליבען פון זיין מאמען, דאס הייסט, ער האט אלץ אויפגעגעסען און האט פערקויפט איין קלייט נאך דער אנדערער, דערנאך דאס זילבער און דעם ווייבס צירינג, דערנאך אפילו דעם גוטען טכוירענעם טולופ. און די שענע שטוב, וואס איז איהם נאך געבליבען מיט׳ן מעבעל, איז שוין צעהן מאל פערזעצט, א כלל, ער האט ניט קיין אייגען האר אויפ׳ן קאפ. און גיט איהם א פרעג, גלויבט ער ניט, אז אנדערע האבען יא. אלע נגידים זענען פערשולדיגט ביז איבער די אויערן, און די וואס האבען נאך ניט אנגעזעצט וועלען נאך אנזעצען. עס איז ניטא קיין אמת אויף דער וועלט. יענע יאהרען איז געווען גאר אנדערש; געלד האט מען געשארט מיט די לאפעטעס, און ער אליין אז ער האט אנגעהויבען צו האנדלען נאך דער חתונה האט ער פערדיענט אין איין חודש, וואס ליבערמאן אין קיעוו פערדיענט היינט א יאהר. אויך די פריצים פון אמאל זענען געווען גאר אנדערע פריצים און דער מסחר איז געווען גאר אן אנדערער מין מסחר. וואס האט איהם דעמאלט געפעהלט? אזוי האט ער ניט אנגעשפארט? הערט אזא מעשה, ער קומט איינמאל צו פאהרען קיין קיעוו און וואוינט אויף קרעשטשאטיק אין א ערשטע נומער. קלאפט

עס אין דער טהיר, און ווער קומט אריין? פאטאצקי. פאטאצקי אליין און זאגט איהם: דיר שלום לייזער, איך איבערגעב „דעם גאנצען צוקער פער קאמיסיע פון אלע מיינע סאכארנע זאוואדען". איינמאל האט ער געהאפט מיה ליד למ"ד אלף קערבלעך פראוויזיע. ער פלעגט אזוי פיעל פערדינען, אז עס איז איהם נמאס געווארען רעכענדיג... און געפיהרט האט ער די גרעסטע מסחרים אהן א שרייב-פענדעל און אליין אויפ'ן קאפ. שוין צוריק מיט דרייסיג יאהר האט ער גערעדט פויליש, אז אלע פריצים האבען זיך געחידושט. און ווי איז ער דעמאלט געגאנגען אנגעטהון? קארט אויף א סערדוט פון פופצעהן רובל א ארשין, יא פופצעהן רובל, ווי איהר זעהט איהם לעבען. און זיין ווייב האט געטראגען א זיידען קלייד פון דעם אייגענעם זיידענס, וואס האט געטראגען אפרתי'ס און בראדסקי'ס טאכטער. איהר ווייסט ניט, וואס ער האט געקענט. אז ס'האט זיך איהם פערגלוסט א פאר קאשטענס, האט ער פאר זיי בעצאהלט פאר איטליכען צוועלף הונדערט רובל. וואס האט ביי איהם געזנאטשעט א טויזענדער? ווער האט דאס געהערט ווי היינט, אז אכציג קארבאנצעס זאלען אויסמאכען א גרויסען פערדיענסט, צו גאר א פינף און צוואנציגער. דעמאלט האט ער געקאנט נעהמען טאקי א גאנצען פופציגער און פעררויכערן דערמיט א ציגאר. און טרעפט וואס ער האט אמאל געגעבען פאר א ביטעלקע אונגארישען וויין אויף ארבע כוסות, דרייסיג קערבלעך, ווי איהר זעהט איהם לעבען.

שלום לייזער אליין האט אויך ניט פיינד געהאט אביסעל משקה, אמאל, אז ער האט געקענט — גוטען און היינט אפילו שלעכטען... און אז קיינער האט ניט געזעהען, האט ער זיך פערהאפט אין א קעלער און האט געטרינקען פון 25 גרולים א פלאש. און וואס ס'איז מיט איהם געגאנגען ארונטער, האט ער אליין געזאגט גרעסערע ליגענס. ווער פערשטעהט ווי ער אין זאכען פון צירינג פון ברילאנטען און פערעל, האט דאך זיין ווייב געטראגען פערעל וואס זענען געווען אזוי גרויס ווי קליינע אוזערנע ניס. פאר א פאר אויררינגלעך האט ער בעצאהלט מזומנע 5 טויזענד קארבען, און א סך מבינים האבען געזאגט, אז דא ס'איז נאך א מציאה. היינט פוצען זיך אלע מיט ווארשעווער זילבער, מיט אפגעגילטע קייטען, ס'איז דער עולם

השקר אין אַלעמען, ווי איהר קוקט אַהין.

דעמאָלט, אַז עס האָט בײַ איהם געקײַקט, אין זײַן נאָמען איז געגאַנגען ווײַט איבער פרײַסען, איז ער אַמאָל אַ פּאָהר געטהון קײַן אונגאַרן. וואָס מײַנט איהר, וואָס פאַר שטעדט מ׳זעהט דאָרט. ווי די מענשען געהן אַרום מיט די רויטע באַקען אין די דיקע טײַס־טערס. און געהן געהט מען אויף גאָלע ווײַסע שטײַנער. וואָס איז אפילו קיעוו קעגען טשערנאָוויץ. האָט איהר אַ השגה, וואָס ער האָט דאָרט געזעהען, און וואָס ער האָט פון דאָרטען מיטגעבראַכט, אַ זײַגער, וואָס אַז ער פלעגט שלאָגען, האָט אָנגעהויבען אַלײן צו שפּיעלען, אין ס׳זענען אַרויסגעפלויגען צווײ פײגעל, וואָס האָבען געפּיפּסט, ווי לעבעדיגע...

און מײַנט איהר, נאָר גיטעס, גאָלע גוטס האָט ער געזעהען אינ׳ם לעבען, שלעכט איז איהם אויך אַמאָל געגאַנגען; עס האָט געהאַלטען אַזוי, ער זאָל פערליערען אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, וואָרום ער איז דאָס מאָל שטאַרק פערקראָכען אין ציקער, און צוקער איז דעמאָלט געפאַלען מוראדיג... אַז ער וואָלט ניט געווען ער, שלום לײַזער, און עס וואָלט געהען אַנ׳אַנדערער אויף זײַן אָרט, וואָלט ער צעהן מאָל געבראָכען דעם קאָפּ. וואָסזשע טהוט ער? ער געהט אַריבער צו העניכען, צום גרויסען העניכען און זאָגט איהם: „העניך, באָרגט מיר פופציג טויזענד קערבלעך אויף דרײַ חדשים, כדי איך זאָל קענען אַלץ דעקען, און גלויבט מיר, עס זאָל ניט זײַן אײַער שאָדען“. און העניך נעהמט און גיט איהם די פופציג טויזענד רובל און אָהן אַ התימה׳לע, אויפ׳ן וואָרט, ער האָט אַלע אָבגעצאָהלט, און דערנאָך אַז ער האָט געהאַט כּח אָבצוּוואַרטען, איז דער צוקער ווידער געשטיגען, און שלום לײַזער איז ווידער פון אויבען.

וואָס האָט איהם אינ׳ם לעבען פּאַסירט. אַמאָל, אַז ער איז געפאָהרען מיט אַ שליטען אין וואַלד, האָבען איהם בעגעגענט צווײ וועלף. דער גוי, וואָס איז מיט איהם געפאָהרען האָט זיך דערשראָקען און האָט ניט געקענט זיך רידהרען פון שטעל. ער אָבער האָט אַרויס־גענומען דאָס פּעקעלע שוועבעלעך און האָט אָנגעצונדען אַ סירניקעל, זענען זיי אַנטלאָפען!

וויפיעל מאָל איז ער שוין געווען טויטט קראַנק, אַז די דאָק־

טוירים האָבּען זיך מיאש געווען, דריי טאָג איז ער געלעגען אָהן לשון; און מען האָט שוין אָנגעהויבען איהם צו בּעוויינען; און אויפ'ן פערטען טאָג איז ער אויפגעשטאַנען פריש און געזונד און אַלע האָבּען זיך געחידושט. אַז ער האָט אַ גוף ווי אייזען. פרובּט איהם געבּען אַ גליהענדע קויהל אין האַנד, צי ער וועט געבּען אַ פּיפּס צי אַ ריהר מיט'ן אויג. אַ רופא האָט איהם אַמאָל געצויגען דרייצהען פּעניאַקעס אויף איינמאָל. ער זאָל זיך נאָך געבּען אַ קרים. אַז ס'האָט געבּרענט אין אייסין די גרויסע שוהל, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין פייער אַריין און האָט אַרויסגעטראָגען דעם גאַנצען ארון-קודש מיט אַלע ספר-תורות. מיט יוהגן עטינגעה האָט ער אַמאָל געוועט, צו נעה-מען אַ מילשטיין און זיך דריי מאָל מיט איהם איבּערדרעהען, און ווער האָט געווינען דעם וועט? ער.

אַזוי האָט ער זיך איינגערעדט אין אַלעמען, וואָס ער האָט גע-רעדט און האָט תמיד געגלויבּט, אַז ער זאָגט דעם ריינען אמת. ס'איז געווען אַ תענוג אַזוי פון זיך צו רעדען, און אין האַרצען האָט ער געפיהלט, אַז מען מוז דאָך די היינטיגע דורות ווייזען, ווי אַזוי מען האָט אַמאָל געלעבּט און וואָס דער מענש האָט אַלץ געקאָנט...

מענשען האָט ער ניט ליעבּ געהאַט, קיינעם ניט. אפילו ניט זיין אייגען ווייבּ און קינדער; אין פונדעסטוועגען האָט ער געוואָלט עס זאָל קומען איבּער אַלעמען אַ אַנדער השגה, דער עיקר איז, אַז מען האָרף ניט אַרומגעהן צוגעשניירט און אַלץ אָבּגעמעסען און מורא האָבּען און פּלאַטערן. דראַבּראָסט! דאָס איז געווען זיין זאַך. היימט איהם אַריבּערשווימען דעם גרעסטען טייך, צו נאָכלויפען גנבים, אַז זיי האָבּען איינעם אויסגעגנב'עט בּיינאַכט. אפילו פאַר מאַגיען אַליין האָט ער אויך קיין מורא ניט. האָט ער ניט אַמאָל דערלאַנגט אַ פּאָ-כאָטשניק פּריסטאַוו אַ כּוזמנ'עם פּאַטש, אין היץ דעם, וואָס מען האָט איהם גאָרניט געטהון, איז נאָך יענער אַראָבּ פון בּענקעל...

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט און זיך גערימהט אין טאָג אַריין, איז איהם געגאַנגען שלעכטער און שלעכטער. די שטוב האָט מען איהם שוין צוגענומען און געוואוינט האָט ער אין שכנות. זיין בּירגעס איז געווען אַזוי אָבּגעטראָגען, אַז ס'האָבּען זיך פון איהם געפּאָדימט די פּערים. אַ געפאַלענער און דער אמת'ער יורד, און אַצונד, ערשט

אַצונד פיהלט ער זיך פאַרזעצט גאָר אין אַ אַנדערע מין וועלט. האָט ער דאָך אַמאָל געוואוינט זומער אויף אַ דאַטשע, אין יענע יאָהרען וואָס אפילו יהודי סגולה האָבען דאָס נאָך ניט געטהון. עפּעס לעבען אַזוי אין אַ דאָרף און האָבען פאַר זיך אַ אָגראָד און דאָ זיצט מען דאַכט זיך שטיל און אין דערהיים דרעהען די מסרים און סלויפען אָן די קוויטעס אויף טויזענדער...

וואָס איז ביי איהם געווען פערדיענען? וואָס האָט ביי איהם געזונאַטשעט אַ מסדר'ל. מענשען האָבען פון איהם געלעבט און ניט ער פון אַנדערע. גיט אַ פרעג, אויב עמיצער האָט אויף איהם געקלאָגט, אויב ער האָט נאָך ניט געלאָזען איבערגעהן זיינס. אַ כלל האָט ער ביי זיך געהאַט זיך ניט צו סודיען, וואָרום ער האַלט ניט פון אַזוינע זאַכען. פון דעסטוועגען, אַז ס'איז איהם אַמאָל דער־גאַנגען צו דער לעבער, האָט ער געפיהרט אַ דיעלע ביז קיין פּע־טערבורג און ביז צום סענאַט און האָט געוווּנען. די גרעסטע אַדוואָ־קאַטען האָבען געזאָגט, אַז ער וועט פערליערען. דערפאַר האָט ער דאָך זיין קאָפּ אויף זיך און הייסט שלום לייזער.

און שלום לייזער איז נאָך מעהר געפאַלען. פיעל מאָל האָט מען איהם אַרויסגעוואָרפען, וואָרום ער האָט ניט געהאַט צו צאָהלען דירה געלד. די בנים זיינע זענען געוואָרען שאַרלאַטאַנעס, און האָט ער זיי געפּרובט זאָגען אַ וואָרט, האָבען זיי דעם אייגענעם פאָטער געקענט מבזה ומבזה זיין. אויסגעזעהען האָט ער אויסגעדעהערט. און האָט ער אַמאָל דערטאַפּט אַ בעקאַנטען אין געקריגען פון איהם אַ האַלב קערבעל, האָט ער דרייסיג קאָפּיקעס געבראַכט אַהיים און צוואַנציג האָט ער אַוועקגעגעבען אין אַ שענק אין זיך אָבגעוואַשט דאָס מויל. — דער צער זיינער און דער כעס אויף די וועלט, וואָס בע־שטעהט פון לויטער לעדיג־געהערס און קיינער פערשטעהט ניט צו געהן דעם רעכטען וועג, אַזוי ווי ער האָט פערשטאַנען, איז געווען גרויס. פריהער אַז ער איז נאָך געגאַנגען אָנגעטהון ווי אַ מענש, האָט ער האָטש געקונען אויערן זיך אויסצורעדען. אַצינד שעמט מען זיך מיט איהם אַנידערצושטעלען אויפ'ן גאַס. ס'איז ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט!

# אין דער וועלט אריין

# אין דער וועלט אריין.

משולם זיסא האט זיך אויפגעהויבען אין דער פריה און האט זיך אוועקגעלאזט אין דער וועלט אריין, ווי מען זאגט מיט גארנישט. וואס בעדארף א יוד אויפ'ן וועג מעהר, ווי א פאר העמדער און א פאר תחתונים אריינגעלעגט אין טלית און תפילין אריין און צונויפגעבונדען מיט א פאטשיילע; נאר איין קלימעקעל געהמט מען מיט און דאס איז דער בטחון, דער בטחון אין בורא, אז ער וועט איהם נישט פערלאזען. משולם זיסא האט אליין נישט געוואוסט, ווי עס האט זיך היינט גענומען צו איהם דער רצון צו געהן אין וועלט אריין, נאכדעם וואס ער האט אבגעלעבט אין אדרימאווע זיין רוב שנים. ער האט פשוט גענומען דעם שטעקען אין האנד אריין און האט געזאגט: רבונו של עולם! אז דיר איז נידא, אז איך זאל אבלעבען דא אזוי פיעל יאהרען און זאל מיך נישט צושלאגען צו א שטיקעל פעמה, וועל איך דיר ווייזען, אז איך פערשטעה דיין וואונק. למאי זאל איך מיך געזעגנען מיט'ן ווייב און איהר אנטהון יסורים? וועל איך צוריקקומען אהיים מיט עפעס, איז גוט, ווען נישט, צו וואס טויג איהר דער דלות אין צווייען? געלויבט זאל זיין זיין נאמען, אז איך מאך האטש נישט קיין זיברה. אנגעזעצט האב איך קיינעם נישט און כל ימי האט מיר קיינער נישט געוואלט לייען קיין גראשען. אדרימאווע דערלעגט נישט צו דעם, וואס איך געה אוועק, נאר דאס וואס ס'בלייבט וועניגער א קבצן, אזוי האט משולם זיסא א שטארקען שמעק טאבאק געטהון און זיך געמאכט א הארץ. עפעס א קלייניגקייט, א יוד אין זיינע יאהרען, וואס איז שוין גראהליך געווארען, און די פיס זענען שוין אויך נישט אזוי ביי די כחות לאזט זיך אוועק פון זיין שטאדט אין הויבט אן צו זוכען א ניי מזל. א מיוחס איז ער אפילו נישט און ער איז געווענט אויסגעריסען און פערשווארצט ווערען, אבי צו

פארדינען דאס שטיקעל ברויט אזא מוסר פרנסה, ווי ער איז, אין אהרימאווע האט איהר דען געזעהען? צו זיין א מוסר פרנסה און צו האבען חלה אויף שבת און א פיצעל פיש איז נאך נישט אזוי שלעכט, אבער קיין פרנסה און קיין חלה אויף שבת און אפילו נישט ברויט אין שטוב, וואס דארפט איהר מעהר? לאמיר זיך נישט נארען, אז משולם זיסא האט ביי זיך גומר געווען דעם ענין אהן א רבי'ן און אהן א יועץ, מסתמא האט ער געפוהלט, אז עס קען שוין אנדערש נישט זיין און אויף דער אמת'ען איז דאס א סך בעסער, ווי צו בלייבען זיצען אין דערהיים און זיך קראצען, ווי אנדערע, ביי דער רובע אין ווארטען אויף א נייען יציאת מצרים, וואס מען רופט דאס ארגענטינא צי אמעריקע. משולם זיסא האט נישט געוואוסט פון די אזוינס. ער האט נאר געוואוסט, אז עס איז דא א וועלט אין די וועלט איז גרויס, און אז מען לאזט זיך אוועק, שלאגט מען זיך שוין צו צו עפעס...

ביי דער ערשטער קרעטשמע, ווי מען גערעדט קיין דאשעוו, האט זיך משולם זיסא אנידערגעזעצט און האט אנגעהויבן טראכטן... משה בער דער קרעטשמער האט איהם גוט געקענט, א יידישע נשמה קען מען נישט לעשען. ער האט איהם גלייך אנידערגעשטעלט א טרינק בראנפען, און היקא אימזיסט, און חקא שלעכטען, און א שטיקעל ברויט מיט א אוגערקע אויך, אין האט איהם געהייסען זיך וואשען. גארנישט צו א מצוה לעגט מען נישט צו! משולם זיסא האט זיך גארנישט געפרובט נאריש מאכען און בעצאהלען, אז ער האט אפגעגעסען און אפגעבענשט האט ער זיך געוואלט ארייגלאזען מיט משה בער'ן אין א שמועס אין איהם פרעגען, ווי ווייט עס איז נאך קיין דאשעוו און ווי מען קען נעכטיגען. ער האט אבער געזעהען, אז די זון שטעהט שוין הויך אין ער האט געוואלט אנקומען קיין דאשעוו בעוד היום גדול. משה בער האט איהם אויך נישט צוגעהאלטען.

געשטארקט און אויפגעמינטערט פון דעם ביסעל עסען און טרינקען, האט ער שוין נישט מעהר געהאט דעם מרה שחורה פון אין דער פריה. געטראכט האט ער זיך: אל תנסו את ה'! ווי קום איך צו העלען זיין קליינער פאר נאס? בין איך אפגעזעסען אויף איין ארט

אזוי פיעל יאהר אין האב מיך געהאלטען, וואס זאל איך אנהויבען זוכען ביי נייעם? אלט בין איך שוין און איידער איך קום צו א נייען מעמד, גיט מען א שטארב, ולמה כל עמלי? און צו וואס האב איך מיך געמוטשעט און בין פערוואגעלט געווארען אין דער פרעמד? און אז מען וויל קלערען צוריק, וואס הייסט דאס, געהן אנטלויפען פונ'ם איבערשטען? אז ער וואלט געוואלט, אז משולם זיסא זאל האבען פרנסה אין אדרימאווע, וואלט ער דען נישט געקאנט? היה ה' תקצר? קאן גאט נישט, אז ער וויל. און ווער ווייסט, טאמער ווערט ער נאך פערשלאגען צווישען ליטוואקעס? און וואס איז דאס איילענעש? פארוואס איז ער נישט געבליבען אין דערהיים איבער שבת? ווי געדט דאס א יוד ארוים אין אזא מהלך רב אין א מיטוואך, אינמיטען וואך? מארגען איז שוין דאנערשטאג, איבערמארגען פרייטאג, אזוי געדט משולם זיסא פאוואלינקע אין טראכט: וואס האט ער צו האפען? וואס ער געדט א שריט, איז אלץ נעהנטער צו אדרימאווע, ווארום ער איז באלד פון קרעטשמע געגאנגען צוריק און האט זיך גארנישט בענומען געהן קיין ראשעוו? פארוואס האט זיך איהם פערגלוסט צו געהן גראד קיין ראשעוו און נישט קיין טעפליק? טעפליק וואלט אפשר געווען א סך גלייכער. און וואס ער קומט נעהנטער צו אדרימאווע, געפעהלט איהם טעפליק אלץ בעסער און בעסער, אונזער טעפליק האט ער אויך א שטיק קרוב...

וואס זאל איך מאריך זיין. משולם זיסא איז געשטארבען א קבצן אין אדרימאווע, טאקע בעיר מולדתו, ווי גאט האט געבאטען, און ליגען ליגט ער בעגראבען צווישען אלע קבצנים. תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים! דער איבערשטער זאל איהם העלפען, ער זאל כאטש אויף יענער וועלט זיך צו עפעס צושלאגען...